STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05057

DOS BES HAMIKDESH

Yehoshua Yosef Kolbo

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס בית המקדש

מצב ירושלים

אין די צוויי ספרים ווערט בעשריבען אונ ערקלערט אויף ריכטיג די היילינגע שטאדט ירושלים, אונ אללע היילינגע געגענדין פון אונזער פאטער לאנד, אויך אללע כלים פון בית המקדש די געוויכט פון גאלד אונד זילבער אונד אבנים טובות אונד די קונצטשטיקען וואס איז געוועזען אין יעדער כלי אוים געארבייט, אונד די געהיימע טויערען, וועלכע ירושלים האט געהאט אונטער די ערד.

ערשטער טהייל.

הערויס גיגעבען פון דען ערשטען אונד בארימטען פערפאססער דעם ארכילאגישען קאבינעטס הרב המפורסם מו"ה יהושע יוסף בהר"ר יעקב מנחם ז"ל כלבו אוים ווארשויא.

דריטע פערבעסערטע אויפלאגע

צוא געגעבען נאך פיעל ריכטיגע ציורים פון בית המקדש,

נאכדרוק פערבאטען

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק פונק נ"י בווילנא

ווארשא. תר"ס.

דרוק פאן האלטער עט קאמפ, נאלעווקי 7.

МАЦАВЪ ІЕРУШЕЛАИМЪ

т. е.

Описаніе Іерусалима.

Изд. И. Функа.

ВАРШАВА. 1900

Типографія М. И. Гальтера и Комп., Налевки 7.

Дозволено Цензурою
Варшава, 8 Февраля 1899 г.

— 677 —

מַצַּב יְרוּשָׁלַיִם

וּבִנְיַן אֲרִיאֵל

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R. S.

1.

ערשטענס שטעלט אונז פאהר, דער מענטש וואס האט געבויעט דיא גרויסע געביידע, דער איז געוועזן דער קעניג שלמה וואס ער איז געוועזן דער גרעסטער קעניג אונ דער רייכסטער אונ דער שטארקסטער אויף דער גאנצער וועלט, אונ אויף זיין חכמה זאגט אונז דער פסוק עדות אויף איהם ויחכם מכל האדם אז ער איז געוועזן דער קליגסטער מענטש פון דער גאנצער וועלט מענטשען, אונ ביא דעם אלעם האט ער דיא געביידע פון בית המקדש ניט געמאכט אויס זיין פערשטאנד, נאר וואס ער האט געלערנט פון זיין פאטער דוד המלך, וואס דוד האט מקבל געוועזן פון שמואל הנביא דיא בעשרייבונג, וויא אזוי דאס בית המקדש זאל געבויעט ווערען, אויך וואס דוד האט מקבל געוועזן ברוח הקדש מן השמים, דאס געשטאלט פון דעם בית המקדש, וויא עס שטייט אין פסוק, הכל בכתב מיד יי, ווארום משה רבינו האט מען געוויזען פון דעם הימעל דאס געשטאלט פון דעם משכן אונ פון אללע כלי שרת, ער זאל וויסען צו ווייזען וויא עס זאל געמאכט ווערען, אונ דער נאך האט מען געוויזען דוד המלך צום ערשטען, דאס געשטאלט פון בית המקדש אונ פון אלע כלי שרת פון ערשטען בית המקדש, צו ווייזען זיין זוהן שלמה, אזוי וויא דער פסוק זאגט, בנך היוצא מחלציך הוא יבנה את ביתי, אונ אזוי האט ער עס געבויעט אונ האט ניט פארענדערט דיא קלענסטע זאך.

2.

שטעלט אונז פאהר דיא גרויסע צאהל מענטשען
וואס האבען געארבייט ביא דעם בית המקדש.

ארבייטערס מיט מייסטערס זענען געוועזן אלע צו זאממען

דרייא מאהל הונדערט דרייא אונ זעכציג טויזענד זעקס חונ-דערט מענטשען, אונ פון דיא זענען געוועזען דרייא טויזענד דרייא הונדערט עלצטע וואס האבען געהאט צו שאפען איבער דיא ארבייטערס. איבער זייא איז וויעדער געוועזען דרייא הונדערט גרעסערע וואס זייא האבען באפוילען אונ ארויס געגעבען דיא ארבעט אויף דעם גאנצען טאג וואס האט געבראויכט געמאכט צו ווערען.

דער לארעם אונ דער רעש וואס איז דאמאלס געוועזען אין הימעל אונ אויף דער ערד פון דער ארבייט, אויף דער גאנצער וועלט האט מען געהערט דיא ארבעט פון דיא היילינע געביידע, אלע בעשעפעניסען פון דער וועלט זענען געקומען זיך בעטען מען זאל זייא עפעס בענוטצען צו דער היילינער געביידע.

פייגעל פון הימעל זענען געקומען צו פליהען אונ האבען זיך אנידער געשטעלט, טאמער האט איינער עפעס פערלאנגט האבען זייא שוין פערשטאנען, זענען זייא שנעל געפלויגען אונ האבען דאס תיכף געברענגט, אום עס זאל קיין מענטש ניט געשטערט ווערען פון זיין ארבעט. דיא וואלקענס פון הימעל זענען אראפ געקומען אונ האבען זייא געקיהלט עס זאל זייא ניט הייס זיין צו ארבייטען. קורץ דיא גאנצע וועלט האט דאמאלס געשטארעמט בייא דער היילינער געביידע, אלע הימלען זענען דאמאלס אפען געוועזען אונ דיא מלאכים זענען נאר געגאנגען ארויף אונ אראפ צו היטען דיא ארבייטער, עס זאל זייא חלילה קיין שום שאדען ניט זיין.

גאנצע זיבען יאהר זענען דיא מענטשען געשטאנען אויף דעם פלאץ אונ האבען געארבייט אונ קיין מענטש איז ניט שלאף געווארען איבער דיא גאנצע צייט, עס האט זיך קיינער קיין זעץ געגעבען איבער דער גאנצער צייט אונ עס איז קיין כלי פון זיין שטיהל ניט אראפ געפאלען איבער דער גאנצער

צייט, זַייא זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועזֶען פְרֵיילִיךְ אוּנ לוּסְטִיג, עֶס אִיז קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט אוּם וָואהְל גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער צייט אוּנ אַז מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אָפּ גֶעאַרְבֶּעט הָאלְץ פוּן וַואלְד הָאט מֶען שׁוֹין מֶעהְר קֵיין זֶעג אוּנ קֵיין הוּבֶּעל אוּנ קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעדַארְפְט צוּ פַאר בֶּעסֶערֶען, נָאר עֶס הָאט שׁוֹין אַזוֹי גוּט גֶעפַּאסְט וִויא עֶס וָואלְט פַארְטִיג בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, אוּנ דִיא שְׁטֵיינֶער וָואס מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאבֶּען גֶעבְּלִישְׁצְשֶׁעט פַאר דִיא אוֹיגֶען אַז מֶען הָאט נִיט גֶעקֶענְט אִין זַייא אַרַיין קוּקֶען פוּן זַייעֶר גְלַאנְץ פוּן פָאלִיר וָואס זַייא הָאבֶּען פוּן זִיךְ אַרוֹים גֶעגֶעבֶּען. מֶען הָאט גֶעזֶעהְן מִיט דִיא אוֹיגֶען אַז דִיא מַאטְרִיַאלֶען הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין אוֹיס גֶעאַרְבֶּעט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַרוֹים גֶעגֶעבֶּען נָאךְ בֶּעסֶער אוּנ פֵיינֶער וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט גָאר נִיט אַזוֹי פַיין אָפּ צוּ אַרְבֵּייטֶען. אַלֶע פֶעלְקֶער פוּן דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט הָאבֶּען זִיךְ דַאמָאלְס נָאר מְקַנֵא גֶעוֶועזֶען אָן דִיא יוּדֶען, וָואס מֶען הָאט גֶעזֶעהֶען דֶעם שׁוּץ וָואס יוּדֶען הָאבֶּען גֶעהַאט פוּן דֶעם הִימֶעל צוּ דֶער הֵיילִיגֶע גֶעבֵּיידֶע. הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז הֶעלְפֶען מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען דִיא הִילְף בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

פוּן דִיא פֶעלְקֶער צִידוֹנִים אוּנ צוֹרִים זֶענֶען גֶעוֶועזֶען גְרוֹיסֶע קִינְצְלֶער אִין הָאלְץ שְׁנִיצֶען אוּנ אִין שְׁטֵיינֶער הוֹיעֶן אוּנ גִיפְּס אַרְבֵּייט, דִיא שֶׁענְסְטֶע צִיוּרִים הָאבֶּען זַייא פֶערְשְׁטַאנֶען צוּ מַאכֶען פוּן הָאלְץ אוּנ פוּן שְׁטֵיין אוּנ פוּן גִיפְּס, אַזוֹי וִויא דִיא יוּדֶען הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען פוּן גָאלְד אוּנ פוּן זִילְבֶּער צוּ מַאכֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זַייא גֶעמַאכְט פוּן דִי גֶעמֵיינֶערֶע מַאטְרִיַאלֶען, אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ דַאמָאלְס זֶעהְר פִיהְל מֶענְטְשֶׁען מְנַיֵיר גֶעוֶועזֶען וֶועגֶען דֶער אַרְבֵּייט וָואס זַייא הָאבֶּען צוּ גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע מַאטְרִיַאלֶען אוֹיף זַייעֶר אָרְט וִויא מֶען הָאט זַייא גֶעהֵייסֶען פוּן דֶעם וַואלְד

דאס האלץ אונ די שטיינער פון זייער ארט וואו אהין מען האט זיי געהייסען אפ לייגען.

אונ איבער די גאנצע זיבען יאהר האט שלמה המלך קיין וויין נישט געטרינקען, ווייל ער האט זיך געפארכטין דאס ער זאל זיך נישט טועה זיין חלילה עטוואס אין דער הייליגער געביידע.

צום בית שני האט הורדוס המלך אן געברייט 1,81,500 מענשען צו דער ארבייט. פון די זענען געוועזען 60,000 מייסטערס קינצלערס וואס זיי האבען פארשטאנען די קינצלערישע ארבייט אונ 80,000 פון פרעמדע פעלקער וואס זיי האבען געהאקט די שטיינער אונ דאס האלץ וואס מען האט געבראכט. אונ 50,000 יודישע בעלי מלאכות וואס זיי האבען געארבייט אין ירושלים. אונ טויזענד געזונטע כהנים אן פעלערס וואס האבען געארבייט דאס קדשי קדשים אונ די הייליגע זאכען וואס קיין פרעמדער האט נישט געטארט דארט אריין קומען ארבייטען אונ פינף הונדערט לוים וואס זיי האבען פארשטאנען די מוזיקאלישע אינסטרומענטען צו ארבייטען אונ די אלע צוא זאמען האבען געארבייט איין מאהל הונדערט איין אונ דרייסיג טויזענד פינף הונדערט מענשען אונ דאס האט אויך געדויערט אכט יאהר אונ איבער דער גאנצער צייט האט אויך ביי טאג נישט גירעגינט עס זאל זיי נישט שטערין די ארבייט.

די הייך אויבען די געביידע אויף דעם בארג איז געוועזען אזוי הויך אז איין מענטש האט זיך ארויף געשטעלט אויף דעם אולם התימני דאס איז דרום וואנד פון אויסענווייניג פון הר הבית אונ אז ער האט אראפ געקוקט האט ער שוין נישט גיקענט זעהען מיט זיינע אויגען ביז אונטען אראפ ווארום עס האט איהם די ליכט פון די אויגען צו גענומען פון הייכקייט דאס אויג קען גאר אזוי הויך נישט זעהען אונ אז ער האט לאנג אראפ געקוקט פון דעם בארג אין די טאהלען אונ אין די

וואסערין איז ער חלשות געבליבען אונ עס איז געוועזען שווער איהם צו דער מונטערן, וואס דיא הויך האט איהם דעם קאפ מיט דיא אויגען צו גענומען.

3.

דא שטעלט אונז פאר דאס רייכקייט וואס איז געוועזען צו דעם בית המקדש, דהיינו גאלד, זילבער, אבנים טובות אונ אנדערע טייערע מאטריאלען.

אייזלען האט דוד אן געברייט צו דער ארבעט גאר אהן אצאהל. מארמארשטיינער, טעגען האלץ, קאראלין האלץ, נופך ספיר ויהלום אונ אלע גאטונג טייערע אבנים טובות איז גאר ניט געוועזען צו בערעכענען, קופער אונ אייזען איז געוועזען גאנצע בערג, מען האט דאס גאר ניט געקענט וואגין אונ ניט ציילען. גאר גאלד אונ זילבער איז געוועזען 1,80,000 צענטנער אונ צעהן טויזענד קילער, דאס האט בעטראפען 290 מיליאן 6800,750 דוקא־טען, אונ אז מען האט דאס געדארפט איבער צו טראגען פון איין ארט אויף דעם אנדערען, האט מען געמוזט צו דעם גאלד אונ זילבער האבען 1000 געוועהנליכע שיפען, ענטוועדער דיא גרויסע שיפען וואס גייען קיין אינדיען איז גענוג געוועזען הונדערט.

דאס איז אללעס געוועזען וואס שלמה האט צו גענומען פון זיין פאטער דוד, וואס ער האט דאס צוזאמען גענומען אויף דעם בנין המקדש, א חוץ וואס שלמה אליין האט געשענקט פון זיינע אוצרות.

טייל שרייבען, שלמה האט געגעבען פון זיינע אוצרות אזוי פיל וויא ער האט בייא זיין פאטער גענומען, וויא דער פסוק זאגט: ויתן המלך שלמה את הכסף ואת הזהב בירושלים כאבנים, דאס איז טייטש, אז שלמה המלך האט געגעבען גאלד אונ זילבער צום בית המקדש אזוי פיל וויא שטיינער, אונ נאך איין פסוק

שְׁטֵייט אִין כֶּסֶף נֶחְשַׁב בִּימֵי שְׁלֹמֹה לִמְאוּמָה, אִיז טַייטְשׁ אַז זִילְבֶּער אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁלֹמֹה'ס צַייטֶען אַזוֹי וָואלְוִויל אַז דָאס הָאט בַּייא אִיהם גָאר נִישְׁט קֵיין וֶוערְט גֶעהַאט פַאר קֵיין שַׁאךְ וַוייל אַזוֹי פִיעל אִיז דָאס גֶעוֶועזֶען וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעוַואלְגֶערְט אוּנ עֶס הָאט פַארְלוֹירֶען בַּייא אִיהם דֶעם וֶוערְט פוּן זִילְבֶּער.

יעצט וועלען מיר בעשרייבען דאָס רייכקייט פון די גאָלדענע אונ זילבערנע כלים וואָס זענען געווען אין בית המקדש.

גָאלְדֶענֶע לֶעפִילֶעךְ אִיז גֶעוֶועזֶען 20,000, זִילְבֶּערְנֶע לֶעפִיל אִיז גֶעוֶוען 40,000, מְנוֹרוֹת גְרוֹיסֶע גָאלְדֶענֶע מִיט לָאמְפֶּען אִיז גֶעוֶוען 10,000, קְרִיגְלֶעךְ גָאלְדֶענֶע אַרַיין צוּ גִיסֶען דֶעם וַויין 80,000, דֶעקְלִיךְ גָאלְדֶענֶע 10,000, אוּנ פוּן רֵיין זִילְבֶּער אִיז גֶעוֶועזֶען קְרִיגְלֶעךְ 20,000, שִׁיסֶעלִיךְ גָאלְדֶענֶע וָואס מֶען הָאט מִיט זֵייא אַרַיין דֶערְלַאנְגְט דִיא מִנְחָה צוּם מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶוען 80,000, זִילְבֶּערְנֶע שִׁיסֶעלִיךְ אִיז גֶעוֶוען 1,60,000, וִוידֶער אַנְדֶערֶע גָאלְדֶענֶע שִׁיסֶעלִיךְ וָואס מֶען הָאט אִין זֵייא גִיקְנֶעטִין דָאס מֶעהל מִיט דֶעם, אֵייל צוּ דֶער מִנְחָה אִיז גֶעוֶוען 60,000, אוּנ זִילְבֶּערְנֶע אוֹיךְ 60,000 אוּנ מָאהסֶען צוּ מֶעסְטִין וַויין אוּנ אֵייל אִיז גֶעוֶוען גָאלְדֶענֶע 20,000 אוּנ זִילְבֶּערְנֶע 40,000, גָאלְדֶענֶע פַייעֶרְפַאנֶען וָואס מֶען הָאט אִין זֵייא גֶעטְרָאגֶען דִיא קְטוֹרֶת צוּם גָאלְדֶענֶעם מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶוען 20,000 אוּנ זִילְבֶּערְנֶע פַייעֶר פַאנֶען וָואס מֶען הָאט אִין זֵייא גֶעטְרָאגֶען דָאס פַייעֶר פוּן מִזְבֵּחַ הָעוֹלָה צוּם מִזְבֵּחַ הַקְטוֹרֶת אִיז גֶעוֶוען 50,000, זִילְבֶּערְנֶע טְרָאמֵייטֶע אִיז גֶעוֶוען 20,000, פִידֶלֶען אוּנ אַנְדֶערֶע מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְסְטְרוּמֶענְטֶען פוּן טַייעֶרְסְטֶען מֶעטַאהל וָואס הֵייסְט אַלִיקְטִירֶע דָאס אִיז נָאךְ טַייעֶרֶער וִויא גָאלְד 40,000, גָאלְדֶענֶע טִישֶׁען וָואס מֶען הָאט אוֹיף זֵייא גֶעלֵייגְט דִיא טַייעֶרֶע כְּלֵי שָׁרֵת אִיז גֶעוֶוען 10,000, אוּנ צוּ זַאמֶען אִיז גֶעוֶוען גָאלְדֶענֶע כֵּלִים מִיט דִיא טִישֶׁען 3,10,000 אוּנ זִילְבֶּערְנֶע אִיז גֶעוֶוען

צו זאמען 5,17,000, אונ פון עליקטירישע מעטאל איז געוועז פירציג טויזענד, אלעס צוזאמען איז געוועז ניין מאל הונדערט אונ צוואנציג טויזענד שטיק, אונ דאס איז אלעס געוועז אן געברייט אין אוצרות בית ד׳ צו יעדער צייט ווען מען האט געברויכט צו יעדער דיענסט.

שטעלט אונז פאר דעם גרויסען שאטץ פון בית המקדש.

פון דיא אלע כלים וואס דארט איז געוועז צו באדיענען איז נישט געוועז צו איינציגע כלים נאר אם ווייניגסטענס איז געוועז פון יעדער כלי צוויא אדער דרייא. וויא באלד אז עס איז איין כלי טמא געווארען איז באלד געוועז איין אנדערע כלי צו ניצען דאס דיא עבודה זאל נישט דערווייל מוזען ווארטען אונ בלייבען שטעהן. אונ אז איין כלי פון גאלד אדער פון זילבער אדער פון קופער איז עטוואס פעלערהאפטיג געווארען אדער צו בראכען געווארען האט מען שוין נישט מעהר געלאזט פאר ריכטען נאר מען האט שוין דאס אין גאנצען געשמאלצען אונ מען האט אין גאנצען פון דעם געגאסען איין נייע כלי אונ אז עס איז געוועז איין מעטאהל וואס מען קען שוין מעהר ניט איבער גיסען האט מען שוין דאס צובראכענע בעהאלטען אונ מען האט שוין גענומען איין גאנץ נייע כלי. אונ דיא קליידער פון דיא כהנים אז זייא זענען שמוציג געווארען האט מען זייא שוין מעהר ניט געטארט וואשען נאר מען האט זייא שוין מעהר ניט געניצט נאר מען האט זייא שוין אין גאנצען בעהאלטען אין דער לשכה וואס מיר וועלין ווייטער שרייבען אונ מען האט פון זייא געמאכט קנייטליך צו דיא לאמפען פון שמחת בית השואבה צו לייכטען.

שטעלט אונז פאר דיא גאלדענע בלעכין וואס האבען פאר דעקט דיא וועגד.

דיא גאלדענע בלעכין וואס זייא זענען געוועז בארעקט

אויף דיא וָוענְד אונ אויף דיא סָאפִּיטֶען אונ אויף דיא בְּרִיקֶען זַייא הָאבֶּען גֶעמוּזְט זַיין אַם ווַיינִינְגְסְטֶענְס 3 רֶענְדִיל דִיק אֵיינְס אויף דֶעם אַנְדֶערְן בִּיז 3 פִינְגֶער דִיק כְּדֵי דִיא שְׁנִיצוּנְג דִיא פֵייגִיל אונ דִיא בְּלוּמֶען וָואס זַייא זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דֶעם גָאלְד אוים גֶעקְלַאפְּט אונ אוים גֶעשְׁנִיצְט אויף דִיא וֶוענְד דִיא הָאבִּין גֶעמוּזְט זַיין דַייטְלִיךְ אַז דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען בּוֹלֶט הָאט גֶעמוּזְט זַיין גַאנְץ בּוֹלֶט אַזוֹי וִויא לֶעבֶּעדִיג פוּן גָאלְד אונ דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען שׁוֹקֶע הָאט ווִידֶער גֶעמוּזְט זַיין דַייטְלִיךְ אַרַיין שׁוֹקֶע אַז יֶעדֶער מֶענְשׁ זָאל קֶענֶען אָן זֶעהֶען אונ דֶער קֶענֶען וָואס פַאר אֵיין פוֹיגֶעל דָאס אִיז אָדֶער וָואס פַאר אֵיין רוֹיז דָאס אִיז נַאטוּרַאל אַזוֹי וִויא לֶעבֶּעדִיג.

דִיא בְּלֶעכִין וָואס זַייא זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט אִין הֵיכָל אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים מִיט זַייעֶר גָאלְדֶענֶע פַארְצִיעֶרוּנְג הָאט דָאס גָאלְד דֶער פוּן בֶּעטְרָאפֶען צְווַייא אונ צְוַואנְצִיג מִילְיָאן אונ פִירְצִיג טוֹיזֶענְד דוּקַאטֶען אִין גָאלְד אונ דָאס אָרְט הָאט גֶעהַאלְטִין 60 אֵיילֶען דִיא לֶענְג 20 אֵיילֶען דִיא בְּרֵייט אונ 30 אֵיילֶען דִיא הֵייךְ וָואס דָאס הָאט פַאר נוּמֶען דָאס גָאלְד וָואס מִיר הָאבִּין אוֹיבֶען גֶעשְׁרִיבֶּען חוּץ וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאלְד אִין אוּלָם אונ דִיא וֶוענְד אונ דִיא בַּאלְקֶען אונ דִיא טַייעֶרֶע פַארְצִיעֶרוּנְג אונ אוֹיבֶען אִיבֶּער דֶעם הֵיכָל אונ אִיבֶּער דֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז ווִידֶער גֶעוֶוען דִיא זֶעלְבֶּע גְרֵייס אונ דִיא זֶעלְבֶּע הֵייךְ אוֹיךְ אַזוֹי בַּאדֶעקְט אונ פַארְצִירְט מִיט גָאלְד אונ מִיט טַייעֶרֶע פַארְצִירוּנְג אַזוֹי וִויא אוּנְטֶען קֶען מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין וִויא פִיעל דָאס הָאט ווִידֶער פַאר נוּמֶען גָאלְד אוֹיפְס נַייא, קוּרְץ עֶס הָאט גָאר קֵיין שַׁאץ גֶעהַאט דָאס גָאלְד אונ דִיא טַייעֶרֶע פַארְצִירוּנְג וָואס דָארְט אִיז פַארְנִיצְט גֶעוָוארֶען. דִיא מַאנוּסְקְרִיפְּטֶען אִין וַואטִיקַאן פוּן רוֹים שְׁרַייבֶּען, וֶוען דָאס גָאלְד אונ זִילְבֶּער אונ דָאס רַייכְקֵייט וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּזַאמֶען אויף אֵיין אָרְט וָואלְט צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארֶען אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וָואלְט גָאלְד אונ זִילְבֶּער

געקרינגען איין ווערט וויא זאמד האט יעצט בייא אונז, אזוי פיעל איז דארטען געווען, אונ וויא דאס אללעס איז אהין געקומען וועלין מיר ווייטער בעשרייבען פון דיא שריפטען וואס עס געפינט זיך אין רוים אין וואטיקאן.

4.

שטעלט אונז פאר דעם גאנצען פלאהן פון דעם בית המקדש.

דאס גאנצע בית המקדש איז נישט געשטאנען אויף איין גלייכען פלאץ נאר עס איז געוועזען אין טהיילען, היינו, וואס אמאל איז דאס געגאנגען העכער ביז גאנץ אויבען, אונ דאס איז געוועזען עקסטרא געמאכט אזוי כדי יעדער זאל זעהען דיא שאנהייט פון דער געביידע, צום בייא שפיעל אז מען איז אריין געקומען אין הר הבית איז מען געגאנגען גלייך אויף דעם פוסבאדען ביז מען איז געקומען צום חיל פון מזרח זייט צום טויער פון עזרת נשים איז שוין דארט געוועזען דער ספאד העכער מיט 6 איילען וויא אין גאנצען חצר איז דארט שוין געוועזען 12 טרעפין צו האלבע אייל, יעדע טרעפ וואס האבען דער פיהלט דיא 6 איילען דיא הייך אונ האבען ארויף געפיהרט אין עזרת נשים אריין, דארט איז שוין ווידער געוועזען דיא בריק גלייך גאנץ עזרת נשים ביז מערב זייט 135 איילען בייא דער מערב וואנד פון עזרת נשים וויא מען גייט אריין אין עזרת ישראל אריין איז דיא בריק העכער מיט 7 איין האלב אייל איז דארט ווידער געוועזען 15 טרעפין צו האלבע איילען וואס זייא האבען ארויף געפיהרט אין עזרת ישראל אריין איז ווידער געוועזען גלייך דיא בריק ביז 11 איילען אריין אין עזרת ישראל, ענדע דיא 11 איילען איז ווידער געוועזען 3 טרעפין צו האלבע איילען וואס האבען ארויף געפיהרט אין עזרת כהנים אריין איז שוין געוועזען גלייך דיא בריק גאנץ עזרת כהנים אונ דאס ארט פון מזבח אונ דאס ליידיגע ארט נאך דעם מזבח ביז צום אולם, דארט ביים אולם איז שוין געוועהן

דיא בריק העכער מיט 6 איילען, ווידער איז דארט געווען 12 טרעפין צוא האלבע איילען דיא הייך וואס זייא האבען ארויף געפיהרט אין אולם אריין, אונ דיא רעשט פלאץ פון היכל אין קדשי קדשים איז שוין געגאנגען גאר גלייך ניט העכער וויא דער פלאץ פון אולם, אונ דער אולם מיט דעם היכל מיט דעם קדשי קדשים איז געווען זייער בריק העכער פון דיא בריק פון אנפאנג עזרת נשים דיא ערשטע טרעפ מיט 22 איילען העכער איין אונטערשיעד פון גאנצען הר הבית.

5.

יעצט וועלען מיר פארשטעלען דעם בארג מוריה אונ דיא געשיכטע וויא דוד המלך האט אנגעפאנגען צו גרינדען דעם פאדאמענט צו דעם בית המקדש.

וויא שמואל הנביא איז גיקומען צו דוד המלך אונ האט איהם געזאגט אין נאמען גאטטעס אז עס דארף געבויעט ווערין איין הייליג הויז אונ עס וועט גערופען ווערען בית דוד, האט ער אן געהויבען נאך צו זוכען איין פלאץ וואס ער זאל ראוי זיין אויף איהם צו שטעלען דיא געביידע, האבען זייא אויס דערוויילט דעם בארג מוריה ווייל אברהם אבינו ע״ה האט אויף איהם געברענגט זיין זאהן יצחק אויף דער עקידה וויא מיר האבען אויבען בעשריבען וואס ער האט איהם ערקאבערט פון ארונה היבוסי אזוי האט דוד המלך אן געהויבען צו גראבען דעם פודאמענט איז איהם אן געקומען וואסער אונ האט פאר פלייצט דעם גאנצען פלאץ ארום דעם גאנצען בארג אז מען האט נישט גיקענט צו קומען צום בארג מוריה, ווארום דער בארג האט זיך ניגרעניצט מיט דיא טאהלען פון עמק יהושפט מיט דעם נחל קדרון, אונ דער נחל קדרון איז אריין געגאנגען אין גרויסען מעער איבער דעם האט דאס וואססער געהאט זייער א שטארקע קראפט ארויף צו שלאגען אונ מיט דער קראפט האט

דאס פאר פלייצט דעם גאנצען פלאץ, איז באלד דוד המלך זייער דערשראקען געווארען אונ האט אן געהויבען זייער שטארק צו וויינען אונ צו בעטין צו השי"ת ווארום ער האט זיך גע־פארכטין אויב ער האט נישט עטוואס פוגם געווען בייא דער געביידע אונ האט זיך פאר זינדיגט אזוי וויא דור המדבר האבין פאר זינדיגט ח"ו איז דאס שוין איין גרויסער פגם ח"ו אויף אייביג צו דעם בנין אונ איז פאר צרות שטארבליך קראנק געווארען איז תיכף ווידער געקומען צו איהם שמואל הנביא אונ האט איהם געטרייסט אז זיין געבעט איז אן גענומען געווארען אז זיין אייגענער זוהן וועט בויען דאס בית המקדש אונ ער זאל איבער געבען אללע געלדער מיט דעם גאנצען גאלד וואס ער האט צוזאמען גענומען אויף דער בויעה מיט דער שריפט וואס ער האט, וויא אזוי עס זאל געבויעט ווערין, דאס זאל ער אלץ איבער געבען זיין זוהן שלמה וועט ער אויגען בליק געזונד ווערין, איז ער דערמיט געוועזען זייער צו פרידען אונ האט גידאנקט צו השי"י פאר דער בשורה וואס ער האט באקומען דורך שמואל הנביא. דער ילקוט רות שרייבט, אזוי וויא דער אייבערשטער האט געזעהען אז דוד המלך גיט איבער זיין זוהן שלמה אללעס מיט זיין גאנץ הארץ אונ פרעגט נישט איבער אויף מיינע רייד וואס איך האב אליין געזאגט אין פסוק ואבחר בדוד עבדי איז טייטש איך האב אויס דערוויילט מיין קנעכט דוד אונ יעצט היים איך ווידער איבער געבען דעם זוהן שלמה איבער דעם מוז איך איהם מגלה זיין פאר וואס דאס איז אזוי געווארען, אונ אזוי גייט דיא רייד פון הקב"ה צו דוד המלך ברוח הקודש. וויא דוד האט געהרגעט גלית הפלשתי האבין אללע יודישע קינדער געווארפען צו איהם גאלד אונ זילבער 100 צענטנער האט ער דאס באלד געמאכט איין געשאנק אויף דעם בית המקדש צוא בויען אונ מיט אצייט דער נאך אין 3 יאהר שפעטער איז געוועזן 3 יאהר הונגער, האבען יודען זיך געבעטין

ביא איהם אז ער זאל זייא ארויס העלפען פון דעם געלד זייא זאלען זיך דער האלטען זייער לעבען פאר דעם הונגער האט דוד המלך זייא ניט געוואלט העררין אונ האט זייא ניט געגעבען צו ראטעווין אין זייער גרויסע נויט, אזוי האבין זייא געשריגען צו השי"ת האט השי"ת נישט געשוויגען דאס רחמנות אונ האט געשוואורען אז דוא ביסט נישט חס געוועזען אויף מיינע קינדער צו ראטעווין אין זייער הונגערס נויט קען שוין דאס בית המקדש נישט געבויעט ווערין דורך דיר דוד נאר דורך דיין זוהן שלמה, נאר וייל דוא ביסט אזוי איין צדיק אונ ביסט גאר ניט מהרהר נאך מיינע מדות שווער איך דיר אז דיין נאמען וועט ניט אפ געטהון ווערען פון מיין בית המקדש אויף אייביג אז אויף יעדען קרבן וועט מען זאגען דיינע קאפיטלעך תהלים מיט דיין נאמען מזמור לדוד אונ וויא מען וועט נאר אויף בויען דאס בית המקדש וועט מען שוין דאס גאנצע הויז רופען אויף דיין נאמען אונ ביים באנייען דאס הויז וועל איך שרייבען „מזמור שיר חנוכת הבית לדוד" ווארום איין זוהן איז גאנץ דאס זעלבע וואס דער פאטער אין אללע אינהאלט.

6.

יעצט וועלען מיר בעשרייבען וויא שלמה המלך האט
איבער גענומען פון זיין פאטער דוד דיא אלע זאכען וויא
מיר האבין אויבען געשריבען אונ וויא ער איז צו געגאנגען
בויען דאס בית המקדש.

וויא שלמה המלך עליו השלום איז צו געקומען צו דעם בארג מוריה אונ האט געוואלט אן הייבען צו בויען דאס בית המקדש האט ער געזעהען עס איז גאר נישט מעגליך צו צו קומען צו דעם בארג פאר דיא פיעלע וואססערן וואס דארט איז ארום אונ ארום פאר פליצט, נאך פון דעם גראבין וואס זיין פאטער דוד האט איבער געלאזט אונ האט איבער דעם געמוזט אויף העררין צו טוהן אזוי וויא מיר האבען אויבען בעשריבען.

יעצט וועלען מיר בעשרייבען די וואונדער מיט דער חכמת וואס שלמה המלך האט בעוויזען בייא דעם פונדאמענט פון דעם בית המקדש אזוי וויא דער פסוק זאגט אויף איהם „עדות ויחכם מכל האדם און דער אגדות משלי שרייבט און רופט איהם איתיאל דאס איז טייטש ער פאר שטייט דיא אותיות פון השם יתברך אויך פון מלאכי השרת אויך פון חיות און פון עופות אויך פון דיא פיש פון דעם גרויסען מעער און דאס אלעס האט מען געבראכט צום בנין המקדש.

אזוי איז ער ארויס געגאנגען צום ברעג פון דעם ים הגדול וואס דארט זענען געוועזען דיא גרויסע שטיינער וואס יעדער שטיין האט געהאט 40 איילען קוואדראט פיר עקיג, האט ער ווידער נישט געפונען אין דער גאנצער וועלט קיין בעשעפעניש וואס זאל האבען דיא קראפט דיא שטיינער אהין צו ברענגען צו דעם בארג מוריה צו פאר שטעלין דאס וואסער, איז ער צו געגאנגען צו דעם גרויסען מעער און האט גערופען דעם גרויסען פיש פון דעם מעער און האט געזאגט צו איהם דאס ער זאל איהם צו העלפען צו דער גרויסער היילינגע געביידע אזוי איז ער תיכף ארויס געקומען מיט זיין גאנצען קארפער אויף דעם ברעג צו שלמה האט ער איהם אן געטאהן אייזערנע קייטען אויף זיין גאנצען גוף און אין דעם אנדערן עק פון דיא קייטען האט שלמה אן געבונדען אן דעם שטיין, און אזוי איז דער פיש אריין געגאנגען אין וואסער אריין ווייט מיט דיא קייטען און אזוי וויא דער פיש איז געגאנגען אין דעם וואסער מיט דיא קייטען ווייט, אזוי איז ווידער דער שטיין מיט דעם אנדערן עק פון דיא קייטען זיך געצויגען אויף דעם ארט וויא ער האט געדארפט צו דעם בארג, און אז דער שטיין איז געבליבען ליגען אויף וועלכע זייט ער האט זיך אנידער געלייגט איז אלץ געוועזען גוט וואראום ער איז געוועזען פון אלע פיער זייטען גלייך צו פירציג איילען און אזוי האט דער שטיין תיכף געגרינדעט דאס וואסער, און אויף דעם

שְׁטֵיין הָאט עֶר שׁוין גִיקֶענְט מוֹיעֶרְן דֶעם רֶעשְׁט בִּיז אַרוֹיף 40 אוֹיבֶען, אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט 3 שְׁטֵיינֶער צוּא אֵיילֶען קְוַואדְרַאט אוּנ הָאט צוּ גִידֶעקְט דָאס וַואסֶער אוּנ הָאט אַרוֹיף גֶעמוֹיעֶרְט דֶעם בַּארְג דְרַייא הוּנְדֶערְט אֵיילֶען דִיא הֵייךְ אוּנ הָאט אִיהם אַרוּם גֶעשִׁיט מִיט עֶרְד בִּיז אוֹיבֶען אַרוֹיף פוּן 3 זַייטֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען צְווִישֶׁען בֵּיידֶע מוֹיעֶרְן בִּיז צוּם שְׁפִּיץ בַּארְג, אוּנ הָאט זִיךְ תֵּיכֶּף אוֹיף דֶעם אָרְט אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט אָפּ גֶעגֶעבֶּען אֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעהָאלְפֶען צוּ דֶעם גְרוֹיסֶען בִּנְיָן, אוּנ דִיא גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט מִיט אִיהם גֶעטָאהן, אוּנ גִידַאנְקְט דֶעם גְרוֹיסֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אוֹיף דֶעם צֵייכֶען וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶעווִיזֶען אַז דוּרךְ אִיהם וֶועט שׁוין יֶעצְט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ לוֹיט דִיא וואוּנְדֶער וָואס מֶען הָאט אִיהם דָא בֶּעוִויזֶען.

דֶעם בְּרִיף הָאבֶען מִיר אִיבֶּער גֶעזֶעצְט פוּן אֵיין בְּרִיף וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין וַואטִיקַאן אִין רוֹים דֶער אָרְגִינַאל וָואס אֵיין אַרִיסְטֶע הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ אֵיין הֶערר פִילַאדֶעלְפֶע אִין דֶער גְרִיכִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע וָואס אַזֶעלְכֶע זַאכֶען אִיז נָאךְ פַאר שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ אוֹיךְ גֶעוֶועְן אֵיין גְרוֹיס וואוּנְדֶער אַז אֵיין מֶענְשׁ זָאל שַׁאפִין מִיט אֵיין פִישׁ עֶר זָאל אִיהם בֶּעדִינֶען, אוּנ דֶער פִישׁ זָאל אִיהם טָאהן זַיין רָצוֹן, אוּנ פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ בִּיז הַיינְט אִיז גֶעווִיס שׁוין נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶער, אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין מִיר דֶעם בְּרִיף אִיבֶּער גֶעזֶעצְט אוֹיף דִיא רֵיינֶע שְׁפְּרַאכֶע דָאס יֶעדֶער מֶענְשׁ זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִיא גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וָואס מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט.

אוּנ דֶער בְּרִיף אִיז אוֹיךְ שׁוין לַאנְג אִיבֶּער זֶעצְט אִין דִיא עֶנְגְלִישֶׁע אוּנ דִיא פְרַאנְצֶאזִישֶׁע שְׁרִיפְטֶען.

Naged aforions trois 3, tab 29.

7.

דָא וָועלֶען מִיר בֶּעשְׁרַייבֶּען דֶעם בַּארְג מוֹרִיָה, דָאס אִיז דֶער בַּארְג וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה הָאט אוֹיף אִיהם גֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּהְן יִצְחָק אוֹיף דֶער עֲקֵידָה.

דֶער בַּארְג אִיז גֶעוֶועזֶען דְרַייא הוּנְדֶערְט אֵיילֶען הוֹיךְ, אוּנ אִיז גֶעוֶועזֶען אָפּ גֶעשְׁטָאכֶען פוּן דְרַייא זַייטֶען, אַרוּם גֶעמוֹיֶערְט מִיט גְרוֹיסֶע שְׁטֵיינֶער צוּ פֶערְצִיג אֵיילֶען קְוַואדְרַאט, אַזוֹי וְויא מִיר הָאבֶען אוֹיבֶען דִיא שְׁטֵיינֶער בֶּעשְׁרִיבֶּען. אַרוּם דֶעם בַּארְג אִיז גֶעוֶועזֶען פֶערְשִׁיעדֶענֶע שְׁטִיצֶען צוּם הַאלְטֶען דִיא מוֹיֶער. פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען דָרוֹם אוּנ צָפוֹן אִיז אַרוּם גֶעוֶועזֶען פֶערְשִׁיעדֶענֶע טְרֶעפּ, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶועזֶען אַרוּם דֶעם בַּארְג פֶערְשִׁיעדֶענֶע טָאהלֶען אוּנ בְּרִיקֶען, וואוּ מִיר וֶועלֶען וַוייטֶער אַלֶעם בֶּעשְׁרַייבֶּען. אוֹיף דֶעם בַּארְג הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזֶען, וֶוען עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט בַּייא אֲרַוְנָה הַיְבוּסִי דֶעם פְּלַאץ צִיוֹן, אוּנ זַיין גֶעבֶּעט אִיז בַּאמָאלְס אָן גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען.

דִיא בְּרִיקֶען וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אַרוּם דֶעם בַּארְג מוֹרִיָה.

אֵיין בְּרִיק אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף צָפוֹן זַייט פוּן דֶעם בַּארְג וָואס זִיא הָאט גֶעפִיהְרְט אוֹיף דֶעם אָלְיוֶוען בַּארְג (הַר הַזֵיתִים), אוּנ דָארְט אַהִין הָאט מֶען גֶעפִיהְרְט דָאס אַשׁ פוּן דִיא פָּרָה אֲדוּמָה, דִיא בְּרִיק הָאט מֶען גֶערוּפֶען דִיא קִינִגְלֶערִישֶׁע בְּרִיק, אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ הֵייסְט זִיא, כִּיפִּין עַל גַבֵּי כִּיפִּין, אָבֶּער קֶבֶר הַתְּהוֹם, וָוארוּם מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אֶפְשַׁר אִיז אוּנְטֶער דֶער עֶרְד פוּן דֶער בְּרִיק אַ קֶבֶר פוּן אַ מֵת, וָואס דָאס קֶען מְטַמֵא זַיין דָאס אַשׁ פוּן דִיא פָּרָה אֲדוּמָה, דֶען דָאס אַשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ אֵייגֶענְשַׁאפְט אַז זִיא רִירְט אָן אַ קֶבֶר פוּן אַ מֵת וֶוערְט עֶס בַּאלְד טָמֵא אוּנ עֶס אִיז נָאךְ מְטַמֵא דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טְרָאגְט דָאס אַשׁ, בִּפְרַט

דעם מענטש וואס מען שפרענגט אויף איהם, געווים האבען זיי געמאכט דיא בריק אזוי קינצלעריש, אז אפילו עס זאל זיך געפינען א קבר אונטער דער בריק, קען אויך ניט צו קומען דיא טומאה צו דעם אש וואס מען האט געטראגען אויף דער בריק. ווארום עס איז געווען געמאכט טאפילטע בריקען מיט טאפילטע טויערין איינס אויף דעם אנדערען, אונ דיא מיטעלע פילארען פון דיא אויבערשטע טויערין זענען געווען געפאסט אקורא֗ט אין דער מיט סאפיט פון דעם אונטערשטען טויער, איז דער אונטערשטער טויער פון דער אונטערשטער בריק געווען איין געצעלט איבער דער ערד, האט שוין דיא טומאה ניט געקענט ארויף גיין, ווארום א געצעלט פערהאלט דיא טומאה דאס זיא גייט ניט ווייטער, אונ אונטער דעם חלל פון דיא אונטערשטע טויערען האט ווידער געמאכט א געצעלט דיא פילארען פון דיא אויבערשטע טויערען, איז מען שוין געגאנגען זיכער מיט דעם אש אויף דער אויבערשטער בריק, ווארום אז עס זאל זיך אפילו געפינען א קבר אונטען אין דער ערד, קען שוין אויך ניט דיא טומאה ארויף קומען אויף דער אויבערשטער בריק, ווארום עס האט שוין מאהיל געווען אין גאנצען איבער דיא טומאה, אזוי וויא דער דין איז פון קבר התהום, אונ דאס האט מען גערופען כיפין על גבי כיפין וכפה כנגד האוטם.

ווער עס האט געזעהען מיין געביידע, קען גוט פערשטיין וויא אזוי דיא בריקען זענען דאמאלס געווען געמאכט, נאר אפילו אין מיין פאטאגראפישעס בילד זעהט מען זייא אויך אקורא֗ט.

דיא צווייטע בריק איז געווען אויף דרום זייט, דיא איז געגאנגען צו דער מדבר יריאל וואס מען האט אהין אוועק געפירט יום כפור דאס ציגעלע לעזאזל. דער פירער פון דעם ציגעלע האט מען געמוזט צו פירען ביז צום צוג, עס איז אבער געווען

ביז אַהין צוויא אונ אַ האַלבע מייל וואס אין יום כפור טאָר מען ניט אַזוי ווייט גיין, דען עס איז מעהר וויא אַ תחום שבת, נור דער וואס האָט געפירט דאס ציגעלע דער האָט געמעגט גיין, ווייל דאס איז געוועזען זיין עבודה, אָבער דיא בעגלייטערס ניט, בּאַדורך האָבען זייא אויף געשטעלט צעהן שטיבלעך אויף דעם וועג, אונ פון איין שטיבעל ביז צום אַנדערען איז געוועזען ווייניגער פון אַ תחום שבת, אונ ערב יום כפור זענען אַרום געגאַנגען מענטשען אונ האָבען זיך בּעזעצט אין דיא שטיבלעך אונ האָבען זיך מיט גענומען צו עסין, זייא האָבען חלילה ניט געגעסען אים יום כפור, זייא האָבען נאָר מיט גענומען פאַר אַ צופאַל. דיא וואס האָבען איהם בּאַגלייט פון דעם בית המקדש אַרוים, דיא זענען נאָר געגאַנגען ביז צום ערשטען שטיבעל, אונ זייא זענען שוין דאָרט איבער געבליבען ביז נאַכט, אונ דיא וואס זענען דאָרט געוועזען פון ערב יום כפור, האָבען איהם בּאַגלייט צום צווייטען שטיבעל אונ האָבען זיך ווייטער גיביטען מיט דיא פון דעם צווייטען שטיבעל, אונ אַזוי ביז צום צעהנטען שטיבעל.

דיא פון צעהנטען שטיבעל האָבען איהם שוין בּאַגלייט ביז צום צוק, אונ בּיים צוק האָט ער שוין דאס ציגעלע אַראָפּ געוואָרפען פון דעם הויכען בּאַרג אונ האָט אַכטונג געגעבען אויף דעם רויטען פאָדים וואס איז געוועזען אָן געבונדען אָן דעם ציגעלע, אויב דער פאָדים איז ווייס געוואָרען האָט ער זיך געפרייט, וואָרום איין העלפט פון דעם רויטען פאָדים האָט געהאַנגען אין בית המקדש אויף דער טיהר פון דעם אולם, אונ אַז דער פאָדעם פון דעם ציגעלע איז ווייס געוואָרען, איז דער אַנדערער האַלבער פאָדים פון בית המקדש אויך ווייס געוואָרען, איז דאס געוועזען אַ צייכען אַז גאָט ב"ה האָט מוחל געוועזען דיא יודען זייערע זינד, דאַמאָלס איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה

צווישען אלע יודען. צוריק גיין האבען זייא שוין געמוזט וואר־טען ביז נאכט, ווארום צוריק גיין איז שוין ניט געוועזן קיין עבודה, אונ מודיע זיין פון דעם פאדים האט מען ניט געדארפט ווארום אין בית המקדש האט מען שוין געוויסט אז דער פאדים איז ווייס געווארען. אבענד זענען זייא צוריק געגאנגען, אונ אלע יודען זענען זיך צוזאמען געקומען, איז דיא שמחה געוועזן זעהר גרויס. השם יתברך זאל אונז העלפען מיר זאלען דאס אויך זוכה זיין צו זעהען במהרה בימינו אמן:

דיא בריק פון קארעלין האלץ וואס שלמה האט געמאכט פון זיין פאלאץ (וואס האט געהייסען בית יער הלבנון) איז געוועזן נייט, ניין טויזענד פוס, ער איז טאגליך געגאנגען אויף איהר אין בית המקדש אריין מיט זיינע יועצים אונ אלע סנהדרין. זיא איז געוועזן אין גאנצען געדעקט מיט אַ גאלדענעם דאך.

8.

דא בעשרייבען מיר דאס בית המקדש וואס שלמה האט געבויעט, אויך וואס דער קעניג הורדוס האט ערנייערט מיט אלע כלי שרת.

דער פלאץ אויבען אויף דעם בארג מוריה האט געהאלטען 2,25,000 איילען קוואדראט, אויבען אין עק איז ארום געוועזן אַ קליינע מויער פון זעקס איילען קוואדראט פאר אַ גאלעריע, מען זאל ניט אראפ פאלען אין דיא טיפעניש וואס איז געוועזן ארום בארג.

אָפּ געטרעטען פון דער קליינער מויער פינפציג איילען האט זיך אן געהויבען דיא גרויסע מויער, וואס מען האט זיא גערופען הומת הר הבית, זיא איז געוועזן פירציג איילען הויך, דיא ברייט איז געוועזן 25 איילען, אונ אינעווייניג אריין אין דער לענג אונ אין דער הויך פון איין ווינקעל צום אנדערען איז

ISIDOR HOROWITZ
LIBRARY
OF THE

געווען 500 איילען, אזוי איז געווען אלע פיר זייטען פיר עקיג אונ דיא מויער ארום האט געהאט פינף טויערען. פון מזרח זייט איז געווען איין טויער, דאס האט מען גערופען שער שושן, דאס איז געווען פון רויט גאלד. דאס טויער האט געהאט 20 איילען דיא הויך אונ 10 איילען דיא ברייט, אונ איבער דעם האט מען דאס טויער גערופען שושן וויל כורש מלך פרס האט דיא יודען ארויס געלאזט פון גלות אונ האט זייא נאך געשטיצט מיט געלט צו בויען דאס בית המקדש, האט כורש פערלאנגט מען זאל אויף הענגען דעם פערסישען הערב אויף דעם ערשטען טויער וואו מען קומט אריין, אונ יודען האבען דאס ניט געקענט טהוען, האבען זייא געלאזט אויס שניטצען דיא שטאט שושן דיא הויפטשטאט פון פערסיען אונ האבען דאס אויף געזעצט אויף דעם טויער פון ביידע זייטען פאר א צייכען, אז ווער עס וועט דורך גיין דעם טויער, זאל זיך דער מאנען פון כורש מלך פרס וואס האט יודען גוטס געטהוען אונ מען דארף אין איהם ניט מורד זיין.

ביי דעם טויער איז דיא מויער געווען אביסעל נידריגער וויא דיא גאנצע וואנד, אונ דאס איז צופליים געווען געמאכט פאר דעם כהן גדול וואס ער האט פאר ברענט דיא פרה אדומה אויף דעם הר הזיתים, ער האט געמוזט אדורך קוקען פון דעם הר הזיתים ביי דעם שפרענגען דאס בלוט דורך אלע טויערען ביז אין היכל אריין, ווארום דיא טויערען זענען געשטאנען גלייך איינער קעגען אנדערען, נור דיא בריק פון דעם היכל, דאס הייסט דער פוס באדען, איז געווען מיט צוויא אונ צוואנציג איילען העכער וויא דיא ערשטע בריק פון דעם חצר, אונ דאס טויער האט נאר געהאט דיא הויך צוואנציג איילען, קען מען דאך ניט זעהען דורך א חלל פון צוואנציג איילען הויך אויף א הויך פון צוויא אונ צוואנציג איילען, איבער דעם איז געווען

דאס גאנצע שטיקעל וואנד איבער דעם ערשטען טויער נידריגער, האט דער כהן שוין גיקענט אריבער קוקען גלייך אין היכל אריין, אונ האט געטהאן זיין עבודה, ער האט גישפרענגט זיבען מאהל דאס בלוט מיט זיין גראבען פינגער אונ האט מכוין געוועזן כדין.

דאס צווייטע טויער אויף צפון זייט, האט מען גערופען שער טדי, דאס איז ניט געוועזן גלייך וויא אלע טויערן, נור עס איז געוועזן געמאכט דרייא עקיג, אויבען איז דער טויער געוועזן פון שווארצען ברילאנד. דורך דעם טויער איז נור דורך געגאנגען א כהן וואס ער איז טמא געווארען, (טדי איז אויף גריכיש א געהיימנים), אונ דער כהן האט זיך זעהר געשעמט אז ער איז דורך געגאנגען דורך דעם טויער, עס זאל איהם קיינער ניט זעהען. אין מיין בילד וואס איך האב פאטאגראפיש פון מיין אייגענע ארבייט קען מען אקוראט זעהען וויא עס איז דארט געוועזן געמאכט פון דעם טייערען שטיין, לאפיס לאזורעס, וואס מיר האבען שוין אויבען בעשריבען דיא אייגענשאפט פון דעם שטיין Lapis lazures.

דער דריטער טויער אויף מערב זייט האט געהייסען קיפוניות, דער טויער איז געוועזן פון גרינעם קרישטאל, (קיפוניות איז אויף גריכיש גארטען-לויבע), ווארום אין גאנץ ירושלים האט ניט געטארט זיין קיין גארטען, איבער דעם האלץ וואס מען האט געברענט אויף דעם מזבח אונ דאס האט געמוזט זיין ריין אן ווערים, אזוי וויא מיר וועלען דא ווייטער בעשרייבען, אז גערטנער ברענגען ווערים, נור אונטער דעם טויער איז געוועזן איין גארטען וואס ער איז נאך געבליבען פון יהושע בן נון וואס מען האט פון איהם גענומען גינת ורדים צו דיא קטורת, האט מען דעם גארטען ארוים געזעהען דורך דעם קרישטאלישען טויער, האבען זייא דאמאלס גערופען דעם טויער פאר א צייכען

קִיפּוֹנִיוֹת, אַזוֹי אִיז דֶער זֶעלְבֶּער נָאמֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער מִשְׁנַת פוּן מִדּוֹת ·

פוּן דָרוֹם זַייט אִיז גֶעוֶועזֶען צְווייא טוֹיעֶרִין פוּן זִילְבֶּער, וָואס מֶען הָאט זֵייא גֶערוּפֶען שְׁנֵי שַׁעֲרֵי חוּלְדָה, אוֹיף חוּלְדָה הַנְבִיאָה'ס נָאמֶען, וַוייל זִיא אִיז שְׁטֶעהֶנְדִיג גֶעזֶעסֶען בַּייא דִיא טוֹיעֶרִין אוּנ הָאט טְרוֹיעֶרִיג נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט, אַז דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ וֶועט חָרוּב וֶוערֶען דוּרְךְ נְבוּכַדְנֶאצַר מֶלֶךְ בָּבֶל ·

דִיא אַלֶע פִינְף טוֹיעֶרִין זֶענֶען גֶעוֶועזֶען צוּ צְוַואנְצִיג אֵיילֶען דִיא הוֹיךְ אוּנ צֶעהְן אֵיילֶען בְּרֵייט, נוּר יֶעדֶעס טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן אֵיין אַנְדֶער מַאטֶרְיַאל. פָארֶענְט פוּן מִזְרַח זַייט אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן גָאלְד אוּנ אִין צָפוֹן זַייט אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן שְׁוַוארְצֶען בְּרִילַאנְד, אִין מַעֲרָב זַייט אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן גְרִינֶעם קְרִישְׁטַאל אוּנ פוּן דָרוֹם זַייט אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן זִילְבֶּער, אָבֶּער אִין דִיא מָאס זֶענֶען אַלֶע טוֹיעֶרֶען גֶעוֶועזֶען גְלַייךְ ·

אַרוּם דִיא מוֹיעֶר פוּן אוֹיסֶענְוֶוענִיג אִיז גֶעוֶועזֶען אַ שְׁפַּאצִיעֶר אַלֶעיָע מִיט וַוייסֶע מַארְמָאר־שְׁטֵיינֶערְנֶע זַיילֶען, וָואס דִיא דִיק פוּן יֶעדֶער זַייל הָאבֶּען גֶעמוּזְט דְרַייא מֶענְטְשֶׁען אַרוּם נֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְד אַלֶע צוּזַאמֶען, אַזוֹי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צוּ דְרַייא זַיילֶען אֵיינְס אוּנְטֶער דֶעם אַנְדֶערֶען שִׁיעֶף אַבֶּער גְלַייךְ אִין דֶער מוֹיעֶר, אוּנ פוּן אוֹיבֶּען דָאס גֶעשְׁנִיטְצֶעכְטְס אִיבֶּער דִיא אַלֶע זַיילֶען אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן רֵיין גָאלְד, אוּנ אִינֶעוֶוענִיג אִין דֶער מוֹיעֶר הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיבֶּען אוּנ אוּנְטֶען אַלֶעס צוּזַאמֶען הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ דְרַייסִיג לִשְׁכוֹת, דָאס הֵייסְט צִימֶערִין, וָואס יֶעדֶעס צִימֶער הָאט גֶעהַאט זַיין נָאמֶען, צוּ וָואס פַאר אַ דִינְסְט עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען, אוּנ אִין דִיא פֶענְצְטֶערְלֶעךְ וָואס זֶענֶען קְלֵיין גֶעוֶועזֶען, הָאבֶּען אִין זִיךְ גֶעהַאט בְּרִילַאנְטֶענֶע שׁוֹיבֶּען, וָוארוּם קֵיין גְלָאז אִיז דַאמָאלְס נִיט גֶעוֶועזֶען, אוּנ דִיא גְרֶעסֶערֶע שׁוֹיבֶּען זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען פוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, דִיא בַאמֶען זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶועזֶען פוּן רֵיין גָאלְד

אויך דיא גאלעריעס מיט דיא דעכער איז אלעס געוועזען פון רײן גאלד, דיא דרום וואנד איז געוועזען דאפעלט הויך אונ דאפעלט ברייט, אונ פאריגט פאר דער מויער אויף מזרח זייט איז גע-שטאנען דרייא קליינע פעסטונגען, אונ צוויא גרעסערע זענען געשטאנען אין ביידע עקין פון פראנט אונ האבען געהאט דיא זעלבע איינריכטונג וויא דיא פעסטונג וואס איז געשטאנען פאר דער גרויסער מויער פון ירושלים, וויא מיר האבען שוין אויבען בעשריבען.

דיא אלעס פון דרום זייט איז געוועזען אזוי גרויס, אז דארט האט דער קעניג הורדוס איין געזאמעלט דאס גאנצע פאלק אונ האט פאר זייא געפיהרט א פאליטישע רעדע, דארט האט אויך אגריפס המלך איין געזאמעלט 6000 מאן אונ האט פאר זייא אויך געפיהרט א פאליטישע רעדע, אונ פון דארטען הייבען זיך אן דיא לשכות וואס מיר האבען אויבען געשריבען.

9.

דא וועלען מיר בעשרייבען דיא הונדערט אונ פינף אונ דרייסיג לשכות (דאס הייסט דיא צימערין).

דיא ערשטע לשכה האט מען גערופען לשכות בית המדרש ווייל שבת אונ יום טוב האבען דיא סנהדרין ניט געמשפט זע-גען זייא אריין געגאנגען אין דער לשכה אונ האבען געלערענט מיט דיא יודען תורה אונ מצות, איבער דעם האט מען גערופען דיא לשכה לשכות בית המדרש.

דיא צווייטע לשכה האט מען גערופען לשכות המגינים. דאס איז טייטש א געוועהר צימער, ווארום דארט איז געלעגען פערשיעדען געוועהר, איבערהויפט וואס דוד המלך האט דארט אין געהיימניש געוועהר אריין געלייגט אונ קיינער האט ניט געקענט ערפאהרען, דאס איז געוועזען אזא געוועהר וואס האט

נָאר נִיט גֶעשָׁאסֶען מִיט קֵיין פּוּלְוֶוער, נִיט מִיט פַיילֶען, נוּר עֶר אִיז דֶער גַאנְצֶען אֵיין מִין קְרֵייטֶער וָואס עֶר הָאט דָאס אַרֵיין גֶע־טְהָאן אִין גֶעוֶועהר, הָאט דָאס נוּר פֶערְגִיפְטֶעט אוּנ פַארְדָארְבֶּען דִיא גַאנְצֶע לוּפְט בִּיז צְוֵוייא מַייל וַוייט, אַז דִיא מֶענְטְשֶׁען וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם פְּלַאץ פוּן פָארֶענְט הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט מֶעהְר אוֹיסהַאלְטֶען וִויא צְוֵוייא שָׁעָה, אוּנ שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גֶעפוּנֶען קֵיין לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶעם פְּלַאץ בִּיז צְוֵוייא מַייל וַוייט, וָואס דֶער גִיפְט הָאט זֵייא אַלֶע גֶעטֵייט, אוּנ פוּן זַיין זַייט וָואס גֵייט צוּ זִיךְ הָאט עֶר וִוידֶער גֶעהַאט קְרֵייטֶער וָואס הָאט גֶעשְׁטַארְקְט אוּנ פַארבֶּעסֶערְט דִיא לוּפְט נָאךְ בֶּעסֶער וִויא זִיא אִיז פְרִיהֶער גֶעוֶוען. דָאס הָאט מֶען גֶעזוּכְט אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט נָאךְ צוּ מַאכֶען, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט דָאס נִיט גֶעקֶענְט עֶרְפַאהרֶען.

דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז מִיט דֶעם גֶעוֶועהר גֶעוֶוען גֶעפֶעהְרְלִיךְ פַאר דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ אִיהם בֶּעטֶען אוּנ הָאבֶּען פֶערלַאנְגְט מִיט אִיהם אָפּ צוּ מַאכֶען, אַז קֵיין מֶלֶךְ זָאל דָאס גֶעוֶועהר נִיט בֶּענוּטְצֶען אוּנ עֶר אוֹיךְ נִיט, הָאט עֶר דַארוֹיף אַיינְגֶעווִילִיגְט, אוּנ הָאט בַּאלְד גֶענוּמֶען דָאס גֶעוֶועהר אוּנ הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁלָאסֶען אִין דֶעם צִימֶער אַרֵיין.

אִין אַ צַייט אַרוּם אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען דִיא קֶענִיגֶען עֲתַלְיָה אוּנ הָאט גֶעוָאלְט אוֹיסרָאטֶען דִיא גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד, הָאט מֶען אַלֶע פוּן דָוִד'ס פַאמִילְיֶע אוֹיס גֶעהַרְגֶ'ט, אַזוֹי הָאט מֶען דַאמָאלְס אַרוֹיס גֶעחַאפְּט יוֹאָש'ן פוּן צְווִישֶׁען דִיא טוֹיטֶע וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אוֹיךְ שׁוֹין טוֹיט, אוּנ עֶר אִיז נָאךְ דַאמָאלְס גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט מֶען אִיהם בֶּעהַאלְטֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט דֶער אַם וָואס הָאט אִיהם דָארְט גֶעזֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען חֲדַר הַמִטּוֹת

LIBRARY OF THE J. Q. R. S.

וָואס מִיר וֶועלֶען וַוייטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען, אוּנ זַייא זֶענֶען דָארְט גֶע־זֶעסֶען זֶעקְס יָאהְר בֶּעהַאלְטֶען. נָאךְ זֶעקְס יָאהְר הָאט מֶען אַיין גֶעזֶעהֶען, אַז עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין שְׁוֶוער לֶענְגֶער זַייא דָארְט צוּ בֶּעהַאלְטֶען, אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל יְהוֹיָדָע, עֶר זָאל זָאגֶען וָואס מֶען הָאט וַוייטֶער צוּ טְהָאן, דַאמָאלְס אִיז עֶר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם צִימֶער פוּן דֶעם גֶעוֶועהר אוּנ הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען דָאס גֶעוֶועהר דַאמִיט צוּ שִׁיצֶען יוֹאָשׁ'ן, אוּנ הָאט אוֹיס גֶערוּפֶען אַז מֶען וֶועט הַיינְט קְרֵיינֶען אוּנְזֶער מֶלֶךְ פוּן בֵּית דָּוִד, אַזוֹי הָאט מֶען דֶעם טָאג אַרוֹיס גֶענוּמֶען דֶעם יוֹאָשׁ'ן וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוָוארֶען זִיבֶּען יָאהְר אוּנ מֶען הָאט אִיהם אַרוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם טְרָאן אוּנ מֶען הָאט אִיהם אָן גֶעטְהָאן דִיא קְרוֹין אִין עֶזְרַת נָשִׁים אוֹיף דֶער בִּימָה וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט גֶע־מַאכְט צוּ לֵיינֶען אוֹיף אִיהר אַיין מָאל אִין זִיבֶּען יָאהְר שְׁמִטָּה דִיא פָּרָשַׁת הַקְהֵל וגו'.

וִויא עֲתַלְיָה הָאט דֶער הֶערְט, מֶען שְׁרַייט שׁוֹין יְחִי הַמֶּלֶךְ יוֹאָשׁ יְחִי הַמֶּלֶךְ יוֹאָשׁ, אִיז זִיא בַּאלְד גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפֶען מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶען מִיט דִיא יוּדֶען, אוּנ וִויא זִיא אִיז נוּר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאט מֶען זִיא בַּאלְד גֶעוָואלְט טֵייטֶען, נוּר יְהוֹיָדָע הָאט נִיט גֶעלָאזְט, כְּדֵי זִיא זָאל נִיט מְטַמֵּא זַיין דָארְט טוּמְאַת מֵת וְחָלָל, הָאט מֶען זִיא אַרוֹיף גֶעצוֹיגֶען אוֹיף דֶער קִינְצְלֶערִישֶׁע בְּרִיק אוּנ פוּן דָארְט הָאט מֶען אִיהר גֶעגֶעבֶּען אַ וָוארְף אַרָאפּ, דָאס אִיז גֶעוֶוען מֶעהְר וִויא דְרַייא הוּנְדֶערְט אֵיי־לֶען טִיעף, אַזוֹי הָאט מֶען דָארְט צוּזַאמֶען גֶעקְלִיבֶּען פוּן אִיהר דִיא שְׁטִיקְלֶעךְ אוּנ מֶען הָאט זַייא בַּאגְרָאבִין.

דִיא דְרִיטֶע לִשְׁכָּה הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת גְּמַרְיָהוּ בֶּן צָפוֹן, אִין דֶעם צִימֶער הָאט בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּהוּ נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אִין נָאמֶען פוּן יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא, אַז דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט חָרוּב וֶוערֶען דוּרְךְ נְבוּכַדְנֶאצַר מֶלֶךְ בָּבֶל.

דיא פֿירְטֶע לִשְׁכָּה הָאט מֶען גֶערוּפֶֿען לִשְׁכַּת נָתָן מֶלֶךְ הַסָּרִים, דֶעם נָאמֶען הָאט מֶען גֶעגֶעבֶּען דָאס צִימֶער פַֿאר אַ שְׁטְרָאף, וָוארוּם דַאמָאלְס זֶענֶען יוּדֶען גֶעוֶועֶן אִין דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁטוּפֶּע, הָאבֶּען דִיא גְרֶעסְטֶע לַייט פוּן דֶער וֶועלְט מְגַיֵּיר גֶעוֶועֶן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער דָאס זֵייא זָאלֶען זִיךְ מִתְחַתֵּן זַיין מִיט יוּדֶען. אִיז דַאמָאלְס גֶעוֶועֶן אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ עֵצָה בַּייא נָתָן מֶלֶךְ הַסָּרִים וֶועגֶען אַזַא שִׁידוּךְ, הָאט נָתָן אִיהם נִיט אָפּ גֶערֶעד דֶער פוּן, אוּנ עֶר הָאט דֶעם שִׁידוּךְ גֶעטְהָאן. דֶער נָאךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִיא מְחוּתָּנִים גְרוֹיסֶע לַייט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין הָאט מֶען זֵייא אָפּ גֶעגֶעבֶּען דָאס צִימֶער, זֵייא הָאבֶּען אָבֶער דַאמָאלְס גֶעדִיעֶנְט צוּ דִיא זִינְן אוּנ צוּ דִיא לְבָנָה. ווִיא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיה אוּנ דִיא זִינְן אִיז אוֹיף גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען זֵייא גֶעהַאפְּט פֶערְד אוּנ וַואגֶען, אוּנ זֶענֶען גֶעלָאפֶען רַייטֶענְדִיג אוּנ פָארֶענְדִיג צוּ בּוּקֶען זִיךְ צוּ דֶער זִינְן אוּנ גֶעלָאזְט שְׁטֵיין דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אַלֶעס, אִיז דָאךְ דָאס גֶעוֶועֶן אֵיין גְרוֹיסֶע שַׁאנְד פַאר דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאט מֶען בַּאלְד דֶעם צִימֶער אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען נָתָן מֶלֶךְ הַסָּרִים פַאר אַ קְנַס, עֶר זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען, דָאס דִיא גֶעשִׁיכְטֶע וֶועט דֶערְצֶעהְלְט וֶוערֶען פוּן דֶעם צִימֶער וָואס אִיז דוּרְךְ אִיהם גֶעוֶועזֶען.

די פִינְפְטֶע לִשְׁכָּה הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכּוֹת בֵּית הַמַּהְפֶּכֶת אִין צִדְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ'ס צַייטֶען הָאט מֶען דָארְט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אַיינְגֶעזֶעצְט תָּפוּס דוּרְךְ אֵיין פַאלְשֶׁען נָבִיא פַּשְׁחוּר בֶּן אִימֵר הַכֹּהֵן.

דִיא זֶעקְסְטֶע לִשְׁכָּה הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכּוֹת יוֹחָנָן בֶּן אֶלְיָשִׁיב, אִין דֶעם צִימֶער הָאט עֶזְרָא אַרַיין גֶענוּמֶען דִיא עוֹלֵי הַגּוֹלָה וֶוען זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ הָאט זֵייא מְתַקֵּן גֶעוֶועֶן, וָוארוּם זֵייא הָאבֶּען גֶעהַאט הֵיידִישֶׁע וַוייבֶּער נֶגֶד הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה, נוּר ווִיא זֵייא זֶענֶען גֶעוֶועֶן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ הָאבֶּען

געהערט דאס קול פון דער מגריפה קטנה, וואו מיר וועלען דאס ווייטער בעשרייבען, האבען זייא בעקומען א הרהור תשובה אונ זענען באלד געלאפען צו דיא סנהדרין אונ האבען געבעטען מען זאל זייא אוים געבען א תשובה אונ זייא ווילען ברענגען א סך קרבנות, האבען דיא סנהדרין זייא גאר ניט געוואלט הערין אונ קיין קרבנות האבען זייא אויך ניט געוואלט צו נעמען, ווייל זייא זענען געוועזן מזידין, אזוי האבען זייא שטארק אן געהויבען צו וויינען מיט צובראכענע הארצער, זייא זאלען שוין חלילה פארלוירען זיין פון ביידע וועלטען. וויא עזרא האט געזעהען אז זייא וויינען גאנץ ערענסט אונ ווילען באמת תשובה טהאן, אונ עזרא איז דאמאלס געוועזן דער גרעסטער פון דיא סנהדרין, האט ער זיך מיישב געוועזן אונ האט צו זייא אזוי געזאגט, אז איהר ווילט תשובה טהאן ערענסט, וועל איך אייך מתקן זיין אן קרבנות, נור איהר מוזט מיך אלעס פאלגען וואס איך וועל אייך הייסען.

ערשטענס מוזט איהר זיך שיידען מיט אייערע ווייבער אונ זאלט אויף אייך נעמען, אז איהר זאלט שוין מעהר ניט זינדיגען, וועל איך אייך העלפען פאסטען אונ איהר וועט האבען א תיקון אן קרבנות, אונ דאס זאגט דיא גמרא, „גדולה התשובה יותר מן הקרבנות”, דאס איז טייטש אז תשובה איז גרעסער פון קרבנות, אונ מען ברענגט דיא ראיה פון עזרא. אונ עס איז אזוי געוועזן, זייא האבען איהם אלעס געפאלגט אונ ער האט זיי מתקן געוועזן אן קרבנות.

דיא זיבענטע לשכה האט מען גערופען לשכת טוביה העמוני, דער פריינד פון סנבלט החורני. סנבלט החורני איז געוועזן א קעניג אונ האט געהאט א יודישען איידים פון ירושלים, וואו מיר האבען אויבען געשריבען, אז דיא גרעסטע לייט פון דער וועלט האבען דאמאלס מגיר געוועזן זייערע טאכטער, זייא

זָאלֶען גֶעמֶען יוּדִישֶׁע אֵיידִימֶעס פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אַזוֹי הָאט דֶער אֵיידֶעם פֶערְלַאנְגְט פוּן זַיין שְׁוֶוער אַז עֶר זָאל אִיהם מַאכֶען פַאר אֵיין כֹּהֵן גָדוֹל, דֶען דַאמָאלְס אִיז מֶען גֶעוָוארֶען אַ כֹּהֵן גָדוֹל דוּרְךְ דִיא קְרוֹין אָדֶער מִיט פִיעל גֶעלְד, עֶר אִיז אָבֶער קֵיין כֹּהֵן גָאר נִיט גֶעוֶוען, פַארשְׁטֵייט מֶען דָאךְ, אַז מֶען הָאט אִיהם פַאר אַ כֹּהֵן גָדוֹל בְּוַדַאי נִיט גֶעוָואלְט אוֹיף נֶעמֶען, הָאט עֶר שְׁטַארְק אָן גֶעהַאלְטֶען זַיין שְׁוֶוער, עֶר זָאל אִיהם מִיט גֶעוַואלְד מַאכֶען פַאר אַ כֹּהֵן גָדוֹל אוּנ עֶר זָאל מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִיא יוּדֶען דַארִיבֶּער. הָאט זִיךְ סַנְבַלַט הַחוֹרֹנִי בַּארָאטִין מִיט טוֹבִיָה הָעַמּוֹנִי וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם אוּנ אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג. הָאט טוֹבִיָה גֶעזָאגְט צוּ סַנְבַלַט׳ס אֵיידֶעם, עֶס אִיז אוּמְזוּנְסְט דַיין שְׁמֶערְץ, וָוארוּם דוּא מוּזְט וֶוענִיגְסְטֶענְס זַיין פוּן דִיא פַאמִילְיֶע כֹּהֲנִים אוּנ אַז נִיט אִיז אַלֶעס אוּמְזוּנְסְט, אוּנ וָואס דוּא מֵיינְסְט מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶען, וֶועט נוּר בְּלוּט פַארְגָאסֶען וֶוערֶען אוּנ גָאר נִיט וֶועסְט דוּא אוֹיס פִירֶען.

אָבֶער דָאךְ הָאט טוֹבִיָה וַוייטֶער גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר אַזַא עֵצָה גֶעבֶען, דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם בַּארְג מוֹרִיָה, אוּנ אִיךְ גֶעפִין גָאר נִיט אִין דֶער תּוֹרָה, אַז דֶער בַּארְג מוֹרִיָה גֶעהֶער צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶס גֶעהֶער זִיךְ גְלַייכֶער דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג גְרִיזִים, וָוארוּם אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט „וְנָתַתִּי אֶת הַבְּרָכָה עַל הַר גְרִיזִים”, דַארְף דָאךְ דָארְט שְׁטֵיין דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ וואו מֶען הָאט גֶעגֶעבֶען דִיא בְּרָכָה, אוּנ דֶער בַּארְג גְרִיזִים גֶעהֶער דָאךְ צוּ דַיין שְׁוֶוער סַנְבַלַט הַחוֹרֹנִי, זָאלְסְטוּ דוּא אוֹיף בּוֹיֶען אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ אוֹיף זַיין בַּארְג וֶועסְט דוּא קֶענֶען זַיין אַ כֹּהֵן גָדוֹ, אִין דַיין אֵייגֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנ אַז דִיא יוּדֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם וֶועלֶען עֶרְפַאהרֶען פַאר וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אוֹיף דֶעם בַּארְג גְרִיזִים, צוּלִיעבּ דִיא בְּרָכָה, וָואס מֶען הָאט אוֹיף אִיהם גֶעגֶעבֶען, וֶועלֶען אַלֶע

יודען צו שטיין צו דיר און וועלען אן נעמען דיין בית המקדש נאך בעסער וויא זייערס, וואס זייא האבען היינט אויף דעם בארג מוריה. און וואו צו בעקומען דעם פלאן פון בית המקדש האב איך אויך א עצה. איך וועל אליין פארין קיין ירושלים, וועט מען דאך מיר געוויס אפגעבען א צימער אין בית המקדש וועל איך אפ צייכענען דעם גאנצען פלאן און איך וועל דיר דאס איבער שיקען, וועסט דוא קענען פונקטליך נאך מאכען.

אזוי איז טוביה העמוני אריין קיין ירושלים, און יוחנן בן אלישיב האט איהם שטארק מכבד געווען, און האט איהם אפגעגעבען דעם גרעסטען צימער, כדי ער זאל קענען צו נעמען געסט, אזוי האט ער תיכף אן געהויבען צו צייכענען דעם פלאן פון בית המקדש.

נחמיה איז אבער באלד דער פון ערפאהרען, אזו האט מען באלד זיינע זאכען ארוים געווארפען און איהם האט מען פאר דעם בן געווען.

דיא אכטע לשכה האט מען גערופען לשכת בני חנן בן גדליהו איש אלהים, אין דעם צימער האט ירמיהו הנביא געפרווט דיא קינדער פון יונדב בן רכב, און האט זייא אין גאטס נאמען געזאגט וויין צו טרינקען, אבער זייא האבען ניט געוואלט איבער דעם פארבאט פון זייער פאטער, און זייא האבען איהם צו געשוואורען, אז זייא זאלען קיין וויין ניט טרינקען און קיין פלייש ניט עסין. האט זיך דאס פאלק ארוים גענומען איין מוסר צו האלטען דאס געבאט פון גאט ב"ה.

דיא ניינטע לשכה האט מען גערופען לשכת מעשיהו בן שלום, דאס צימער איז געווען פאר דעם שומר הסף, דאס איז דער שווייצער פון בית המקדש, דען דער ערשטער האט געהייסען מעשיהו בן שלום, און דיא אנדערע זענען אלע געווען פון זיין פאמיליע.

דָאס צֶעהְנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בֶּדֶק הַבַּיִת. דָארְט הָאט מֶען אַרַיין גֶעלֵייגְט דָאס גֶעלְד פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אוּנ מֶען הָאט דֶער פוּן גֶעקוֹיפְט קָרְבָּנוֹת צוּ וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט, אוּנ צוּ פַאר רֶעכְטֶען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען גֶענוּמֶען פוּן דֶעם גֶעלְד.

דָאס עֶלֶעפְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת נִדְבוֹת הַכֵּלִים, אִין דֶעם צִימֶער הָאבֶען דִיא גְרוֹיסֶע מְיוּחָסִים אַרַיין גֶע־בְּרֶענְגְט גָאלְדֶענֶע אוּנ זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים, וָואס זַייא הָאבֶען גֶע־שֶׁענְקְט אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס צִימֶער הָאט מֶען גֶעעֶפֶענְט אֵיין מָאהְל אִין דְרַייסִיג טָאג, נָאךְ צוּזֶעהֶען דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אִיבֶּער דֶער צַייט, אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כְּלִי וָואס עֶס הָאט גֶענוּצְט צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאט מֶען דִיא כְּלִי אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער פוּן דִיא כֵּלִים, אוּנ אוֹיבּ דִיא כְּלִי הָאט גָאר נִיט גֶענוּצְט, הָאט מֶען זַיא פַארְקוֹיפְט, אוּנ דָאס גֶעלְד הָאט מֶען אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל לְבֶדֶק הַבַּיִת.

דָאס צְוֶועלְפְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַחֲשָׁאִים, אִין דֶעם צִימֶער פְלֶעגְט מֶען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט זֶעהְר פִיעל גֶעלְד, וָואס דֶער פוּן הָאט מֶען אַהֵיים גֶעשִׁיקְט צוּ אָרֶעמְלִיכֶע מֶענְטְשֶׁען אַלֶע מָאל גֶעלְד עֶס זָאל קֵיינֶער נִיט וִויסֶען פוּן זַייא, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען גֶערוּפֶען דָאס צִימֶער הַחֲשָׁאִים, וַוייל הַחֲשָׁאִים אִיז טַייטְשׁ שְׁטִיל.

דָאס דְרַייצֶעהְנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בִּגְדֵי כְּהוּנָּה, אִין דֶעם צִימֶער הָאט מֶען אַרַיין גֶעלֵייגְט דִיא אַלְטֶע קְלֵיידֶער פוּן דִיא כֹּהֲנִים, וָואס דִיא צְוֵוייא נַאכְט סוּכּוֹת שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, הָאט מֶען פוּן זַייא גֶעמַאכְט קְנוֹיטֶען אוּנ מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדֶען אַלֶע לָאמְפֶּען פוּן הָצֵר הַבַּיִת אוּנ אִין עֶזְרַת נָשִׁים.

דָאס פִירְצֶעהנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בֵּית הָאוֹצָר, אִין דֶעם צִימֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער סְקְלַאד פוּן מַעֲשֵׂר אוּנ תְּרוּמָה אוּנ תִּירוֹשׁ וְיִצְהָר פַאר דִיא בֶּעדִינֶער פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דָאס פִינְפְצֶעהנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַבִּיכּוּרִים, אִין דֶעם צִימֶער הָאט מֶען אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דִיא פֵּירוֹת וָואס זַייא זֶענֶען פְרִיהֶער צַייטִיג גֶעוָוארֶען, אוּנ דָאס הָאט גֶעהֵייסֶען בִּיכּוּרִים.

דָאס זֶעכְסְצֶעהנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַשֻׁלְחָנִים, אִין דֶעם צִימֶער זֶענֶען גֶעזֶעסֶען דִיא גַבָּאִים 15 טָאג אִין חֹדֶשׁ אֲדָר אוּנ הָאבֶּען אַיין קַאסִירְט דִיא הַאלְבֶּע שְׁקָלִים פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל אוּנ בִּיז פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג טָאג אִין אֲדָר, וֶוער עֶס הָאט נִיט גֶעבְּרֶענְגְט, הָאט מֶען שׁוֹין גֶענוּמֶען מַשְׁכָּנוֹת, אוּנ דָאס אַלֶעס אִיז גֶעלֶעגֶען אִין דֶעם צִימֶער בִּיז מֶען הָאט דָאס אוֹים גֶעקוֹיפְט.

דָאס זִיבֶּענְצֶעהנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַתְּרוּפוֹת, אִין דֶעם צִימֶער אִיז גֶעזֶעסֶען אֲחִיָה הָרוֹפֵא אוּנ הָאט דָארְט גֶעהַאט פֶערְשִׁיעדֶענֶע מֶעדִיצִינֶען פַאר קְרַאנְקֶע, וָוארוּם דִיא כֹּהֲנִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זֶעהר לַייכְט גֶעקְלֵייד אוּנ בָּארְפוּסִיג אוּנ הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען נִיט פַּארְטִיג פְלֵיישׁ אוּנ הָאבֶּען נוּר וַואסֶער גֶעטְרוּנְקֶען, הָאבֶּען זַייא מֶעהרֶערֶע צַייטֶען צוּפֶאלֶען גֶעהַאט, דָאס הָאט זַייא גֶעשַׁאדֶען, דַאדוּרְךָ הָאט מֶען דִיא רְפוּאוֹת גֶע־הַאט, זַייא צוּ רֶעטוּנְג.

דָאס אַכְצֶעהנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַחֲרָמִים, אִין דֶעם צִימֶער אִיז גֶעלֶעגֶען אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען הָאט מַחֲרִים גֶעוֶוען וֶועלְכֶעס דָאס אַלֶעס הָאט גֶעהֶערְט צוּ דִיא כֹּהֲנִים.

דָאס נַיינְצֶעהנְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה, דָאס צִימֶער אִיז גֶעוֶוען עֶקְסְטְרָא פַאר דֶעם

קְרִיעגְס מִינִיסְטֶער וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער מִלְחָמָה אִיז עֶר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט דָארְט תְּפִלָּה גֶעטְהָאן, אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט גֶעוַוא״ט בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, הָאבֶּען אַלֶע אָן גֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אִין דֶער מִלְחָמָה, אוּנ וֶוען מֶען אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן דֶער מִלְחָמָה הָאט עֶר אוֹיךְ דָארְט תְּפִלָּה גֶעטְהָאן אוּנ אַלֶע יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט וַוארְטֶען אוֹיף דֶעם פְּלַאץ בִּיז דֶער כֹּהֵן מָשׁוּחַ מִלְחָמָה אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, דַאמָאלְס זֶענֶען אַלֶע אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען.

דָאס צְוַואנְצִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַסְּגַן, דָאס צִימֶער אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם אַדְיוּטַאנְט פוּן דֶעם קְרִיעגְס־מִינִיסְטֶער, וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט צוּ זַיין דִינְסְט.

דָאס אֵיין אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת אַנְשֵׁי הַמַּעֲמָד, אִין דֶעם צִימֶער הָאבֶּען זִיךְ אַיין גֶעזַאמֶעלְט דִיא מֶענְטְשֶׁען וָואס פְלֶעגֶען אוֹיף שְׁטֵיין גַאנְץ פְּרִיה, וֶוען זֵייא הָאבֶּען דֶער הֶערְט דָאס קוֹל פוּן דֶעם כֹּהֵן גְּבִינִי׳ם כָּרוֹז, עִמְדוּ כֹּהֲנִים לַעֲבוֹדַתְכֶם וּלְוִיִּם לְמִשְׁמַרְתְּכֶם.

דָאס צְוֵוייא אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכּוֹת שׁוֹמְרֵי מִשְׁמֶרֶת הַקֹּדֶשׁ, דָארְט אִיז גֶעוֶוען פִינְפְצֶעהְן צִימֶערְן פַאר דִיא פִינְפְצֶעהְן גַבָּאִים, וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעדַארְפְט בַּייא נַאכְט בְּלַייבֶּען, אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעהַאט שְׁטֵיין בֶּעטְלִיךְ צוּם שְׁלָאפֶען אַז זֵייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט, וָוארוּם דִיא צִימֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִיא אוֹיסֶען וֵוייניגְסְטֶע מוֹיֶער, אִיז דָאס גֶעוֶוען חוֹל, הָאט מֶען דָארְט גֶעמֶעגְט שְׁלָאפֶען, אוּנ דָאס הָאט גֶעהֵייסֶען חֲדַר הַמִּטּוֹת, דָארְט אִיז אוֹיךְ יוֹאָשׁ מִיט זַיין אַם גֶעוֶוען בֶּעהַאלְטֶען, וואו מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען.

דָאס דְרַייא אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת קוֹרֵא בֶּן יִמְנָא, דָארְט אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען אַ טוֹיעֶר הִיטֶער וָואס מֶען הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען דֶעם נָאמֶען קוֹרֵא בֶּן יִמְנָא.

דאס פיר און צוואנציגסטע צימער האט מען גערופען לשכת החניות, אין דעם צימער הט מען גמשפט דיני נפשות פיר־ציג יאהר איידער דאס בית המקדש איז חרוב געווארען, ווארום דיא סנהדרין האבען שוין ניט געקענט משפט'ן דיני נפשות ביז זייא האבען צו געזעצט א רוימישען סענאטאר, האבען זייא דאך איהם ניט געקענט אריין נעמען אין לשכת הגזית, ווייל דארט איז געוועזען קודש, זענען דיא סנהדרין אויך ארוים געגאנגען אין דעם צימער אריין פון אויסענווייניג אין חומת הר הבית, דארט האבען זייא אריין גענומען דעם רוימישען סענאטאר און האבען גע־משפט דיני נפשות, און האבען גערופען דאס צימער לשכת החניות.

דאס פינף און צוואנציגסטע צימער האט מען גערופען לשכות הפרוכת, אין דעם צימער איז געוועזען פינף צימערין, וואס דארט איז געזעסען יונגע בתולות וואס האבען נאך ניט זייער צייט, און האבען דארט געהאפטען פרוכת'ן, אין א צייט ארום האט מען דארט געטראפען ווייבער פון געצין דינער און האבען געהאפטען דעקין צו עבודות זרות, האט מען זייא באלד קאסירט און מען האט זייא א נאמען געגעבען בתי הקדשות און מיט'ן באפעהל פון יאשיהו המלך האט מען דיא פינף צי־מערין פון אנאנדער גענומען.

דאס זעקס און צוואנציגסטע צימער האט מען אויך גערו־פען לשכת הפרוכת, אין דעם צימער נור אליין האט מען שוין איין געריכטעט צו וועבין פרוכת'ן, עס זאל זיך שוין ניט טרעפען קיין מכשול חס ושלום, און דאס האט אויך ניט גע־האלפען, ווארום דארט האט מען ווידער געפונען ביי דיא ווייבער וואס זייא האבען געהאפטען דיא פרוכת'ן פון א עבודה זרה וואס מען האט זייא גערופען מבכות את התמוז, ווארום זייא האבען אין איהר אריין געזעצט בלייערנע אויגען, און עס

אִיז גֶעקוּמֶען רֹאשׁ חֹדֶשׁ תַּמּוּז, הָאט מֶען אוּנְטֶער גֶעלֵייגְט פַייעֶר הָאבֶּען דִיא אוֹיגֶען אָן גֶעהוֹיבֶּען רִינֶען וְויא טְרֶערִין פוּן אַ מֶענְטְשׁ הָאבֶּען זֵייא גֶעוְויזֶען אַז זֵייעֶר גָאט וֵויינְט רֹאשׁ חֹדֶשׁ תַּמּוּז אוּנ הָאבֶּען דֶער מִיט אוּים גֶענַארְט זֶעהְר פִיהְל גֶעלְד. וְויא מֶען הָאט דָאס דֶער זֶעהֶען הָאט מֶען דָאס אַלֶעס פַאר בְּרֶענְט אוּנ מֶען הָאט דֶעם צִימֶער אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען, נָשִׁים מְבַכּוֹת אֶת הַתַּמּוּז, וַוייל דוּרְךָ וַוייבֶּער אִיז דָאס אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, אוּנ מֶען הָאט דָאס צִימֶער פַאר מַאכְט אוֹיף אֵייבִּיג.

דָאס זִיבֶּען אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען אוֹיךְ גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַפָּרוֹכֶת, אִין דֶעם צִימֶער אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גַבַּאי אוּנ הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אַ גַאנְצֶען טָאג אוֹיף דִיא וֶועבֶּערְס, אוּנ בַּייא נַאכְט הָאבֶּען זִיךְ דָארְט אַיין גֶעזַאמֶעלְט דִיא לְוִיִם וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעהִיטֶעט אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּנ דָארְט הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעבִּיטֶען, אִיז דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען דָארְט מֶענְטְשֶׁען. אַזוֹי אִיז שׁוֹין נִיט מֶעהר פָאהר גֶעקוּמֶען קֵיין מִכְשׁוֹל.

דָאס אַכְט אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַקִינִין, אִין דֶעם צִימֶער אִיז גֶעוֶוען דְרַייא פִּישְׁקֶעס גֶעמַאכְט וְויא שׁוֹפָרוֹת, אוֹיף יֶעדֶע פִּישְׁקֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיף גֶעשְׁרִיבֶּען וָואס פַאר אַיין גֶעלְט דְרִינֶען לִיגְט. לְמָשָׁל, אוֹיף אֵיין פִּישְׁקֶע אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען קִינִין (אַלְטֶע טוֹיבֶּען) הָאט מֶען נִיט גֶעטָארְט קֵיין אַנְדֶערֶע קוֹיפֶען נוּר אַלְטֶע טוֹיבֶּען פוּן דֶעם גֶעלְד פַאר אַ קָרְבָּן, אוּנ אוֹיף דֶער צְווייטֶער פִּישְׁקֶע אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען גוֹזְלֵי עוֹלָה (יוּנְגֶע טוֹיבֶּען), אוֹיף דֶער דְרִיטֶער פִּישְׁקֶע אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען דִיא רֶעשְׁט פוּן קִינִין נְדָרִים, נְדָבוֹת אוּנ פוּן גֶעווינֶערִינְס נָאךְ דִיא קִינְדֶערְבֶּעט.

דֶעם נַיין אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶען צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת שׁוֹמְרֵי מִשְׁמֶרֶת הַמִּזְבֵּחַ, אִין דֶעם צִימֶער זֶענֶען גֶעזֶעסֶען דִיא כֹּהֲנִים פוּן דִיא פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג מִשְׁמוֹרִים דֶעם טָאג וָואס

איז נאָך גיט געווען זייער דינסט, זענען זייא דערווייל דאָרט געזעסען.

דאָס דרייסיג־סטע צימער האָט מען גערופען לִשְׁכַּת הַמְשׁוֹרְרִים, אין דעם צימער האָבען זיך איין געזאַמעלט דיא לְוִיִם, אונ אַלע מְשׁוֹרְרִים וואָס האָבען צו געהאָלפען דיא לְוִיִם ווען זייא האָבען געזינגען דיא פופצעהן שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אויף דיא פינפצעהן טרעפ וואָס געהט אַרויף פון עֶזְרַת נָשִׁים אין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אַריין אין שַׁעַר נִיקָנוֹר.

דאָס איין אונ דרייסיגסטע צימער האָט מען גערופען לִשְׁכַּת הַמֶּלֶךְ, ביים בַּית שֵׁנִי איז געווען אַ צימער עקסטרא פאַר דעם מֶלֶךְ. ווייא מיר האָבען אויבען געשריבען, אַז דאָס אויף געמען פאַר אַ כֹּהֵן גָּדוֹל איז געוועזן אונטער דיא קרוין אונ אַלע הֶקְדֵשׁ זאַכען האָבען דאַמאָלס געמוזט זיין געשטעמפעלט מיט דעם קרוין שטעמפעל.

דאָס צוויא אונ דרייסיגסטע צימער האָט מען גערופען לִשְׁכַּת כְּלֵי הַשָּׁרֵת, דאָרט איז געלעגען אַלע גאָלדענע כֵּלִים אונ אַלע זילבערנע כֵּלִים וואָס זענען געווען צום נוצען אַלע טאָג אַזוי האָט מען פון דאָרט אַרויס גענומען אַלע טאָג ניין אונ דרייסיג כְּלֵי שָׁרֵת פאַר דיא כֹּהֲנִים וואָס זייא האָבען בענוצט צום קָרְבָּן הַתָּמִיד.

דאָס דרייא אונ דרייסיגסטע צימער האָט מען גערופען לִשְׁכַּת בֵּית הַכְּנֶסֶת, דאָרט אין הויף אַריין איז געווען אַ צימער שוין סוף בַּיִת שֵׁנִי, וואָס דאָס פאָלק האָבען דאָרט געבעטען צו גאָט ב"ה וואָס זייא האָבען געדאַרפט, איבער דעם רופען מיר אונזערע שולען אויך בֵּית הַכְּנֶסֶת.

דיא פיר אונ דרייסיגסטע לִשְׁכָּה האָט מען גערופען לִשְׁכַּת בֵּית הַבִּירָה, דאָס איז געווען איין אַלעיע מיט פיר זיילען אָן ווענט, נור איין דאַך איז געווען, דאָרט האָט מען פאַר

בְּרֶענְט אַ חַטָּאת פוּן אַ פְּסוּל אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען, נָאךְ דֶעם אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער עֲזָרָה, דָאס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם חָצֵר לִינְקְס פוּן דֶעם שַׁעַר הַמִּזְרָח.

דָאס פִינְף אוּנ דְרַייסִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת יְשִׁיבַת סַנְהֶדְרֵי קְטַנָּה רִאשׁוֹנָה, דָארְט אִין חָצֵר אִיז גֶעוֶועזְן אֵיין זַאאל מִיט פִיהר גָאלְדֶענֶע זַיילֶען אָן וֶוענְט אוּנ מִיט אַ גָאלְדֶענֶעם דַאךְ, וָואס דָארְט זֶענֶען גֶעזֶעסֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע קְלַאס סַנְהֶדְרִין אוּנ הָאבֶּען נוּר גֶעמִשְׁפָּט אִין גֶעלְד זַאכֶען. דִיא אָרְדְנוּנְג אִיז גֶעוֶוען, דְרַייא אוּנ צְוַואנְצִיג סַנְהֶדְרִין זֶענֶען גֶעזֶעסֶען וִויא אַ הַאלְבֶּער צִירְקֶעל הַאלְבּ רוּנְד, דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן זֵייא אִיז גֶע־זֶעסֶען אוֹיבֶּען אָן אוּנ דֶער צְווייטֶער פוּן אִיהם אִיז גֶעזֶעסֶען פוּן זַיין רֶעכְטֶער הַאנְד אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעזֶעסֶען רֶעכְטְס אוּנ לִינְקְס, יֶעדֶער נָאךְ זַיין מַדְרֵגָה, אוּנ פַאר זֵייא אִיז גֶעזֶעסֶען דְרַייא שׁוּרוֹת תַּלְמִידֵי חֲכָמִים קַאנְדִידַאטֶען, אִין נוֹיטְפַאל חָלִילָה צוּ פַאר טְרֶעטֶען אַ שְׁטֶעלֶע פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין, אוּנ פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען זֶענֶען גֶעזֶעסֶען צְווייא שְׁרַייבֶּערְס אוּנ הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען וָואס דִיא סַנְהֶדְרִין הָאבֶּען גֶעמִשְׁפָּט.

דָאס זֶעקְס אוּנ דְרַייסִיגְסְטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בֶּן אַרְזָא. דֶער בֶּן אַרְזָא הָאט גֶעהַאט אֵיין עֶקְסְטְרַא צִי־מֶער פַאר זִיךְ, עֶר הָאט דִיא לְוִיִּם גֶעשְׁטֶעלְט אַ טָאהְן צוּ זִינְגֶען אוּנ שְׁפִּילֶען, אַזוֹי וִויא מִיר וֶועלֶען אִיהם וַוייטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען.

אִין מַעֲרָב זַייט פוּן הַר הַבַּיִת אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין שׁוּם לִשְׁכָּה נוּר אֵיין גְרוֹיסֶע מוֹיעֶר פוּן פִירְצִיג אֵיילֶען דִיא הוֹיךְ אוּנ פִינְף אֵיילֶען דִיא דִיק, דָאס אִיז נוּר גֶעוֶוען פַאר שֶׁאהְנְהַייט, וָואס דָארְט הָאט גֶערוּהְט דִיא שְׁכִינָה.

א) דָא בֶּעשְׁרַייבֶּען מִיר דִיא מוֹיעֶר פוּן דֶעם חָצֵר אִינֶעוֶוינִיג.

דִיא אַרְבֵּייט אִינֶעוֶוינִיג אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט בֶּענְק אִיבֶּער

בענק איינע איבער דיא אנדערע, אונ אויף דיא בענק זענען גע־
זעסען דיא אלטע לייט וואס זייא זענען געקומען אויף סוכות.
אז עס איז געפאלען דער ערשטער טאג סוכות אין שבת, האט
מען דיא לולבין אין פרייטאג ארויף געלייגט אויף דיא בענק,
ווארום אין שבת האט מען ניט געטארט זייא טראגען.

ב) דיא בעשרייבונג פון פלאץ אינעווייניג אין חצר.

דער פלאץ האט געהאלטען פון אלע פיר זייטען אינעווייניג
פינף הונדערט איילען, דהיינו פון דער דרום וואנד ביז צו דער
צפון וואנד פינף הונדערט איילען, אונ אזוי דיא רעשט, דאס איז
פינף הונדערט איילען קוואדראט.

ג) דיא בעשרייבונג דיא בנינים פון דיא מויערן פון
דיא עזרות אונ דאס היכל אונ דאס קדשי קדשים.

דיא וואנד פון דרום זייט פון דיא עזרות איז געוועזן אפ
געטרעטען פון דער וואנד פון דעם חצר דרום זייט 265 איילען,
אונ דיא וואנד פון מזרח זייט פון דיא עזרות איז געוועזן אפ גע־
טרעטען פון דער וואנד פון חצר מזרח 115 איילען, אונ דיא
וואנד פון צפון פון דיא עזרות איז געוועזן אפ געטרעטען פון דער
וואנד פון חצר צפון הונדערט איילען, אונ דיא וואנד פון מערב
פון דיא עזרות איז געוועזן אפ געטרעטען- פון דיא וואנד פון חצר
מערב דרייא אונ זעכציג איילען. דיא ברייט פון דיא עזרות פון
דרום ביז צפון אינעווייניג, האבען געהאלטען 20 איילען, דאס
איז אלעם צוזאמען 500 איילען. דיא לענג אינעווייניג פון דיא
עזרות מיט דיא עזרת נשים האבען געהאט צוזאמען 322 איילען,
אונ צוזאמען מיט דיא 115 איילען אונ מיט דיא 63 איילען איז
אויך געוועזן 500 איילען: דיא עזרות מיט דעם היכל פון קדשי
קדשים איז געוועזן מעהר אפ געטרעטען פון דרום זייט, ווייל

דער הויפטגאנג אין בית המקדש אריין איז געווען פון דרום
זייט, דאדורך איז געווען פון דרום זייט צוויא טויערן, אונ
אין די אנדערע דרייא זייטען איז נור געווען צו איינציגע טויערן
אז דאס פאלק וועט אריין קומען אין חצר אונ יעדער וועט ווע־
לען גיין אויף זיין ארט וויא ער מעג, אונ דער פלאץ וועט זיין
גלייך אומעדים, וואלט געווען צו ענג, זאלט חלילה געקענט
זיין א מכשול, ווייל יעדער וואלט זיך געשטיפט אום פריהער צו
קומען אויף זיין ארט, איבער דעם האט מען געמאכט דעם
גרעסטען פלאץ אויף דער זייט וויא דער ערשטער אריין קום
איז געווען, האט שוין יעדער געקענט בעקוועם גיין, וויא ער
האט געמעגט, אהן א מכשול חס ושלום.

ד) דיא בעשרייבונג פון סורג וואס איז געווען אין
חצר פאר דיא מויערן פון דיא עזרות.

דאס איז געווען אזעלכע שטרעבייטען פון דינע שטעקלעך
געפלאכטען, אפ געטרעטען פון דיא ווענט פון דיא עזרות
צעהן איילען, דאס איז געשטאנען אויף איין מויער הויך פון
פוסבאדען איין איל, נעבען דיא עזרות. דיא שטעקלעך זענען
געווען געפלאכטען אין ווייסע מארמאר שטיינערנע זיילען וואס
איז אויף זייא געווען געשריבען אויף לשון קדש אונ אויך אויף
גריכיש, כל עכו"ם שיזיד לגשת משם והלאה דמו בראשו, דאס
איז געווען צום צייכען אז א היידע האט ניט געטארט גיין ווייי־
טער פון דיא שטרעבייטען. דיא מלכי יון האבען זיך אין דעם
מקנא געווען אונ אוים פארדראס האבען זייא אויסגעבראכען
דרייצעהן שטיקער פון דיא שטרעבייטען אויף דרייצעהן ערטער.
דער נאך וויא דיא חשמונאים האבען זייא אוים געהרגת, האבען
זייא דיא שטרעבייטען צוריק פאר רעכט, אונ האבען מתקן גע־
ווען דרייצעהן תפלות, יעדען בראך וואס זייא האבען פאר רעכט

האבען זייא מתקן געוועזען איין תפלה, אונ דער ביא האבען זייא זיך געבוקט אונ געדאנקט צו גאט ב"ה וואס ער האט זייא גע־האלפען צו מאכען פארלירען דיא געצין דינער, וואס האבען געוואלט שטערען אונזער דינסט, אזוי האט מען געטהאן ביא יעדען בראך באזונדער ביז אלע זענען פאר רעכט געווארען.

ה) דיא בעשרייבונג פון חיל וואס איז געוועזען.

דאס איז געוועזען פון דיא ערד פון פוסבאדען, ווארום דער פוסבאדען אונטער דיא מויערן פון דיא עזרות איז געוועזען הע־כער וויא דער פוסבאדען פון דעם חצר, אונ זיא איז געגאנגען משופע בארג אויף, זיא האט זיך אן געהויבען פון מזרח זייט פיר איילען ווייט פון דער מויער פון הר הבית העכער צו גיין ביז צעהן איילען ווייט פון דער מויער פון עזרת נשים, איז שוין געוועזען העכער פון חצר מיט זעקס איילען אונ איז געגאנגען וואס אמאל העכער ביז צו מערב זייט, איז דער פוסבאדען העכער געוועזען פון דעם פוסבאדען פון חצר מיט צווייא אונ צוואנציג איילען, איבער דעם איז געוועזען אין דיא עזרות פון איין טייל אין אנדערען טייל אריין מיט טרעפ ארויף צו גיין, וויא מיר וועלען ווייטער בעשרייבען.

דיא ברייט פון דעם חיל פון דער וואנד פון דיא עזרות ביז צום עק חיל וואס גייט אריין אין חצר, איז געוועזען צעהן איילען, אונ אונטען אין חצר האט מען דעם חיל ארום געמויערט מיט שטיינער, כדי דיא ערד זאל זיך ניט שיטען, ווארום מען האט געשטעלט אויף דעם חיל דיא גרויסע מויערן פון דיא עזרות, וויא מיר וועלען ווייטער שרייבען.

אין עק פון חיל אויף דער מויער אויבען דיא לעצטע איל איז געשטאנען דיא שטרעכייטען צעהן טפחים דיא הויך, וויא מיר האבען אויבען געשריבען, איז געוועזען פון דער וואנד פון דיא

עזרות ביז צום עק חיל מיט דיא שטרעכייטען וואס הייסט סורג צעהן איילען ווייט וואס דארט האט שון קיין הייד ניט געטארט ארויף גיין.

ו) אין עק פון דיא זעקס איילען העכער פון דעם פוסבא־דען פון חצר איז געווען צוועלף טרעפ, יעדע טרעפ האט געהאט איין האלבע איל דיא הויך, אונ דיא לענג איז געווען איבער דיא גאנצע װאנד פון עזרת נשים, דהיינו פון דער וואנד ביז צום סורג פון מזרח וואנד איז געווען זעקס איילען. דיא צוועלף טרעפ האבען ארויף געפירט אין ערשטען טייל פון בית המקדש.

ז) אויף פיר אונ צוואנציג ערטער איז געווען געמאכט הייד־לעך, דרייא פאר כהנים, אונ איין אונ צוואנציג פאר לוים, וואס האבען געהיט, ניט הלילה פאר גנבים, נור לכבוד הבית.

ח) דאס ערשטע טייל פון דיא עזרות, האט מען גערופען ביים בית ראשון חצר החדשה, ווארום דאס איז געווען איין עקסטרא הויף, אונ ביים בית שני האט מען דאס גערופען עזרת נשים, דאס איז געווען מיט א מויער ארום אונ ארום פיר עקיג, פון מזרח וואנד ביז מערב זייט פון עזרת נשים איז געווען 135 איילען אונ דיא צפון וואנד פון עזרת נשים איז אויך געווען 135 איילען קוואדראט. דיא הויך פון דיא מויערן איז געווען פירציג איילען. אין מזרח וואנד וואו דיא צוועלף טרעפ זענען געווען, איז געווען איין טיהר פון צוואנציג איילען דיא הויך אונ צעהן איילען דיא ברייט, אונ דאס איז געווען פון א טייער מאטעריאל נאך טייערער וויא גאלד, דאס האט מען גערופען נחשת ממורט. אין בית שני איז דאס טויער געווען באדעקט מיט גאלדענע בלעך פון דרייא פינגער דיק מיט ריין גאלד.

אין בית שני איז געווען אין דעם עזרת נשים, פון דרייא זייטען איינגעריכטעט ווייסע מארמארנע שטיינערנע זיילען וואס אויף זיי איז געווען גאלדענע גאלעריעס מיט קינסטליכע

פענסטער, דאס איז געווען עקסטרא געמאכט פאר די ווייבער אויף שמחת בית השואבה. עס איז אזוי געווען, די אנדערע נאכט סוכות איז געווען א גרויסע שמחה פאר יודען אין בית המקדש, האבען אבער די ווייבער אויך געוואלט זיין אויף דער שמחה, האט מען פאר זייא געמאכט גאלדענע גאלעריים מיט פענסטער, אז זייא זאלען קענען אראפ קוקען און די מאנער זאלען ניט קענען ארויף קוקען, און אין דעם חצר און אין עזרת נשים זענען געווען זעהר פיל לאמפען וואס מען האט אריין געגאסען בוים אייל און מען האט געמאכט פון די אלטע קליידער פון די כהנים קנויטען, און מען האט דאס אן געצונדען, האט דאס געפלאקערט און געלייכט אויף דער גאנצער שטאט, אז מען האט געקענט ציילען יעדען הויף פון ירושלים.

דאס איז דער גאלדענער בלישץ לייכטער
וואס מען האט גערופען נברשת זהב נוצץ



אין בּײדע זײטען פון עֶזְרַת נָשִׁים, צָפוֹן און דָרוֹם, איז גֶעװעזען צװײא טױעֶרן מיט זילבּערנע טירען, װאס מען האט זײא גערופען שְׁנֵי שַׁעֲרֵי נָשִׁים, און דיא בְּרִיק פון דיא טױעֶרן איז געװעזען העכער װיא דיא בְּרִיק פון עֶזְרַת נָשִׁים, כְּדֵי זײא זאלען ניט קענען אונטען ארום גײן, װארום דארט זענען געװעזען דיא מאנסלײט, נור זײא האבען אזעלכע טרעפ געהאט אין דיא טױעֶרן גלײך ארויף צו גײן אויף דיא גאלדענע גאלעריע, װיא מיר האבען אויבען געשריבען.

אין אלע פיהר װינקלען פון עֶזְרַת נָשִׁים איז געװעזען א זאאל צו פירציג אײלען קװאדראט, נור אן דעכער, װײל זײער דינסט האט אזוי פערלאנגט, װיא מיר װעלען דא בעשרײבען יעדע זאאל בעזונדער.

1.

דיא זאאל פון װינקעל מִזְרָחִית צְפוֹנִית האט מען גערופען לִשְׁכַּת דוּר הָעֵצִים לַמַּעֲרָכָה לְיוֹם, װארום דאס האלץ װאס מען האט געבּרענגט צו בּרענען אויף אײן טאג, האט מען ארוים גענומען פון דעם גרויסען סקלאד פון א גאנץ יאהר און מען האט דאס אריין גענומען אין דער לִשְׁכָּה אויף טאגליך געבּרויך, איז דא אריין געגאנגען אזא כֹּהֵן װאס האט געהאט א פעהלער און האט נאך געהאפט געזונד צו װערין, ער האט דאס האלץ געריינינט פון װערים און פון סעננקלאך, װארום דאס האלץ װאס מען האט געבּרענט אויף דעם מִזְבֵּחַ האט געמוזט זײן גאנץ רײן, האט דאס ארוים געגעבען זעהר א שלעכטע לופט, בּאדורך איז דיא זאאל געװעזען אויבען אן א דאך.

2.

דיא זאאל אין װינקעל צְפוֹנִית מַעֲרָבִית האט מען גערופען

לִשְׁכַּת הַמְּצוֹרָעִים, דָארְט אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אַ מְצוֹרָע, אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶערֵיינִיגְט פוּן זַיין צָרַעַת, הָאט מֶען זֵייא דָארְט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע קָרְבָּנוֹת אוּנ מֶען הָאט דָארְט גֶעקָאכְט דִיא שְׁלָמִים אִין דִיא קֶעסְלֶען וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען עֶקְסְטְרָא פַאר זֵייא אָן גֶעגְרֵייט, אוּנ דָאס אַלֶעס הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁלֶעכְטֶען רֵיחַ, דַארוּרְךְ אִיז דִיא לִשְׁכָּה אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען אָן אַ בַּאךְ.

3.

דִיא זַאאַל פוּן ווִינְקֶעל מַעֲרָבִית דְרוֹמִית, הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בֵּית שְׁמָנִים לִמְנָחוֹת, ווַייל דָארְט הָאט מֶען אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דִיא אֵייל מִיט דִיא בּוֹים אֵייל וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיף אַטָאג, וָואס מֶען הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן גְרוֹיסֶען סְקְלַאד אוֹיף טֶאגְלִיךְ גֶעבְּרוֹיךְ צוּ דֶער מְנוֹרָה אוּנ צוּ דִיא מְנָחוֹת, דָאס הָאט אוֹיךְ אַרוֹיס גֶעגֶעבֶען זֶעהְר אַ שְׁלֶעכְטֶען רֵיחַ פוּן דִיא פֶעטְקֵייט, דַארוּרְךְ הָאט דִיא לִשְׁכָּה אוֹיךְ גֶעמוּזְט זַיין אָן אַ בַּאךְ.

4.

דִיא זַאאַל פוּן ווִינְקֶעל דְרוֹמִית מִזְרָחִית, הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַנְּזִירִים, דָארְט אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי וָואס הָאבֶּען גֶעשְׁווָארֶען אַז זֵייא זָאלֶען קֵיין וַויין נִיט טְרִינְקֶען, אוּנ וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעלָאזְט דְרַייסִיג טָאג, הָאט מֶען זֵייא אָפּ גֶעשׁוֹירֶען דָארְט דִיא הָאר, אוּנ מֶען הָאט דִיא הָאר אַרוּנְטֶער גֶעוָוארְפֶען אוּנְטֶער אַ קֶעסִיל, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶען רֵיחַ, בַּארוּרְךְ הָאט דָאס גֶעמוּזְט זַיין אָן אַ בַּאךְ.

נָאךְ אַ זַאאַל אִיז גֶעוֶועזֶען אִין עֶזְרַת נָשִׁים פוּן פִיר מַארְמָאר שְׁטֵיינֶערְנֶע זַיילֶען אָן וֶוענְד, נוּר מִיט אַ בַּאךְ פוּן רֵיין גָאלְד דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת סַנְהֶדְרֵי שְׁנִיָּה, וָואס זֵייא זֶענֶען

גְעזֶעסֶען אִין דֶער זֶעלְבֶּער אָרְדְנוּנְג, ווִיא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען בַּייא דִיא עֶרְשְׁטֶע סַנְהֶדְרִין, אוּנ דִיא הָאבֶּען אוֹיךְ נוּר גֶעמִשְׁפָּט אִין גֶעלְד זַאכֶען.

נָאךְ אֵיין זַאאל אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען ווָאס מֶען הָאט זִיא גֶערוּפֶען בִּימָה לְמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל. אִין בֵּית רִאשׁוֹן אִיז דָאס גֶעוֶועזֶען אַ הוֹיכֶער טוּרֶעם פוּן צְוַואנְצִיג אֵייֶלֶען דִיא הוֹיךְ, אוֹיף צְווייא זַייטֶען, ווָאס דִיא דִיק פוּן דִיא זַיילֶען הָאט אַרוּם גֶענוּמֶען אַ שְׁנוּר פוּן צְוֶועלְף אֵייֶלֶען, אוּנ דָאס אִיז אַלֶעס גֶעוֶועזֶען בַּאדֶעקְט מִיט רֵיין גָאלְד, אוּנ אוֹיבֶּען דֶער דַאךְ אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן גֶעוֶועבְּט גָאלְד אוּנ פוּן תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן אוּנ דִיא טַייֶערְסְטֶע מַאטְרַיאלֶען גֶעוֶועבְּט.

אִין בֵּית שֵׁנִי אִיז דִיא זַאלל גֶעוֶועזֶען פוּן פִּיהר גָאלְדֶענֶע זַיילֶען אָפֶען אָן ווֶענְט, נוּר מִיט אַ גָאלְדֶענֶעם דַאךְ, אוּנ דָאס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין עֶזְרַת נָשִׁים ווָאס אַלֶע זִיבֶּען יָאהר, עֶנְדֶע דָאס יָאהר פוּן שְׁמִטָּה אִין חַג הַסּוּכּוֹת, ווֶען דִיא יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמוּלְט עוֹלֶה רֶגֶל צוּ זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַריין, הָאט דֶער מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל דָארְט אוֹיף דֶער בִּימָה גֶעלֵייֶענְט פַּרְשַׁת הַקְהֵל אִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה, פַאר דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק.

אִין יוֹם כִּפּוּר הָאט אוֹיף דֶער בִּימָה דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעלֵייֶענְט תּוֹרַת כֹּהֲנִים שְׁטֵייֶענְדִיגֶערְהֵייט, ווָארוּם אִין דֶער עֲזָרָה הָאט מֶען נִיט גֶעטָארְט זִיצֶען, נוּר דִיא מַלְכֵי בֵּית דָוִד, זֵייא הָאבֶּען גֶעמֶעגְט זִיצֶען, אוּנ ווֶען יְהוֹיָדָע כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט יוֹאָשׁ'ן גֶעקְרוֹינְט אוֹיף דֶעם טְרָאהְן אִיז עֶר דָארְט גֶעזֶעסֶען.

אוֹיךְ חִזְקִיָּה הַמֶּלֶךְ ווֶען עֶר הָאט דֶעם פָאלְק פָאר גֶעלֵייֶענְט דִיא שַׁאנְד בְּרִיף ווָאס עֶר הָאט פוּן סַנְחֵרִב מֶלֶךְ אַשּׁוּר בֶּעקוּמֶען, ווָאס רַבְשָׁקֵה הָאט זֵייא אִיהם אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען, אִיז עֶר דָארְט אוֹיךְ גֶעזֶעסֶען אוֹיף דֶעם טְרָאהְן.

אוֹיךְ יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ ווֶען עֶר הָאט כּוֹרֵת בְּרִית גֶעוֶועזֶען צְווִישֶׁען גָאט ב"ה אוּנ צְווִישֶׁען דִיא יוּדֶען, זֵייא זָאלֶען שׁוֹין הִיטֶען

זיינע חוקים אונ זיינע משפטים, אונ זאלען גיין ידען וועג פון תורה אונ מצות, איז ער דאמאלס אויך געזעסען אויף דעם זעלבען טראהן.

דא וועלען מיר בעשרייבען דיא פונפצעהן טרעפ, וואס האבען ארויף געפיהרט פון עזרת נשים אין עזרת ישראל אריין.

דיא פונפצעהן טרעפ זענען געוועזן האלב רונד, דארט האבען דיא אנשי מעמד דיא אנדערע נאכט סוכות צו שמחת בית השואבה געזונגען אונ געשפיעלט דיא פונפצעהן שיר המעלות. אויף יעדע טרעפ האבען זייא איין שיר המעלות געזונגען, דארום זענען זייא געוועזן האלב רונד, דאמיט דיא אנשי מעמד זאלען קענען שטיין מיט דיא כלי שיר (מוזיק).

א גרויסער מויער איז געוועזן אין מערב זייט פון עזרת נשים, איהר הויך איז געוועזן פירציג איילען, אונ פינף איילען דיק, אונ איז געגאנגען איבער דיא גאנצע ברייט פון עזרת נשים אונ האט געמאכט א צווישען שייד צווישען עזרת נשים אונ צווישען עזרת ישראל. אונ דער פוסבאדען פון עזרת ישראל איז געוועזן העכער פון עזרת נשים מיט זיבען אונ איין האלב איל, איבער דעם זענען געוועזן דיא פונפצעהן טרעפ, וואס יעדע איז געוועזן איין האלב איל הויך, כדי מען זאל קענען ארויף גיין אין עזרת ישראל אריין צו דער גרויסער מויער.

אין דער מיט פון דער מויער איז געוועזן איין טויער וואס אין בית ראשון האט מען איהם גערופען שער העליון אונ אין בית שני האט מען איהם גערופען שער נקנור, ווייל דער וואס האט געשענקט דעם טויער האט געהייסען נקנור, אונ האט זיך איין געשטעלט זיין לעבען אונ האט געפיהרט דעם טויער איבער דעם ים, דאדורך האט ער דיא זכיה געהאט, אז מען האט

גֶערוּפֶען דָאס טוֹיעֶר אוֹיף זַיין נָאמֶען אוּנ דָאס טוֹיעֶר הָאט גֶע־הַאט צְוַואנְצִיג אֵיילֶען דִיא הוֹיךְ אוּנ צֶעהְן אֵיילֶען דִיא בְּרֵייט, אוּנ אִיז בַּאדֶעקְט גֶעוֶועזֶען מִיט נְחשֶׁת מְמוֹרָט, וָואס מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען, עֶס אִיז נָאךְ טַייעֶרֶער גֶעוֶועזֶען וְוִיא גָאלְד. דָאס טוֹיעֶר הָאט מֶען נוּר גֶעעֶפֶענְט וֶוען דֶער נָשִׂיא אִיז גֶעקוּמֶען אָדֶער אִין שַׁבָּת אוּנ רֹאשׁ חֹדֶשׁ אוּנ יוֹם טוֹב וֶוען אַלֶע יוּדֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהְר שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען, עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט צוּנוֹיף קוּמֶען וֶוענִיגְסְטֶענְס צְוַואנְצִיג מֶענְטְשֶׁען דֶעם טוֹיעֶר צוּ עֶפֶענֶען, אוּנ דֶער טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דִיא זִיבֶּען טוֹיעֶרְן וָואס זַייא זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אִין דֶער חוֹמַת הָעֲזָרָה, אַזוֹי וְוִיא מִיר וֶועלֶען וַוייטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען.

אוּנְטֶער דֶער טְרֶעפִּין וַואנְד אִיז גֶעוֶועזֶען צְוַוייא קֶעלֶער־סַאלֶעם, וָואס דָארְט הָאט מֶען גֶעלֶערֶענְט שְׁפִּילֶען אוּנ זִינְגֶען, כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיבֶּען דִיא עֲבוֹדָה נִיט שְׁטֶערְן. דָארְט הָאט מֶען גֶעשְׁפִּילְט אוּנ אַלֶע מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְשְׁטְרוּמֶענְטֶען זֶענֶען דָארְט גֶעלֶעגֶען אִין דִיא צְוַוייא סַאלֶעם.

דָארְט אִין קֶעלֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶועזֶען אֵיין זַאאל וָואס מֶען הָאט אִיהר גֶערוּפֶען מֵיסַח הַשַּׁבָּת, דָארְט הָאבֶּען זִיךְ דִיא כֹּהֲנִים אוֹיף גֶעהַאלְטֶען וָואס הָאבֶּען גֶעדִינְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּנ עֶס אִיז זַייא אוּים גֶעקוּמֶען אַז עֶס הָאט זִיךְ זַייא אוּים גֶעלָאזְט זַייעֶר דִינְסְט פוּן דֶעם קָרְבַּן תָּמִיד אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת, זֶענֶען זַייא דָארְט שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז זוּנְטָאג, אוּנ זוּנְטָאג אִין דֶער פְרִיה זֶענֶען זַייא צוּהוֹיז גֶעגַאנְגֶען, אוּנ אָחָז הַמֶּלֶךְ הָאט דֶעם זַאאל קַאסִירְט אִין דֶער צַייט וֶוען עֶר הָאט אָפּ גֶערִיסֶען דִיא גָאלְדֶענֶע פֶערְצִירוּנְג פוּן דִיא עֶשֶׂר מְכוֹנוֹת וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶע־מַאכְט, מִיר וֶועלֶען שׁוֹין וַוייטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען. אוֹיךְ הָאט עֶר דַאמָאלְס אַרָאפּ גֶענוּמֶען דִיא הַאנְד פֶעסֶער אוּנ דֶעם קוּפֶערְנֶעם

פאנטאגע פון דיא צוועלף קופערנע אקסען, וואס שלמה המלך האט דאס גערופען ים הנחשת, מיר וועלען שפעטער אלעס בעשרייבען וואס דאס איז געוועזן און ויא דאס האט אויס געזעהן און צו וואס דאס האט גענוצט:

דארט אין קעלער איז געוועזן נאך א זאלל וואס דארט איז געוועזן דער גרויסער סקלאד פון האלץ אויף א גאנץ יאהר, אונטער דיא סאלעס איז געוועזן נאך א הייל וואס עס האט געפיהרט אונטער דיא עזרות צום בית הכבוד און צום טויער טדי, וויא מיר האבען אויבען געשריבען.

אין ביידע זייטען פון דעם טויער נקנור איז געוועזן צוויא סאלעס, דיא פון דער רעכטער זייט האט מען גערופען לשכת פנחס המלבוש, ער איז געוועזן דער לעצטער איבער דער לשכה, איבער דעם האט געהייסען דיא לשכה אויף זיין נאמען, ווייל אלע קליידער פון דיא כהנים זענען געוועזן אונטער זיין שוטץ. ער האט דיא קליידער ארויס געגעבען און האט דיא כהנים אן געטוען טאג טעגליך, און האט דיא קליידער צוריק אב גענומען און האט זייא ווידער בעהאלטען.

אין דער זעלבע סאליע איז געוועזן 96 שאפעס פאר דיא 24 משמורים, פיר שאפעס פאר יעדען משמור, און אויף יעדע שאפע איז געשטאנען אויף געשריבען וואס פאר א קלייד עס ליגט דרינען, כדי דיא קליידער זאלען ניט ליגען אויס געמישט, און עס זאל קיין טעות ניט זיין.

דיא סאליע פון דער לינקע זייט, האט מען גערופען לשכת עושה חביתין, דארט האבען דיא כהנים צוגערעכט געמאכט דעם קרבן וואס מען רופט איהם חביתין, וואס דער כהן האט טאג טעגליך מקריב געוועזן, האלב אין דער פריה און האלב אבענד על פי התורה והמצוה.

אין ביידע זיילען פון טויער נקנור זענען געוועזן צוויא

קְלֵיינֶע טִירְלֶעךְ , וָואס אֵיינְס אִיז גֶעוֶוען , וֶוען דִיא יוֹלֶדֶת הָאט זִיךְ מְטַהֵר גֶעוֶוען נָאךְ דִיא קִינְדְבֶּעט , הָאט זִיא דָארְט גֶעבְּרֶענְגְט דִיא צְוֵוייא טוֹיבֶּען , אוּנ דָארְט הָאט מֶען אוֹיךְ מְטַהֵר גֶעוֶוען דִיא מְצוֹרָעִים , אוּנ דָארְט אִיז גֶעוֶוען אֵיין עֶפְנוּנְג וואו זֵייא הָאבֶּען אַרַיין גֶעשְׁטֶעקְט דִיא הֶענְד אוֹיף דִיא מַתַּן בְּהוּנוֹת , אוּנ אִין דֶעם צְוֵוייטֶען טִירֶעל הָאט מֶען מַשְׁקֶה גֶעוֶוען דִיא סוֹטוֹת מִיט מַיִם הַמְאָרְרִים .

פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען זֶענֶען נָאךְ בֶּעזוּנְדֶער צְוֵוייא טוֹיעֶרְן גֶעוֶוען , דַאמִיט מֶען זָאל זִיךְ נִיט בְּרוֹיכֶען אוּם צוּ קֶערִין בַּייא דֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ , מֶען זָאל נִיט בְּרוֹיכֶען אוֹיס קוּמֶען מִיט דֶעם פָּנִים צוּ מִזְרָח זַייט , אַרוּם דֶער מוֹיעֶר זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען דְרַייא מוֹיעֶרְן , יֶעדֶע פִירְצִיג אֵיילֶען הוֹיךְ אוּנ פִינְף אֵיילֶען דִיק , אוּנ דָאס הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאסֶען מִיט דִיא פִירְטֶע וַואנְד וָואס מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען , אַ גְרוֹיסֶען הוֹיף פוּן 178 אֵיילֶען לַאנְג פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרָב , אוּנ 135 אֵיילֶען בְּרֵייט פוּן דָרוֹם בִּיז צָפוֹן , אוּנ אִין דִיא פִיר וֶוענְט זֶענֶען גֶעוֶוען זִיבֶּען טוֹיעֶרְן , אֵיין טוֹיעֶר מִיט אֵיין וַואנְד הָאבֶּען מִיר שׁוֹין אוֹיבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען .

דִיא בֶּעשְׁרַייבוּנְג פוּן נָאךְ זֶעקְס טוֹיעֶרְן .

פַאר יֶעדֶען טוֹיעֶר פוּן אַלֶע זִיבֶּען טוֹיעֶרְן אִיז גֶעהַאנְגֶען אֵיין פְּרוֹכֶת פוּן דֶעם בֶּעסְטֶען לְיָאן פוּן דֶער וֶועלְט , אוּנ גֶעוֶועבְּט פוּן רַיין גָאלְד מִיט תְּכֵלֶת וְאַרְגָמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי , אַיין גֶעזֶעצְט מִיט טַייעֶרֶע בְּרִילַאנְטֶען , אוֹיס גֶעקְרִיצְט בְּרִילַאנְטִינֶע רוֹיזֶען אוּנ בְּלֶאטֶער אוֹיף יֶעדֶען פְּרוֹכֶת .

אִין דָרוֹם זַייט זֶענֶען גֶעוֶוען דְרַייא טוֹיעֶרְן , דֶער עֶרְשְׁטֶער טוֹיעֶר פוּן מַעֲרָב וַואנְד אָפּ גֶעטְרֶעטֶען נַיין אוּנ דְרַייסִיג אוּנ אֵיין פִירְטֶעל אֵיילֶען , הָאט גֶעהֵייסֶען הַדֶלֶק , דוּרְךְ דֶעם טוֹיעֶר הָאט מֶען אַרַיין גֶעפִיהְרְט הָאלְץ צוּם מִזְבֵּחַ .

פון דעם טויער הַדֶלֶק אָפּ גֶעטְרֶעטֶען נַיין אונ דְרַייסִיג אונ איין פִירְטֶעל אֵיילֶען, אִיז ווידֶער גֶעוֶוען אַ טויֶער וָואס הָאט גֶע־הֵייסֶען שַׁעַר הַבְּכוּרוֹת. דָארְט הָאט מֶען אַרַיין גֶעפִיהרְט דִיא בְּהֵמוֹת הַבְּכוּרוֹת אונ דָארְט הָאט מֶען זֵייא גֶעשָׁאכְטֶען אִין בֵּית הַמִקְדָש.

פון דֶעם טויֶער הַבְּכוּרוֹת אָפּ גֶעטְרֶעטֶען נַיין אונ דְרַייסִיג אונ אֵיין פִירְטֶעל אֵיילֶען, אִיז ווידֶער גֶעוֶוען אֵיין טויֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הַמַיִם, וַוייל אונְטֶער דִיא שְׁוֶועל פון דֶעם טויֶער אִיז דורְך גֶעגַאנְגֶען דִיא וַואסֶער קְוֶועלֶע וָואס הָאט גֶעהֵיי־סֶען עֵין עֵיטָם, וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט גֶעהַאט אִין זַיין זומֶער וָואהנונְג, וַוייט פון דֶער שְׁטָאט נַיין טויזֶענְד פוס, אֵיין הַאלְבֶּע שָׁעָה רֵייזֶע, דָארְט אִיז דֶער קֶענִיג טֶאגְלִיךְ גֶעפָארֶען צו זַיין פֶער־גְנִיגֶען, דָאס אָרְט הָאט מֶען גֶערופֶען עֵדֶן עֵיטָם.

דָאס אִיז דִיא פְלַאנְצונְג פון שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ
וָואס מֶען הָאט גֶערופֶען פַּרְדֵס שְׁלֹמֹה.



… BOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
C. R. S.

און אִין צְווייטֶען טוֹיעֶר פוּן צָפוֹן זַייט אִיז אויך אַזוֹי גֶעוֶוען דְרַייא טוֹיעֶרְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע טוֹיעֶר אִיז אויך גֶעוֶוען אָבּגֶעטְרֶעטֶען פוּן דֶער מַעֲרָב וַואנְד נַיין אוּנ דְרַייסִיג אוּנ אֵיין פִּירְטֶעל אֵיילֶען, דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען שַׁעַר הַנִיצוֹץ, וַוייל דָארְט אִיז גֶעוֶוען אֵיין אָרְט וָואס אַ קְלֵיין פַייעֶר הָאט דָארְט תָּמִיד גֶעבְּרֶענְט, וַוייל טָאמֶער גֵייט דָאס פַייעֶר פוּן דֶער מַעֲרָכָה אוֹיס, זָאל מֶען נִיט בַּדארְפֶען צוּ נֶעמֶען פְרֶעמְד פַייעֶר, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דָאס טוֹיעֶר גֶערוּפֶען שַׁעַר הַנִיצוֹץ, וָוארוּם נִיצוֹץ אִיז טַייטְשׁ פַייעֶר פוּנְקֶען.

פוּן שַׁעַר הַנִיצוֹץ אָבּ גֶעטְרֶעטֶען נַיין אוּנ דְרַייסִיג אוּנ אֵיין פִּירְטֶעל אֵיילֶען אִיז גֶעוֶוען דֶער שַׁעַר הַקָרְבָּן, וַוייל דָארְט הָאט מֶען אַרַיין גֶעפִיהרְט דִיא בְּהֵמוֹת הַקָרְבָּנוֹת צוּ שֶׁעכְטִין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

און ווִידֶער אָבּ גֶעטְרֶעטֶען נַיין אוּנ דְרַייסִיג אוּנ אֵיין פִּירְטֶעל אֵיילֶען אִיז גֶעוֶוען דָאס זִיבֶּענְטֶע טוֹיעֶר וָואס מֶען הָאט עֶס גֶערוּפֶען, דָאס טוֹיעֶר פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען הוֹיז, וַוייל דָארְט בַּייא דֶעם טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶוען דִיא גְרוֹיסֶע זַאאל וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען בֵּית הַמוֹקֵד. ווִיא גְרוֹיס דָאס הוֹיז אִיז גֶעוֶוען וֶועלֶען מִיר שְׁפֶּעטֶער עֶקְסְטְרָא בֶּעשְׁרַייבֶּען, אוּנ פוּן דֶעם טוֹיעֶר בִּיז צוּם עֶק מִזְרָח וַואנְד, אִיז אויך גֶעוֶוען נַיין אוּנ דְרַייסִיג אוּנ אֵיין פִּירְטֶעל אֵיילֶען, וָוארוּם אַלֶע טוֹיעֶרְן זֶענֶען גֶעוֶוען גְלַייך אָבּ גֶעטְרֶעטֶען אֵיינְס פוּן אַנְדֶערְן, אוּנ אויך פוּן דִיא עֶק וֶוענְט גְלַייך אָבּ גֶעטְרֶעטֶען, דִיא בְּרֵייט פוּן יֶעדֶען טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶוען צֶעהְן אֵיילֶען, ווִיא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען.

וֶוען מֶען צוּזַאמֶען רֶעכֶענְט דִיא פִּיר מָאל נַיין אוּנ דְרַייסִיג אוּנ אֵיין פִּירְטֶעל אֵיילֶען, וָואס דִיא טוֹיעֶרְן זֶענֶען גֶעוֶוען אָבּ גֶעטְרֶעטֶען אֵיינְס פוּן אַנְדֶערֶען, אוּנ דִיא בְּרֵייט פוּן דִיא דְרַייא טוֹיעֶרְן יֶעדֶעס צוּ צֶעהְן אֵיילֶען, וֶועט מֶען הָאבֶּען דִיא גַאנְצֶע

צאל פון דיא דרום וואנד, פון מזרח ביז מערב הונדערט אונ אכטציג אונ זיבען איילען, אונ דיא זעלבע צאל איז אויך געוועזען דיא צפון וואנד.

דיא טויערן זענען געוועזען יעדעס צוואנציג איילען הויך, צעהן איילען ברייט אונ פינף איילען דיק, דיא ווענד זענען אבער ניט אזוי דיק געוועזען, האט מען ביי יעדען טויער צוויא מארמאר שטיינערנע זיילען צו געשטעלט פארענט ארוים אויף דעם חיל דרייא איילען אב געטרעטען פון דער וואנד, עס האט אויס געזעהען וויא א פאדער הויז פאר יעדען טויער, אונ דאס האט געהאט דיא זעלבע ברייט אונ דיא זעלבע הויך פון דעם טויער נור דיא טיעף איז צו געקומען צו דיא דיק פון דיא ווענט נאך דרייא איילען ביז צו דיא מארמאר שטיינערנע זיילען. אונ דאס האט מען געמאכט א געביידע אזוי וויא א שטוב, איז דאס געווארען א טויער פון אכט איילען טיעף אריין צו דער עזרה צו, אונ יעדעס האט געמוזט האבען רעכטס אונ לינקס צוויא קליינע טיהרען, איין טיהר פון דער זייט פון דער עזרה אונ איין טיהר פון דער זייט פון דעם חיל, וויל דיא טויערן האבען געמוזט זיין שטענדיג פארשלאסען, איבער הויפט ביי נאכט האט ניט געפאסט אז א גרויסער זאלל זא, אפען זיין, אזוי האבען די זעקס טויערן געהאט צוועלף טיהרען, אונ צום טויער פון עזרת נשים, אין דער מזרח וואנד איז אויך איין טיהר געוועזען, אונ אויף יעדען טויער איז געוועזען איין פרוכת, וויא מיר האבען אויבען בעשריבען, דאס אלעס האבען מיר געזעהען אויף דעם פלאן אין וואטיקאן אין רוים, אונ ווער עס וועט גוט בעמערקען דעם פלאן וועט ריכטיג ווערען אלע גמרות אונ דער רמב"ם מיט דיא משניות, וואס זייא זענען גאנץ שווער געוועזען אוים צו טייטשען דיא טויערן מיט דיא פרוכת'ן.

אצונד וועלען מיר בעשרייבען דיא עזרת ישראל, דאס איז

גֶעוֶועֶן גֶעבֶּען דֶער מוֹיֶער פוּן מִזְרָח וַואנְד פוּן עֶזְרַת נָשִׁים •

פוּן דֶער וַואנְד בִּיז 11 אֵיילֶען פְלַאץ דִיא בְּרֵייט פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרָב אוּנ דִיא גַאנְצֶע לֶענְג פוּן צָפוֹן בִּיז דָרוֹם 135 אֵיילֶען, אוּנ דֶער פוּסְבָּאדֶען פוּן עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶועןְ הֶעכֶער מִיט זִיבֶּען אוּנ אֵיין הַאלְבּ אֵיילֶען פוּן עֶזְרַת נָשִׁים, וָואס מֶען אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיא 15 טְרֶעפּ, צוּ הַאלְבֶּע אֵייל יֶעדֶע טְרֶעפּ דוּרךְ דֶעם טוֹיֶער נִקָנוֹר אִין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אַרַיין, דָארְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִיא יוּדֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ מְטַהֵר גֶעוֶועןְ עַל פִּי הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה, וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען אַנְשֵׁי הַמַּעֲמָד, זֵייא זֶענֶען גֶעוֶועןְ אַם וֶוייניגְסְטֶען 22 מֶענְטְשֶׁען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ צוּ טֵיילְט אוֹיף 24 מִשְׁמוֹרִים, וָואס יֶעדֶער פוּן זֵייא הָאט צוּ גֶעהָאלְפֶען צוּ דֶעם מִשְׁמָר פוּן דִיא כֹּהֲנִים אָדֶער פוּן דִיא לְוִיִם אִין שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב אָדֶער רֹאשׁ חֹדֶשׁ אָדֶער וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן, זֶענֶען זֵייא גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט צוּ מִזְרָח זַייט פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ פוּן אָנְהוֹיבּ וִויא דֶער כֹּהֵן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מַקְרִיב צוּ זַיין דֶעם קָרְבָּן הַתָּמִיד בִּיז צוּם סוֹף, וִויא עֶר אִיז פַאר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ •

אִין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אוֹיף דִיא וֶוענְט אַרוּם, הָאט גֶעהַאנְגֶען אַלֶעם וָואס מֶען הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִיא שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל אִין דֶער מִלְחָמָה, שְׁוֶוערְדִין, שְׁפִּיזֶען, פַאנְצֶערְס אוּנ נָאךְ פֶערְשִׁיעדֶענֶע טַייֶערֶע זַאכֶען, דָאס אִיז אַלֶעם גֶעוֶועןְ צוּ וַוייזֶען וִויא גָאט ב״ה הָאט זֵייא גֶעהָאלְפֶען פוּן דִיא שׂוֹנְאִים, אוּנ עֶר אִיז דֶער אֱמֶת׳ר הֶעלְפֶער •

אִין סֵפֶר פְּסִיקְתָּא רַבָּתָא שְׁטֵייט, דִיא יוּדֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאלְטֶען בִּקְדוּשָּׁה אוּנ הָאבֶּען גֶעדַארְפְט קוּמֶען אַלֶע שַׁבָּת אוּנ אַלֶע רֹאשׁ חֹדֶשׁ אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין, הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט דָארְט זַיין • פְּרֶעגְט דֶער פְּסִיקְתָּא וִויא אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ, פוּן עֶק וֶועלְט אַהִין צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין אַלֶע שַׁבָּת אוּנ

אַלֶע ראש חדֶשׁ, זָאגְט ר׳ פִּנְחָס בֶּן חָמָא הַכֹּהֵן, אַז דִיא וָואלְ־קֶענְס הָאבֶּען זֵייא גֶענוּמֶען אוּנ גֶעטְרָאגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנ אַז זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אָפּ גֶעפֶּערְטִיגְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאבֶּען דִיא וָואלְקֶענְס זֵייא צוּרִיק אַהֵיים גֶעטְרָאגֶען, אוּנ אִין שַׁבָּת ראש חדֶשׁ הָאבֶּען דִי וָואלְקֶענְס זֵיי צְווייא מָאל קַיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעבְּרֶענְגְט אוּנ צְווייא מָאל אִין דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג אַהֵיים גֶעטְרָאגֶען, אֵיין מָאל אִין דֶער פְּרִיה צוּם קָרְבָּן מוּסָף פוּן ראש חדֶשׁ, אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל צוּ מִנְחָה, אוּנ דָאס הָאט דֶער נָבִיא גֶעזָאגְט „מִי אֵלֶּה כָּעָב תְּעוּפֶינָה וְכַיּוֹנִים אֶל אֲרֻבּוֹתֵיהֶם״, דָאס אִיז טַייטְשׁ, וָוער אִיז נָאךְ אַזוֹי גְלַייךְ צוּ דִיא יוֹדֶען, וָואס זֵייא שְׁוֶועבֶּען אַזוֹי וִויא דִיא וָואלְקֶענְס, דָאס מֵיינְט דֶער נָבִיא אִין דֶער פְּרִיה, אוּנ צוּרִיק וִויא טוֹיבֶּען אִין אִיהְר גֶעסְט, מֵיינְט עֶר צוּ מִנְחָה. קֶען מֶען זֶעהֶען וִויא טַייעֶר יוֹדֶען זֶענֶען גֶעוֶוען, אַז זֵייא הָאבֶּען גֶעהַאט אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דיא בֶּעשְׁרַייבּוּנג פוּן דֶער גְרוֹיסֶער לִשְׁכָּה, וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען בֵּית הַמּוֹקֵד, ווייל דָארְט הָאט תָּמִיד גֶעבְּרֶענְט אַ גְרוֹיס פַייעֶר.

דָארְט אַרוּם אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְג צוּ דֶער מִקְוֶה, וָואס דִיא כֹּהֲנִים פְּלֶעגֶען זִיךְ בַּייא נַאכְט טוֹבֵל צוּ זַיין, אִין דֶעם פוּסְבָּאדֶען אִיז גֶעוֶוען אַ טִיהְר וָואס מֶען אִיז דָארְט אַרוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער הַייל אַריין, וָואס הָאט גֶעפִיהְרְט אוּנְטֶער דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ צוּם בֵּית הַכָּבוֹד פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל, אוֹיךְ צוּ דֶער מִקְוָה אוּנ צוּם טוֹיעֶר טַדִי, אוּנ אַז דִיא כֹּהֲנִים זֶענֶען בַּייא נַאכְט צוּרִיק גֶעגַאנְ־גֶען פוּן דֶער מִקְוָה נָאךְ דֶער טְבִילָה, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ דָארְט בַּייא דֶעם פַייעֶר גֶעוַוארֶעמְט.

אִין דֶער גְרוֹיסֶער זַאאל בֵּית הַמּוֹקֵד אִיז גֶעוֶוען אִין אַלֶע פִיר ווִינְקְלֶען פִיר קְלֵיינֶע צִימֶערְן, וָואס יֶעדֶעס צִימֶער הָאט מֶען

גֶערוּפֶען מִיט דֶעם נָאמֶען וָואס פַאר אַ דִינְסְט מֶען הָאט אִין זֵייא גֶעטוּעֶן, דִיא זַאאל אִיז גֶעוֶועֶן אָבְּגֶעטֵיילְט, הַאלְבּ אִיז גֶעוֶועֶן הֵיילִיג אוּנ הַאלְבּ נִיט הֵיילִיג, אוּנ אוּים דִיא וֶוענְט זֶענֶען אַרוּים גֶענַאנְגֶען בַּאלְקִינְס וָואס הָאבֶּען בֶּעצֵייכֶענְט דֶעם אָבְּשֵׁייד צְוִוי־שֶׁען דֶעם הֵיילִיגֶען אוּנ נִיט הֵיילִיגֶען, וָוארוּם דִיא הֶעלְפְט וָואס אִיז אַרֵיין גֶענַאנְגֶען אִין דֶער עֲזָרָה אִיז גֶעוֶועֶן הֵיילִיג אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט וָואס אִיז אַרוּים גֶענַאנְגֶען אִין חָצֵר אִיז גֶעוֶועֶן נִיט הֵיילִיג, דָאס אִיז גֶעוֶועֶן אַז מֶען זָאל וִויסֶען צוּ מַאכֶען דֶעם דִינְסְט אִין דִיא קְלֵיינֶע צִימֶערְן, וֶועלְכֶער דִינְסְט הָאט גֶעמוּזְט זַיין הֵיילִיג אוּנ וֶועלְכֶער נִיט.

דִיא בֶּעשְׁרֵייבּוּנְג פוּן דֶען דִינְסְט אוּנ דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא קְלֵיינֶע צִימֶערְן.

א) דָאס עֶרְשְׁטֶע קְלֵיינֶע צִימֶער אִין מִזְרָח זַייט אוּיסֶענְוֵוי־נִיג אִין חָצֵר, הָאט מֶען גֶערוּפֶען בַּיים בַּיִת שֵׁנִי, לִשְׁכַּת אַבְנֵי הַמִּזְבֵּחַ, אִין דֶעם צִימֶער הָאבֶּען דִיא חַשְׁמוֹנָאִים אַוֶועק גֶעלֵייגְט דִיא שְׁטֵיינֶער פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ, וָואס דִיא מַלְכֵי יָוָן הָאבֶּען אוּיף זֵייא מַקְרִיב גֶעוֶועֶן חֲזֵרִים אוּיף דֶעם מִזְבֵּחַ, לְהַכְעִיס דִיא יוּדֶען הָאבֶּען זֵייא דָאס גֶעטוּעֶן, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא שְׁטֵיינֶער נִיט גֶעטָארְט נוּטְצֶען אוּנ אַוֶועק וַוארְפֶען הָאט מֶען זֵייא אוֹיךְ נִיט גֶעדַארְפְט, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה וְהִנִּיחָם שָׁם, דָאס אִיז טַייטְשׁ, אַז עֶס וֶוערְט עֶפֶּעס פָּסוּל אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מוּז מֶען עֶס נוּר בֶּעהַאלְטֶען נִיט אַוֶועק וַוארְפֶען, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַיין עֶקְסְטְרָא לִשְׁכָּה פַאר דִיא שְׁטֵיינֶער אוּנ מֶען הָאט דָאס גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת אַבְנֵי הַמִּזְבֵּחַ.

ב) דִיא צְוֵוייטֶע לִשְׁכָּה פוּן דֶעם ווִינְקֶעל פוּן אִינֶעוֵוינִיג פוּן דֶער עֲזָרָה אִין מִזְרָח זַייט, הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת לֶחֶם הַפָּנִים, דָארְט הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים, דָארְט זֶענֶען

געוועזן צוויא פארעם איינער פון אייזען אונ איינער פון גאלד אין דעם אייזערנעם האט מען געבאקען דעם לחם הפנים, אונ ווען מען האט איהם ארויס גענומען פון באק אובען, האט מען איהם אריין געלייגט אין גאלדענעם פארעם אפ צו קיהלען אויף דעם מארמאר שטיינערנען טיש וואס איז געשטאנען אין אולם, וויא מיר וועלען שפעטער בעשרייבען.

ג) דאס דריטע צימערל האט מען גערופען לשכת הטלאים ווייל דארט איז שטענדיג געוועזן זעקס לעמעליך וואס מען האט טעגליך פון זייא צווייא שטיק מקריב געוועזן, איינס אין דער פריה אונ איינס צום אבענד, אונ מען האט תיכף אנדערע צווייא לעמער אריין געשטעלט, אונ מען האט ניט געטארט ברענגען קיין קרבן אויף דעם מזבח ביז דאס לאם איז פיר טאג געשטאנען אין דער לשכה אום זיכער צו זיין אז עס איז געזונד אונ אן א פעהלער, איבער דעם איז דארט געשטאנען זעקס לעמער פארבערייט, אונ מען האט טאגליך צווייא פון דיא זעקס מקריב געוועזן אונ אנדערע צווייא צוריק געשטעלט.

נאך א טעם איז געוועזן פאר וואס זעקס לעמער זענען געשטאנען, ווייל מען האט דאמאלס ניט געוואוסט, ווען ראש חדש איז, ביז דיא עדות זענען געקומען אונ האבען געזאגט אז זייא האבען געזעהען דיא נייע לבנה, וויא מיר האבען אויבען געשריבען, אויך האט מען ניט געוואוסט ווען יום טוב איז, טאמער קומט אויס ערב יום טוב אין שבת, האט מען געמוזט האבען פיר לעמערלעך, דאדורך איז תמיד געוועזן זעקס לעמערלעך פארבערייט.

ד) דיא פירטע לשכה פון דעם ווינקעל פון אויסענווייניג פון מערב זייט ארויס פון דעם חצר, האט געהייסען לשכת בית המוקד, ווייל דארט איז געוועזן דאס ארט וואס תמיד האט פייער געברענט, אונ דיא כהנים האבען זיך דארט בייא דער נאכט ביים

צוּרִיק גֵיין פוּן דֶער מִקְוָה גֶעוַואַרֶעמְט, וִויא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען. אוֹיךְ הָאט מֶען דָארְט דָאס פַייֶער גֶעבְּרֶענְט כְּדֵי מֶען זָאל זֶעהֶען צוּ גֵיין צוּ דֶער מִקְוָה אוֹיךְ צוּם בֵּית הַכָּבוֹד אוּנ צוּם שַׁעַר טַדִי.

דָאס זֶעלְבֶּע צִימֶער הָאט מֶען אוֹיךְ גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַחוֹתָמֶת וַוייל דָארְט אִיז תָּמִיד אַ גַבַּאי גֶעזֶעסֶען, אוּנ וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעדַארְפְט נְסָכִים צוּ זַיין קָרְבָּן, הָאט עֶר גֶעוִויזֶען דֶעם גַבַּאי דֶעם קָרְבָּן, הָאט דֶער גַבַּאי אִיהם גֶעזָאגְט וִויפִיל עֶר דַארְף, הָאט עֶר בַּאצָאהלְט דֶעם גַבַּאי פַאר דִיא נְסָכִים, הָאט אִיהם דֶער גַבַּאי גֶעגֶעבֶּען אֵיין קְוִויט צוּ דֶעם גַבַּאי פוּן דִיא נְסָכִים, הָאט מֶען שׁוֹין אַרַיין גֶעגֶעבֶּען נְסָכִים צוּ זַיין קָרְבָּן, אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶוען כְּדֵי מֶען זָאל נִיט מֶעהר גֶעלְד גֶעבֶּען פַאר דִיא נְסָכִים וִויא עֶס קוּמְט אוֹיס.

אוּנ אִין דֶער לִשְׁכָּה אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט אַרוּם דִיא וֶוענְט טְרֶעפ אֵיינֶע אִיבֶּער דִיא אַנְדֶערֶע אַזוֹי וִויא בֶּענְק אֵיינֶע אִיבֶּער דִיא אַנְדֶערֶע, וָואס אוֹיף זַייא זֶענֶען גֶעשְׁלָאפֶען דִיא אַלְטֶע לַייט וָואס הָאבֶּען דָארְט בֶּעדִינְט, אוּנ דִיא יוּנְגֶע כֹּהֲנִים זֶענֶען גֶעשְׁלָאפֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אִין דִיא קְלֵיידֶער וָואס זַייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָן גֶעטוּעֶן.

דָארְט אִין דֶער לִשְׁכָּה אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דֶער בְּרִיק אֵיין קְלֵיינֶע הֵייל, אוּנ דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גָאלְדֶענֶע קֵייט וָואס אוֹיף אִיהר אִיז גֶעהַאנְגֶען אַלֶע שְׁלִיסְלֶען פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנ אוֹיבֶּען אִיז גֶעוֶוען אֵיין מַארְמָאר שְׁטֵיין וָואס הָאט גֶעהַאט אַ גָאלְדֶענֶעם רִינְג אוּנ דֶער גַבַּאי פוּן דִיא שְׁלִיסְלֶען אִיז תָּמִיד אוֹיף אִיהם גֶעלֶעגֶען, אוּנ אַז מֶען הָאט גֶעבַּארְפְט דִיא שְׁלִיסֶעל הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט אוֹיף הֵייבֶּען אוּנ אָן נֶעמֶען בַּיים רִינְג אוּנ אוֹיף מַאכֶען דֶעם שְׁטֵיין אוּנ אַרוֹיס גֶעבֶּען דִיא שְׁלִיסֶעל, אוּנ אַז מֶען הָאט דִיא שְׁלִיסֶעל גֶעוָואלְט צוּרִיק לֵייגֶען, הָאט עֶר וִוידֶער גֶעמוּזְט

דֶעם שְׁמַיין אוֹיף הֵייבֶּען, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין שְׁטֶענְדִיגֶער דִינְסְט דָארְט צוּ לִיגֶען.

דִיא וֶוענְט פוּן דִיא פִיר קְלֵיינֶע צִימֶערְן אֵיינְגֶעוֵויינִיג זֶענֶען גֶעוֶוען דִיא הוֹיךְ נוּר וִויא אֵיין מֶענְטְשׁ, אוּנ פוּן אוֹיסֶענְוֵויינִיג זֶענֶען זֵייא גֶעוֶוען דִיא זֶעלְבֶּע הוֹיךְ וִויא דִיא וֶוענְט פוּן דִיא עֲזָרוֹת צוּ פִירְצִיג אֵייְלֶען דִיא הוֹיךְ, אוּנ אִין דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער גְרוֹיסֶע לִשְׁכָּה פוּן דָרוֹם זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין טִירֶעל, אוּנ וָואס דָארְט אַרוּם זֶענֶען אַריין גֶעקוּמֶען אַלֶע כֹּהֲנִים יֶעדֶען טָאג גַאנְץ פְרִיה וֶוען מֶען הָאט נוּר אִיבֶּער גֶענוּמֶען דִיא שְׁלִיסֶעל, אוּנ דָארְט אִיז גֶעוֶוען דָאס אָרְט וָואס מֶען הָאט גוֹרָל גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דֶען דִינְסְט פוּן אַגַאנְצֶען טָאג, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין קֵיין קְרִיג צְווִישֶׁען דִיא כֹּהֲנִים, אוּנ אוֹיף וֶועמֶען דֶעם גוֹרָל אִיז גֶעפַאלֶען דֶער הָאט דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג דִינְסְט גֶעהַאט, דֶער נָאךְ זֶענֶען דִיא כֹּהֲנִים אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין אַלֶע צִימֶערְן צוּ זֶעהֶען אוֹיב עֶס אִיז אַלֶעס אָן גֶעגְרֵייט אוּנ אוֹיב אַלֶע כְּלֵי שָׁרֵת שְׁטֶעהֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט, כְּדֵי עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם אִין דִינְסְט קֵיין שׁוּם עִיכּוּב נִיט זַיין.

אִין דִיא פֶענְסְטֶער פוּן דֶער לִשְׁכָּה הָאבֶּען דִיא כֹּהֲנִים גֶע־בְּלָאזֶען אוֹיף דִיא טְרָאמֵייטֶען אִין דֶער צַייט וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבַּן הַתָּמִיד:

אוּנ וֶוען מֶען הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם הָאבֶּען זֵייא אוֹיךְ גֶע־בְּלָאזֶען מִיט דִיא חֲצוֹצְרוֹת, אוּנ וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער מִלְחָמָה אַריין, הָאבֶּען זֵייא אוֹיךְ גֶעבְּלָאזֶען מִיט דִיא חֲצוֹצְרוֹת אִין דִיא פֶענְסְטֶער, אוּנ אַלֶע פְרֵייטָאג פַאר נַאכְט אוּנ עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַאר נַאכְט הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעבְּלָאזֶען מִיט דִיא חֲצוֹצְרוֹת צוּם צֵייכֶען אַז מֶען זָאל אַלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען שְׁלִיסֶען, אוּנ מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּנ מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעבְּלָאזֶען כְּדֵי מֶען

זָאל וויסֶען נִיט פְרִיהֶער וָואכֶען צוּ מַאכֶען בִּיז מֶען הָאט אוֹיף דִיא חֲצוֹצְרוֹת גֶעבְּלָאזֶען.

דָארְט אוֹיסֶענְוֶוייניג פוּן דֶער זַאאל בֵּית הַמּוֹקֵד קֶענֶען אִי־בֶּער דֶעם מִזְבֵּחַ, הָאבֶּען דִיא הַיידֶען אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה סֶמֶל הַקִּנְאָה אוּנ הָאבֶּען דָארְט צוּ אִיהר גֶעדִינְט, דָארְט הָאט אוֹיךְ יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דֶער זֶעהֶען 70 מַאן הַיידֶען וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ יֶעדֶער פוּן זַייא הָאט גֶעהַאט אַ פַייעֶר פַאן מִיט קְטוֹרֶת אִין דֶער הַאנְד, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּ דִיא גֶעשְׁטַאלְטֶען פוּן חַיוֹת אוּנ בְּהֵמוֹת אוּנ וֶועְרִים וָואס זַייא הָאבֶּען דָארְט אוֹיס גֶעקְרִיצְט אוֹיף דִיא וֶוענְט.

דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא לִשְׁכָּה וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען נֶעבֶּען טוֹיעֶר וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען שַׁעַר הַנִּיצוֹץ.

דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוֹי וִויא אַ זַאאל אָן וֶוענְט נוּר מִיט אַ דַאךְ, דָארְט הָאבֶּען זִיךְ אַיין גֶעזַאמֶעלְט דִיא לְוִיִּם וָואס הָאבֶּען גֶעהִיט דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּנ אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דָאס גֶערוּפֶען נִיצוֹץ, וַוייל דִיא פַייעֶר הָאבֶּען דוּרְךְ דִיא גָאלְ־דֶענֶע פֶענְסְטֶער פוּן דֶעם אָרְט וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען קֶענֶען אִיבֶּער דֶעם הֵיכָל פַייעֶר אַרַיין גֶעוָוארְפֶען וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס הֵיכָל צֶערְשְׁטֶערְט בַּיים בַּיִת רִאשׁוֹן, דָאס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען דִיא פֶענְסְטֶער פוּן צָפוֹן זַייט, אוּנ דֶער פָּסוּק זָאגְט מִצָּפוֹן תִּפָּתַח הָרָעָה, דָאס הֵייסְט, דָאס שְׁלֶעכְטֶע הֵייבְּט אָן פוּן צָפוֹן זַייט.

אוֹיבֶּען אִיבֶּער דֶעם טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶער טוּרְם וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען עֲלִיַּית בֵּית הַנִּיצוֹץ, וָואס דָארְט זֶענֶען תָּמִיד גֶעזֶעסֶען דִיא יוּנְגֶע כֹּהֲנִים אוּנ הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהִיטֶען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַגַאנְצֶע נַאכְט, אוּנ דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען קַא־סֶערְין פוּן יוּנְגֶע כֹּהֲנִים. Laboratorium

פוּן דֶער עֶרְד בִּיז אוֹיבֶּען אוֹיף דֶעם טוּרְם אִיז הוֹיךְ גֶעוֶועזֶען

100 אֵיילֶען, דָארְט הָאבֶּען זַייא זִיךְ אוֹיס גֶעצֵייכֶענְט, אֵיינֶער אִיז אוֹיבֶּען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ הָאר אִין זַיין הַאנְד, אוּנ פוּן אוּנְטֶען הָאט אַ יוּנְגֶער כֹּהֵן גֶעצִיעֶלְט מִיט אַ פֵּייל אוּנ הָאט גֶעמוּזְט טְרֶעפֶען דִיא הָאר וָואס יֶענֶער הָאט אוֹיבֶּען גֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאט זַיא גֶעשְׁפָּאלְטֶען אִין דֶער הֶעלְפְט, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען.

דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא 4 לְשָׁכוֹת אִין וִוינְקֶעל צְפוֹנִית מַעֲרָבִית.

בַּייא דֶער וַואנְד צְווִישֶׁען עֶזְרַת נָשִׁים אוּנ עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶע זַאאל וָואס אִין אִיהר אִיז גֶעוֶועזֶען 4 צִימֶערְן, אֵיין זַייט פוּן דִיא זַאאל אִיז גֶעוֶועזֶען אוּנְטֶער דִיא בְּרִיק פוּן עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל, אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען 7 מִיט אַ הַאלְבּ אֵיילֶען הוֹיךְ אִין עֶזְרַת נָשִׁים, אוּנ דִיא בְּרִיק פוּן עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶועזֶען הֶעכֶער מִיט 7 אַ הַאלְבּ אֵיילֶען וִויא דִיא עֶזְרַת נָשִׁים אִיז אוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער דַאךְ פוּן דִיא זַאאל גְלַייךְ מִיט דֶער בְּרִיק פוּן עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אוּנ דִיא קְלֵיינֶע צִימֶערְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אוּנְטֶען אִין עֶזְרַת נָשִׁים גְלַייךְ וִויא אַלֶע צִימֶערְן, (אוּנ אִין עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זַייא גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶען.

דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא לְשָׁכוֹת מִיט זַייעֶרֶע נֶעמֶען.

דָאס עֶרְשְׁטֶע צִימֶער הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַמֶּלַח, וַוייל דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער סְקְלַאד פוּן זַאלְץ וָואס מֶען הָאט דֶען כֶּבֶשׁ הַגָּדוֹל בַּאשִׁיט, כְּדֵי דִיא כֹּהֲנִים זָאלֶען זִיךְ נִיט אַרָאפּ גְלִיטְשֶׁען פוּן מִזְבֵּחַ, אוֹיךְ דָאס זַאלְץ צוּ דִיא מְנָחוֹת אוּנ צוּ אַלֶע קָרְבָּנוֹת, אוּנ אוֹיךְ צוּ דִיא לֶעדֶערְס פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת צוּ זַאלְצֶען.

דָאס צְווֵייטֶע צִימֶער אִין דֶער זַייט, הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בֵּית הַפַּרְוָה, דָארְט הָאט מֶען אַיין גֶעזַאלְצֶען דִיא לֶעדֶערְס פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת, זַייא זָאלֶען נִיט פַאר דָארְבֶּען וֶוערֶען.

דיא דריטע לִשְׁכָּה האט מען גערופען לִשְׁכַּת בֵּית הַמַּדִיחִין ·
דארט האבען דיא כֹּהֲנִים געוואשען דאס אינגעווייניגסטע פון דיא
קָרְבָּנוֹת , אונ אויף דעם דאך פון דיא דרייא לְשָׁכוֹת איז געווען
איין מִקְוֶה אויף א היילינג ארט , דארט האט זיך דער כֹּהֵן גָּדוֹל
טוֹבֵל געווען אין יוֹם כִּפּוּר , אונ פון דער מִקְוֶה וואס ער האט זיך
פיר מאל טוֹבֵל געווען איז ער גלייך אריין געגאנגען אין קָדְשֵׁי
קָדָשִׁים זיין עֲבוֹדָה צו טאהן ·
אין גאנצען בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז קיין דאך אונ קיין מִקְוֶה ניט
געווען וואס עס האט געזאלט היילינג זיין , נור דער דאך אונ דיא
מִקְוֶה איז געווען היילינג , דארט איז געווען טרעפ וואס מען איז
ארויף געגאנגען אויף דעם דאך אין דער מִקְוֶה איבערן בֵּית
הַפַּרְוָה , אונ דיא גאנצע געביידע האט מען גערופען בֵּית הַפַּרְוָה ,
ווייל דער וואס האט דיא מִקְוֶה געמאכט האט געהייסען פַּרְוָה ,
אונ ער האט דיא מִקְוֶה געמאכט מיט אזא קונסט וואס קיינער
האט ניט געקענט דערגיין וויא אזוי זיא איז געמאכט געווארען ·
דיא חֲכָמִים האבען פון איהם פערלאנגט , ער זאל זייא זאגען
דעם סוד פון דער קונסט , האט ער ניט געוואלט זאגען , האבען
זייא געזאגט , ער האט זיא מיט כִּישׁוּף געמאכט · שפעטער האט
מען אבער איין געזעהען , אז ער איז ניט קיין מְכַשֵּׁף , נור עס
איז באמת א חָכְמָה נִפְלָאָה וויא ער האט דאס וואסער ארויף גע-
צויגען פון אונטען אוים דער קוועלע ביז אויף דעם דאך , אז ער
האט נור דיא עפנונג אויף געמאכט , איז דאס וואסער שוין גע-
פלאסען אן א מאשין אונ אן א רעהר , אונ אלע מאל שטארקער
אן א אויף העך , דאס וואסער איז תָּמִיד פריש געווען , ווארום
דאס וואסער איז גלייך צוריק אריין געגאנגען אין דעם קוואל ,
אונ אז דאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וואלט נאך היינט געשטאנען וואלט
דאס וואסער נאך היינט גערונען , אונ דאס פאר שטייט קיינער ,
דאס האט געהייסען Perpitem oblin אייביגע בעוועגונג · אין

דער לאנדנער באנק ליגט שוין אסאך יאהרען 75,000 פונט שטער־ לינג פאר אזא מענטש וואס וועט קומען און וועט וויסען פון דער חכמה, און עס איז נאך ביז אצונד קיינער ניט געקומען.

אויבען איז אויך געוועזען א בוידעם שטיבעל אין דער זייט וואס די כהנים פלעגען דארט צו עסין זייער חלק פון די קרבנות, אויך די ישראלים וואס האבען געהאט א חלק פון די זבחים האבען עס דארט געגעסען. דארט איז אויך געוועזען אין דער זייט איין זאאל אן א דאך וואס אין איין ווינקעל פלעגען די כהנים זיך צו קאכען דאס פלייש פון די קרבנות חטאת ואשם פון דעם פאלק.

אין דעם אנדערן ווינקעל פון דרומית מזרחית איז אויך גע־ וועזען דרייא לשכות אונטער איין דאך.

א) די ערשטע לשכה וואס מען האט זיא גערופען לשכת הגזית, איז געשטאנען אין מזרח זייט, זיא איז געוועזען די העלפט פון דער זאאל וואס איז אריין געגאנגען אין די עזרה, זיא איז געוועזען הייליג, איבער דעם האט קיינער ניט געטארט דארט זי־ צען נור פון מלכי בית דוד, און די העלפט וואס איז ארויס געגאנגען אין חצר איז ניט געוועזען הייליג, דארט זענען געזעסען די 71 סנהדרי גדולה, די זענען שוין געוועזען די גרעסטע קלאס סנהדרין וואס 69 זענען געזעסען אויף מערב זייט פון דער לשכת קענען איבער דעם נשיא און דעם אב בית דין וואס ער איז געוועזען דער צווייטער פון נשיא, און זייא זענען געזעסען האלב רונד, אזוי וויא מיר האבען אויבען געשריבען.

אין דעם זאלל זענען געוועזען צווייא טיהרען, איין טיהר פון אויסען ווייניג איז געוועזען צום הר הבית וואס מען איז דארט ארום אריין געקומען, און איין טיהר איז געוועזען איגעווייניג פון דער עזרה, דארט איז מען אריין געגאנגען אין דער עזרה.

די לענג פון דער לשכת הגזית איז געוועזען 16 איילען און

דִּיא בְּרֵייט 12 אֵיילֶען, אִין דֶער לִשְׁכָּה הָאבֶּען אוֹיךְ דִּיא כֹּהֲנִים אַלֶע טָאג גוֹרָל גֶעוָוארְפֶען פַאר דִּיא סַנְהֶדְרִין אוֹיף דֶעם דִּינְסְט, וֶוער עֶס זָאל טָאהן דִּיא עֲבוֹדָה, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען, אוּנ אֵיידֶער זֵייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען טָאהן דִּיא עֲבוֹדָה זֶענֶען זֵייא וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען אִין לִשְׁכַּת הַגָּזִית אוּם צוּ זָאגֶען קְרִיאַת שְׁמַע. דִּיא הוֹיפְּט בֶּעשֶׁעפְטִיגוּנְג פוּן דִּיא סַנְהֶדְרֵי גְדוֹלָה אִיז גֶעוֶוען, וָואס זֵייא הָאבֶּען נָאךְ גֶעזוּכְט אוֹיב דֶער כֹּהֵן הָאט קֵיין פְּסוּל, פוּן וָואס פַאר עֶלְטֶערְן עֶר קוּמְט אַרוֹיס, אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעזוּנְד צוּם דִּינְסְט, אוּנ אַז מֶען הָאט גֶעפוּנֶען אִין אַ כֹּהֵן אַ פְּסוּל הָאט עֶר זִיךְ אָן גֶעטוּעֶן אִין שְׁוַוארְצֶען אוּנ הָאט גֶעקְלָאגְט וִויא אַ אָבֵל אוּנ אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעוֶוען כָּשֵׁר צוּ דִּיא דִּינְסְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ יוֹם טוֹב אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה פַאר אַלֶע גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּנ הָאט גֶעלוֹיבְּט גָאט ב"ה וָואס הָאט אוֹיס עֶרְוֵוילְט דִּיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, זֵייא זָאלֶען בַּאדִינֶען אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים:

ב) דִּיא צְוֵוייטֶע זַאאל הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת הַגּוֹלָה, וַוייל וֶוען דִּיא יוּדֶען זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן גָלוּת אוּנ הָאבֶּען גֶעבּוֹיעֶט דָאס בַּיִת שֵׁנִי, הָאבֶּען זֵייא דָארְט גֶעגְרָאבֶּען אַ בְּרוּנֶע וָואס הָאט וַואסֶער גֶעגֶעבֶּען צוּ אַלֶע גֶעבְּרוֹיךְ, צוּ טְרִינְקֶען, צוּם קָאכֶען פַאר דִּיא כֹּהֲנִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס וַואסֶער אִיז גֶעוֶוען זִיס אוּנ גוּט צוּם קָאכֶען, אוּנ דִּיא שֶׁעפֶּערְס הָאבֶּען תָּמִיד גֶעהַאט וַואסֶער וִויפִיעל זֵייא הָאבֶּען גֶעבְּרוֹיכְט.

ג) דִּיא דְרִיטֶע זַאאל הָאט מֶען גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת פַּלְהֶדְרִין, זִיא אִיז גֶעוֶוען פוּן דָרוֹם זַייט פוּן דֶער עֲזָרָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס אָרְט וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז גֶעוֶוען אַגַאנְץ יָאהר, אוּנ זִיבֶּען טָאג פַאר יוֹם כִּפּוּר אִיז עֶר שׁוֹין דָארְט גֶעזֶעסֶען טָאג אוּנ נַאכְט אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשֵׁייד פוּן וַוייבּ אוּנ הָאט זִיךְ נוּר גֶעלֶערֶענְט דִּיא עֲבוֹדָה פוּן יוֹם כִּפּוּר.

דֶער אַריין גַאנְג אִין דֶער לִשְׁכָּה אִיז גֶעוֶועזֶען דוּרְךְ דֶעם טוֹיעֶר וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען שַׁעַר הַמַּיִם, וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען אִין דָרוֹם זַייט צוּם ווִינְקֶעל פוּן מִזְרָח, דָאס טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס גֶעבְּסְטֶע צוּ דֶער לִשְׁכָּה, אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ דֶעם טוֹיעֶר, אוּנ אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּהוֹיז גֶעהְן, הָאט עֶר גֶעהַאט אִין דֶער לִשְׁכָּה אַזֶעלְכֶע שַׁאפֶעס וָואס עֶר הָאט זַיינֶע קְלֵיידֶער פוּן עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ אַריין גֶעלֵייגְט, דֶעם חֹשֶׁן וְאֵפוֹד, דֶעם אוּרִים וְתֻמִּים אוּנ דֶעם נֵזֶר הַקֹּדֶשׁ מִיט דֶעם מִצְנֶפֶת, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט עֶר דָארְט אַריין גֶעלֵייגְט אִין דִיא שַׁאפֶעס.

נָאךְ אֵיין לִשְׁכָּה אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען אוֹיף דָרוֹם זַייט אִינֶע־ווֵיינִיג אִין דֶער עֲזָרָה, וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען לִשְׁכַּת בֵּית אַבְטִינַס ווַייל אִין בַּיִת שֵׁנִי אִיז נוּר גֶעוֶועזֶען אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דִיא קוּנְסְט פוּן דִיא קְטוֹרֶת אוּנ דֶער הָאט אַבְטִינַס גֶעהֵייסֶען, עֶר הָאט אָבֶּער דִיא קוּנְסְט קֵיינֶעם גֶעלֶערֶענְט, נוּר זַיינֶע קִינְדֶער מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, אוּנ דָארְט אִין דֶער לִשְׁכָּה אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס אָרְט פוּן דִיא קְטוֹרֶת, דַאדוּרְךְ הָאט מֶען גֶערוּפֶען דִיא לִשְׁכָּה אוֹיף זַיין נָאמֶען אַבְטִינַס, אוּנ אִין דֶער לִשְׁכָּה אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין זַאאל אָן ווֶענְט נוּר מִיט אַ דַאךְ.

נָאךְ אֵיין לִשְׁכָּה אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט דֶעם פְרָאנְט צוּ צָפוֹן זַייט אוּנ מֶען הָאט זִיא אוֹיךְ גֶערוּפֶען בֵּית אַבְטִינַס, ווַייל זִיא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבֶּען דֶער לִשְׁכָּה פוּן דִיא קְטוֹרֶת, אָבֶּער דֶער נָאמֶען פוּן דֶער לִשְׁכָּה אִיז גֶעוֶועזֶען מִשְׁמֶרֶת הַמִּזְבֵּחַ, ווַייל אַלֶע דִינְסְט פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ הָאט גֶעהֶערְט צוּ דִיא כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן צָדוֹק כֹּהֵן גָּדוֹל, ווַייל זַיין יִחוּס אִיז גֶעוֶועזֶען רֵיין אוּנ זַיין צִדְקוֹת אִיז גֶעוֶועזֶען גְרוֹיס, אוּנ דָארְט אִין דֶער לִשְׁכָּה זֶענֶען נוּר גֶעוֶועזֶען דִי כֹּהֲנִים בְּנֵי צָדוֹק אוּנ פוּן דָארְט זֶענֶען זֵייא אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען צוּ מִשְׁמֶרֶת הַמִּזְבֵּחַ.

נָאךְ אֵיין לִשְׁכָּה אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען אִין דָרוֹם זַייט פוּן אוֹיבֶּענְוֵויינִיג צוּם חָצֵר אוֹיף דֶעם שַׁעַר הַשָּׁמַיִם וָואס דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען אַ מִקְוֶה. ווייל דיא טְבִילָה הָאט נִיט גֶעדַארְפְט זַיין אוֹיף קֵיין הֵיילִיג אָרְט, אוּנ דיא מִקְוֶה אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוֶועזֶען אוֹיף קֵיין הֵיילִיג אָרְט, ווייל דיא מִקְוֶה אִיז גֶעוֶועזֶען 23 אֵיילֶען הֶעכֶער אִיבֶּער דֶער עֲזָרָה, אוּנ אוֹיבֶּען אִיבֶּער דיא דֶאכֶער אוּנ דיא בּוֹידֶעמְס זֶענֶען נִיט גֶעוֶועזֶען הֵיילִיג, אָבֶּער דיא מִקְוֶה פוּן בֵּית הַפַּרְוָה וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶעם דַאךְ אִיז גֶעוֶועזֶען הֵיילִיג, וִויא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען שׁוֹין גֶעשְׁרִיבֶּען.

דיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דְרִיטֶען טֵייל פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען עֶזְרַת כֹּהֲנִים.

בַּיים עֶנְדֶע דיא 41 אֵיילֶען פוּן עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶועזֶען בַּאלְקִין פוּן אֵיין וַואנְד צוּ דֶער אַנְדֶערֶע, דיא בַּאלְקִין הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ אָבְטֵיילוּנְג צְווִישֶׁען עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶזְרַת כֹּהֲנִים, וָואס דָארְט הָאט שׁוֹין נִיט גֶעטָארְט אַרַיין גֶעהְן קֵיין יִשְׂרָאֵל אוֹיסֶער בַּייא אֵיינֶעם גְרוֹיסֶען נוֹיטפַאל, דיא בַּאלְקִין הָאט מֶען גֶערוּפֶען פַּסְפְּסִין.

גְלַייךְ וִויא דיא פַּסְפְּסִין הָאבֶּען זִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען אִין מַעֲרָב זַייט, אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזֶען דיא בְּרִיק ווידער וָואס אַ מָאל הֶעכֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען אַ שְׁטֵיין וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דיא גַאנְצֶע בְּרֵייט פוּן דֶער עֲזָרָה, פוּן אֵיין אֵייל דיא הוֹיךְ, אוּנ הָאט אוּנְטֶען אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ אָבְטֵיילוּנְג צְווִישֶׁען עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶזְרַת כֹּהֲנִים, אִין דֶעם שְׁטֵיין אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיסְגֶעהַאקְט דְרַייא טְרֶעפּ צוּ הַאלְבֶּע אֵיילֶען דיא הוֹיךְ אוּנ אֵיין הַאלְבֶּע אֵייל דיא בְּרֵייט, אוּנ אוֹיף בֵּיידֶע זַייטֶען פוּן דֶעם אוֹיסְגֶעהַאקְטֶען זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דיא לְוִיִּם מִיט דיא מְשׁוֹרְרִים אוּנ דיא אַלֶע וָואס הָאבֶּען נוּר צוּ גֶעהָאלְפֶען זִינְגֶען אוּנ שְׁפִּילֶען זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען

מיט זייער פנים צו מערב זייט און מיט דעם רוקען צום פאלק. דאס ארט האט מען גערופען דוכן. אין א רגל אז עס איז געווען פיהל כהנים און האבען געדארפט דוכענען, איז געווען אין עזרת כהנים זייער ענג, האבען א טייל פון די כהנים אויף דעם ארט געדוכענט, נור זיי זענען געשטאנען מיט דעם פנים צו מערב זייט, ווארום מען האט אין בית המקדש ניט אנדערשט געטארט שטיין, נור די קעפף האבען זיי אום געדרייט צום פאלק וואס זיי האבען געבענטשט, דאס איז געווען א גאנץ שווערע עבודה פאר די כהנים וואס זיי זענען דארט געשטאנען, און איידער מען איז געגאנגען מנסך זיין דעם וויין אדער דאס וואסער אויף דעם מזבח, האבען די לוים פריהער אן געהויבען צו שפילען און צו זינגען, זיי האבען ניט געטארט פריהער אן הויבען צו שפילען און ניט אויף הערין צו שפילען ביז בן ארזא האט זיי געשטעלט דעם טאהן מיט זיין שטימע, און ער איז געווען דער לעצטער וואס האט אויף געהערט, ער האט געהאט צוויי מוזיקאלישע אינשטרומענטען, איינס האט געהייסען צלצלי שמע, און דאס אנדערע האט געהייסען צלצלי תרועה.

די בעשרייבונג פון די עבודה ניסוך היין.

דער כהן גדול איז געשטאנען אויף דעם סובב פון דעם מזבח, נעבען איהם איז געשטאנען דער סגן הכהן און אין דער אנדערע זייט איז אויך געשטאנען איין כהן, דער סגן האט אין ביידע הענט געהאלטען צוויי סיגנאלען, און בן ארזא איז געשטאנען קעגען איבער זיי מיט צוויי כהנים וואס זיי האבען געהאט צוויי טראמייטען, צום ערשטען האט זיך אנידער געשטעלט בן ארזא מיט די צוויי כהנים מיט די טראמייטען און פאר איהם איז געשטאנען דער צלצלי תרועה מיט דעם

צלצלי שמע, און צום ערשט האבען אן געהויבען צו בלאזען
דיא צוויא כהנים מיט דיא טראמייטען צום צייכען יעדער זאל
זיך שטעלען אויף זיין ארט, האטשע עס איז שוין לאנג יעדער
געשטאנען אויף זיין ארט, נור עס האט געמוזט אזוי זיין לכבוד
השם. בן ארזא האט אווינק געגעבען צום סגן וואס האט גע־
געהאלטען דיא סיגנאלען אין האנד, און דיא לוים האבען נור
געקוקט אויף בן ארזא, און וויא דער כהן האט זיך אראפ גע־
בויגען צום וויין וואס ער האט געדארפט מנסך זיין אויף דעם
מזבח, אזוי האט דער סגן אויף געהויבען ביידע סיגנאל פאנען.
אזוי האט בן ארזא געגעבען דרייא קלעפ מיט דער כלי וואס ער
האט אין האנד געהאט אויף דעם צלצלי תרועה, האט ער ארוים
געגעבען א שטארקע שטימע, דאס האט מען געהערט זעקס
מייל וויט און דאס האט געצויגען דיא שטימע קענען צוואנציג
מינוט.

באותו רגע האבען אן געהויבען דיא לוים צו שפילען און
זינגען, און עס האט ניט געטארט זיין קיין הפסק צווישען דעם
קול פון צלצלי תרועה און דעם קול פון דיא לוים. דאס שפילען
און דאס זינגען האט געהאט אזא קראפט, אז מען האט גע־
וואלט איינעם טייטען, האבען זייא געקענט, אויך א גוסס לע־
בעדיג צו מאכען, נור זייא האבען גאר ניט געטארט טוען אן
דעם באפעהל פון נשיא אדער פון כהן גדול, און אז דיא לוים
האבען געשפילט האט בן ארזא ווידער גענומען דעם צלצלי שמע
און האט צו געשפילט לויט טאקט, און אז אלע האבען שוין
אויף געהערט צו שפילען און זינגען, האט ער אויך לויט טאקט
געמאכט אויף זיין כלי שיר. קורץ ער וואר דער אנהויבער און
דער אויף הערער פון דער מוזיק אין בית המקדש און דיא צורת
פון דיא צוויא מוזיקאלישע כלי שיר קען מען זעהען בייא מיר
אין ווערק פון דיא פאטאגראפען וואס איך האב עקסטרא ארוים

גֶעגֶעבֶּען מִיט אַלֶע נוּמֶערְן וָואס וַוייזְט יֶעדֶעס אוֹיף זַיין אָרְט. אִיבֶּער הוֹיפְּט דֶעם צִלְצְלֵי תְרוּעָה הָאבֶּען מִיר גֶעזֶעהֶען אִין וַואטִיקַאן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט, אַז דָאס אִיז נָאךְ דֶער זֶעלְבֶּער אָרְגַאן וָואס בֶּן אַרְזָא הָאט אוֹיף אִיהם גֶעשְׁפִּילְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאבּ אִיךְ אִיהם נַאטוּרַאל נָאךְ גֶעמַאכְט נָאךְ דֶער פָאטָאגְרַאפִיֶע, אוּנ דַארִיבֶּער וֶועל אִיךְ נָאךְ שְׁרַייבֶּען אִין דֶעם לֶעצְטֶען טֵייל פוּן מַיין וֶוערְק.

דִיא לְוִיִם וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְגֶען וֶוען מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבָּן הַתָּמִיד, זֶענֶען גֶעוֶוען וֶוינִיגְסְטֶענְס צְוֶועלְף, חוּץ נָאךְ אַנְדֶערֶע וָואס הָאבֶּען נוּר צוּ גֶעהַאלְטֶען, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען יִשְׂרְאֵלִים גְרוֹיסֶע מְיוּחָסִים וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעמֶענְט נֶעמֶען טֶעכְטֶער פוּן כֹּהֲנִים פַאר וַוייבֶּער, הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעמֶענְט מִיט שְׁפִּילֶען מִיט כְּלֵי שִׁיר דֶעם שִׁיר וָואס דִיא לְוִיִם הָאבֶּען גֶעזִינְגֶען אַלֶע טָאג, דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג הָאבֶּען זֵייא גֶעזִינְגֶען דָאס קַאפִּיטֶעל תְּהִלִּים כד, אוּנ אַזוֹי יֶעדֶען טָאג דֶעם יוֹם וָואס מִיר זָאגֶען הַיינְט, אוּנ שַׁבָּת מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת.

פוּן דוּכָן בִּיז צוּם מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶוען עֶלְף אֵיילֶען פְּלַאץ, פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרָב אוּנ פוּן צָפוֹן בִּיז דָרוֹם אִיז גֶעוֶוען 135 אֵיילֶען פְּלַאץ, אוּנ אוֹיף דֶעם פְּלַאץ הָאט מֶען פַאר שְׁטֵיינֶערְט זְכַרְיָה הַנָבִיא דֶעם זוּהְן פוּן יְהוֹיָדָע כֹּהֵן גָדוֹל מִיט דֶעם בֶּעפֶעהְל פוּן יוֹאָשׁ הַמֶלֶךְ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּלַאץ וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט גֶעהֵיילִיגְט מֶען זָאל דָארְט מֶעגֶען פַאר בְּרֶענֶען דִיא קָרְבָּנוֹת וֶוען אוֹיף דֶעם אִיז שׁוֹין קֵיין פְּלַאץ נִיט גֶעוֶוען, אוּנ וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט בֶּענַייעֶט דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אַזוֹי פִיהל קָרְבָּנוֹת גֶעפַאלֶען, אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט דוֹיעֶרְן אֵיין גַאנְצֶען חֹדֶשׁ דִיא אַלֶע קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב צוּ זַיין.

דִיא שְׁלָמִים וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען וָואר 22,000 אָקְסֶען אוּנ

120,000 שָׁאף , דָאס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶועֶן צוּ דֶער וַוארְטֶען זִיךְ מֶען זָאל דָאס מַקְרִיב זַיין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ , אִיבֶּער דֶעם הָאט ,ער גֶעהֵיילִיגְט דָאס אָרְט אוּנ מֶען הָאט דָא פַאר פְרֶעגְט דִיא רֶעשְׁט ,קָרְבָּנוֹת וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט דַאמָאלְס אַרוֹיף אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ .

דָארְט אִין דֶער ,עֲזָרָה אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אֵיין טְרָאהְן וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט וֶוען ,ער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ , דָארְט אִיז גֶעוֶועֶן אֵיין זַאאל מִיט 10 גָאלְדֶענֶע זַיילֶען אָן וֶוענְד רוּנְד , אוּנ מִיט אַ גָאלְדֶענֶעם דַאךְ פוּן פִינְף אֵיילֶען דִיא בְּרֵייט , דָארְט אִיז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אַרַיין גֶעגַאנְגֶען וֶוען ,ער הָאט פַארְטִיג גֶעמַאכְט דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ הָאט דָארְט אַנִידֶער גֶעקְנִיעֶט אוּנ אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען דִיא הֶענְד צוּם הִימֶעל אוּנ הָאט גֶעבֶּעטֶען צוּ גָאט , אַז אִין דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאלֶען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען דֶער הֶערְט וֶוערֶען , אוּנ אֲפִילוּ אֵיין ,עכּו״ם וֶועט קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין בֶּעטֶען , זָאל ,ער אוֹיךְ דֶער הֶערְט וֶוערֶען , אוֹיךְ הָאט מֶען פוּן אֵיין ,עכּו״ם ,קָרְבָּנוֹת אָן גֶענוּמֶען אוּנ זַיין גֶע־בֶּעט אִיז אָן גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען , אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גוּט גֶעוֶועֶן פַאר דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט נִיט נוּר אַלֵיין פַאר יוּדֶען .

דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען דֶער ,קַאסְטֶען פוּן בּוּקְס בּוֹים הָאלְץ , וָואס יְהוֹיָדָע כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף דִיא מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל גֶעלְד , וָואס יֶעדֶער פוּן צְוַואנְצִיג יָאהְר אָן הָאט גֶעמוּזְט גֶעבֶּען אַלֶע יָאהְר , אוּנ דָאס גֶעלְט אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף הֵיילִיגֶע זַאכֶען , דֶער ,קַאסְטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּייא דֶעם טוֹיעֶר וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הָעֶלְיוֹן .

דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל אִיז גֶעוֶועֶן אֵיין זִילְבֶּערְנֶע מַטְבֵּעַ , דָאס זִילְבֶּער אִיז גֶעוֶועֶן דָאס זֶעלְבֶּע וָואס מִיר הָאבֶּען הַיינְט , נוּר דָאס גֶעוִויכְט פוּן דֶער מַטְבֵּעַ קֶענֶען מִיר דָא נִיט אַקוּרַאט , אָבֶּער אִין

יענע לאנדער וויא דער תבנית היכל איז געוועזן, זייא האבען געוויסט אקוראט דאס געוויכט, זייא שרייבען דאס האט געוואוגען איין האלבע אונקיה, דאס איז דיא ווערט פון ניין סילדיש, אונ דאס וועט באטרעפען שרייבען זייא דארט א ערך פון פירצעהן פלאקש, אזוי רופט מען דארט דיא געלד מטבעות.

דארט איז אויך געשטאנען א טעמעלע פון בוקס בוים האלץ דיא גרויס דער פון איז געוועזן, עס איז אריין צוויא האנד, אונ איגעווייניג איז געלעגען צווייא גאלדענע טעוועלעך, אויף איינס איז געוועזן אויס געקריצט לה׳ אונ אויף דעם צווייטען לעזאזל, אונ דער כהן גדול האט אריין געשטעקט ביידע האנד אונ האט ארויס גענומען דיא צווייא גאלדענע טעוועלעך אונ האט אויף געהויבען ביידע הענד צו גאט אונ האט געשריגען אחד לה׳ ואחד לעזאזל, דער נאך האט ער ארויף געלייגט איין האנד אויף איין ציגעלע וואס פאר איהם איז געשטאנען אונ דיא אנדערע האנד אויף דעם צווייטען ציגעלע, אונ האט אויף געמאכט דיא הענד, זענען דיא טעוועלעך געבליבען ליגען אויף דיא ציגעלעך, אונ דאס ציגעלע וואס אויף איהם איז געפאלען לה׳ האט מען מקריב געוועזן לה׳, אונ דאס אנדערע האט מען געשיקט לעזאזל אין דער מדבר יריא׳, מיט איין מענטש וואס איז שוין געוועזן אן געברייט פון ערב יום כפור, אונ וואס דער פון איז געווארען, האבען מיר שוין אויבען געשריבען.

דיא בעשרייבונג פון מזבח וואס מען האט גערופען מזבח העולה.

ביא דיא ענדע פון 11 איילען פון עזרת כהנים איז געשטאנען דאס מזבח העולה, דאס האט פאר נומען פון צפון ביז דרום 62 איילען מיט דעם כבש, אונ פון מזרח ביז מערב 32 איילען אין דער ברייט, פון צפון ביז דרום אן דעם כבש האט

עם אויך געהאלטען 32 איילען, אונ דער פונדאמענט האט געהאט 5 טפחים דיא הויך, אונ דיא ברייט איז געוועזן פון מערב זייט אין צפון 32 איילען, אונ פון מזרח זייט אין דרום איז נור געוועזן 31 איילען, דאס האט מען גערופען יסוד, אויף דעם איז ווידער געשטאנען איין קאסטען פון 30 איילען דיא ברייט אונ 30 איילען דיא הויך האט דער צווייטער קאסטען געהאלטען 5 איילען, אונ אויבען איז דער קאסטען געוועזן ארום אונ ארום א גאניק. וואס דער כהן איז אויף דעם גאניק ארום געגאנגען אונ האט גע־שפרענגט דאס בלוט פון דיא קרבנות, אונ דאס האט מען גע־רופען דעם סובב, אונ אויבען אויף דעם האט מען ווידער ארויף געשטעלט א קאסטען פון 28 איילען ברייט אונ 28 איילען לאנג אונ 3 איילען הויך, אויבען אויף דעם האט מען פאר ברענט דיא אברים פון דיא קרבנות, אונ דאס האט געהייסען מקום המערכה, אונ אויבען איז געוועזן אין אלע פיהר ווינקלען פיהר קעסטלעך, וואס יעדעס קעסטעל האט געהאט איין אייל דיא ברייט אונ איין אייל דיא לאנג אונ איין אייל דיא הויך, דאס איז געוועזן אויבען אפען אונ הויל אינעווייניג, אונ דאס האט געהייסען קרנות, וואס זייא זענען געשטאנען איין אייל אפ גע־טרעטען פון עק, אונ אויף דיא קרנות האט מען געשפרענגט דאס בלוט פון דיא קרבנות.

אין ווינקעל פון מערבית דרומית פון יסוד אויבען איז גע־וועזן צווייא ליעקעס וואס מען האט אריין געגאסען דאס איברי־גע בלוט וואס איז איבער געבליבען אין בעקין נאך דעם שפרענגען אויף דיא קרנות, אונ פון דארט זענען זייא אריין געגאנגען אין שית וואס דארט איז געוועזן אין דער בריק איין מארמאר שטיינערנער טאבעל וואס האט צו געדעקט דיא עפנונג וואס דארט ארומער זענען אריין געגאנגען אלע אומריינע וואַ־סער אונ דאס אומריינע בלוט אונ האבען זיך דארט פאר מישט

מיט דער וואסער־לייטונג און זענען אריין געראנגען אין נחל קדרון.

איין איל אונטער דעם סובב וואס מיר האבען אויבען געשריבען איז געוועזן א רויטער צייכען ארום און ארום, דאס איז געוועזן איין אונטערשייד וואס פאר איין קרבן מען האט געדארפט צו שפרענגען אונטער דעם צייכען, און וואס פאר איין קרבן מען דארף שפרענגען איבער דעם צייכען אויבען, און אויף דיא וואנד פון דעם סובב איז געוועזן אום געקריצט איבער דעם רויטען צייכען פערשיעדענע ציורים און בלומען, דאס האט געהייסען כרכוב המזבח.

אויבען אויף דעם קאסטען וואס מען האט פאר ברענט דיא קרבנות, איז געוועזן ביים עק ארום איין גאלעריא פאר דיא כהנים, זייא זאלען זיך ניט אראפ גליטשען, און אפ געטרעטען צוויא איילען איז געוועזן דאס ארט וואס דיא כהנים זענען דארט ארום געגאנגען בייא דער עבודה, און נאך דיא צווייא איילען זענען געשטאנען דיא קרנות פון איין איל דיא ברייט, און נאך דיא קרנות איז ווידער געוועזן אפ געטרעטען איין איל פלאץ ארום און ארום, דער נאך האט זיך אן געהויבען דער מקום המערכה וואס אויף דעם ארט האט מען שוין פאר ברענט דיא אברים פון דיא קרבנות, דאס ארט האט געהאט 24 איילען, און עס איז געוועזן דיא פיהר קאנטען אפ געשניטען רונד, האט מען דאס גערופען תפוח, און אויף דעם תפוח איז שטענדיג געלעגען אן געבריים האלץ גלייך געלייגט איינס אויף דעם אנדערן, צוויי סדרים, וואס דיא שפיצען פון דעם האלץ האט אן גערירט אן דעם תפוח, איינס האט מען גערופען מערכה גדולה, דאס איז געלעגען אויף דרום זייט פון דעם מזבח, און דאס צווייטע האט מען גערופען מערכה קטנה, דאס איז געלעגען אין מערב זייט פון דעם מזבח.

אויבֶען אויף דֶעם אָרְט וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען נֶבֵי הַמִזְבֵּחַ זֶענֶען גֶעוֶועזֶען צְוַוייא זִילְבֶּערְנֶע בֶּעקִינס, וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעהַאט אוּנְטֶען אַזֶעלְכֶע לֶיעכְלֶעךְ · אֵיין לֶיעךְ אִיז גֶעוֶועזֶען אִין ווִינְקֶעל פוּן דָרוֹם זַייט, אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע אִין ווִינְקֶעל פוּן מַעֲרָב זַייט, אֵיינְס אוֹיף נִיסוּךְ הַמַּיִם אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע אוֹיף נִיסוּךְ הַיַּיִן, דֶער לֶיעךְ פוּן נִיסוּךְ הַיַּיִן אִיז גֶעוֶועזֶען פִּיהל בְּרֵייטֶער וִויא דֶער פוּן נִיסוּךְ הַמַּיִם, וָוארוּם וַויין הָאט זַאטְץ אוּנ גֵייט נִיט לַייכְט דוּרְךְ, אוּנ אוּנְטֶער דִיא בֶּעקִינס אִיז גֶעוֶועזֶען רֶעהְרִין וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ דֶעם מִזְבֵּחַ בִּיז אִין דִיא עֶרְד אַרַיין דוּרְךְ דִיא הֵיילֶען וָואס דָארְט זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, אוּנ אֵיין מָאל אִין 60 אָדֶער אִין 70 יָאהְר פְלֶעגֶען דִיא יוּנְגֶע כֹּהֲנִים אַרָאפּ צוּ גֵיין, אוּנ הָאבֶּען צוּנוֹיף גֶענוּמֶען דֶעם פַארְגְלִיוֶוערְטֶען וַויין אוּנ מֶען הָאט אִיהם פַאר בְּרֶענְט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ·

דֶעם טָאג הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶען יוֹם טוֹב, אוּנ דָאס אָרְט וָואס דָאס מִזְבֵּחַ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס זֶעלְבֶּע אָרְט וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעבְּרַאכְט זַיין זוּהְן יִצְחָק אוֹיף דִיא עֲקֵידָה·

דֶער יַלְקוּט חָדָשׁ שְׁרַייבְּט, אַז אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט זִיךְ אַבְרָהָם אָבִינוּ ע״ה מַל גֶעוֶועזֶען, אוּנ זַיין בְּלוּט אִיז דָארְט אַרַיין גֶערִינֶען וִויא מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ, אוּנ דָאס לֶערֶענְט עֶר אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, וְאֵת כָּל הַדָּם יִשְׁפּוֹךְ אֶל יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ·

דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא 3 שְׁטַאפְּלֶען וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶועזֶען אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ·

זַייא זֶענֶען גֶעוֶועזֶען בַּייא זַאמֶען, נוּר דֶער מִיטֶעלְסְטֶער אִיז גֶעוֶועזֶען גְרֶעסֶער פוּן דִיא צְוַוייא עֶקְסְטֶע, עֶר הָאט גֶעהַאט צְוַוייא אוּנ דְרַייסִיג אֵיילֶען דִיא לֶענְג אוּנ זֶעכְצֶעהְן אֵיילֶען דִיא בְּרֵייט

אונ אין דיא הויף אויבען ביים מזבח אכט איילען, דאס האט געהייסען כבש הגדול, וואס דארט איז דער כהן ארויף געגאנגען אויף דעם מזבח דיא אברים צו פאר ברענען, עס האט ניט גע־טארט זיין קיין טרעפ נור גלאט אונ משופע, אונ אז דער כהן האט דיא אברים ארויף געטראגען, איז דאס פעטע אראפ גע־רינען, איז דארט זעהר גליטשיק געוועזען, האט מען דאדורך גע־שיט זאלץ, ער זאל זיך ניט אויס גליטשען, דאס איז געוועזען זעהר איין שווערע עבודה, אונ דיא אנדערע צווייא ארויף געגנג זענען געוועזען אין ביידע זייטען רעכטס אונ לינקס פון דעם גרוי־סען, דיא זענען נור געוועזען 31 איילען לאנג אונ 7 איילען ברייט אונ 5 איילען הויך אונ אויך אזוי משופע אן טרעפ.

דער שטאפעל פון דער רעכטער זייט האט געפיהרט צום סובב וואס מען שפרענגט דאס בלוט, אונ אז דער כהן איז ארום געגאנגען דעם סובב אונ האט אפ געשפרענגט דאס בלוט איז ער ווידער אויס געקומען אין דער אנדערער זייט וואו מען גיסט אראפ דאס איבריגע בלוט וואס בלייבט אין בעקין, האט ווידער דער שטאפעל צוריק אראפ געפיהרט צום יסוד אונ צום שית ביז צו דער בריק צוריק, אונ אויבען בייא דעם מיטעלסטען שטאפעל איז געוועזען אפ געטרעטען פון דעם מזבח איין אייל אונ דאס האט געהייסען לול, ווארום דיא אברים האט מען ניט גע־טארט ארויף לייגען אויף דעם מזבח, מען האט זייא געמוזט ארויף ווארפען, אונ אין דעם לול איז געוועזען קיילעכדיגע טרעפ וואס אויף דיא טרעפ איז מען אראפ געגאנגען איין מאל אין 70 יאהר נאך דעם פאר גליווערטען וויין, אזו וויא מיר האבען אויבען געשריבען.

דארט אין כבש הגדול אין דער זייטען וואנד, איז אויבען געוועזען א קליין פענסטערל, וואס מען האט אריין געווארפען, דאס וואס איז פסול געווארען אונ צו מארגענס האט מען עס פארברענט.

אֵיין מַארְמָאר שְׁטֵיינֶערְנֶער טַאפֶּעל אִיז גֶעוֶועזֶען אִין דֶער בְּרִיק אִין ווִינְקֶעל פוּן דְרוֹמִית מַעֲרָבִית פוּן יְסוֹד הַמִזְבֵּחַ, אוּנ אִין דֶער מִיטֶען אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף צוּ הֵייבֶּען, ווִיא מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען, אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען אַקוּרַאט אוּנְטֶער דִיא צְווַייא רֶעהְרְלֶעךְ פוּן יְסוֹד הַמִזְבֵּחַ וָואס מֶען הָאט אַרַיין גֶעגָאסֶען דָאס אִיבְּרִיגֶע בְּלוּט פוּן בֶּעקִין וָואס מֶען הָאט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ גֶעשְׁפְּרֶענְגְט.

אִין ווִינְקֶעל פוּן מַעֲרָב זַייט צְווִישֶׁען דֶעם כֶּבֶשׁ אוּנ דֶעם מִזְבֵּחַ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם פוּסְבָּאדֶען אֵיין זִילְבֶּערְנֶע פַייֶער פַאן וָואס מֶען הָאט דֶער מִיט אַרָאפּ גֶענוּמֶען דָאס אַשׁ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ, אַז עֶס אִיז גֶעוָוארֶען צוּ פִיהל הָאט מֶען דִיא פַאן אַרוֹיף דֶער לַאנְגְט דֶעם כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיבֶּען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִיט דִיא הֶענְד דָאס אַשׁ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ הָאט אַרַיין גֶעשִׁיט אִין דֶער זִילְבֶּערְנֶע פַאן, אוּנ עֶר הָאט גֶעהַאט אֵיין גָאלְדֶען קִייטֶעלֶע וָואס עֶר הָאט דָאס קִייטֶעל אָן גֶעקִייטֶעלְט אִין דֶער פַאן אוּנ הָאט אַרָאפּ גֶעלָאזְט דִיא פַאן מִיט דֶעם קִייטֶעל דָאס אַשׁ זָאל זִיךְ נִיט אוֹיס שִׁיטֶען, אוּנ פוּן אוּנְטֶען אוֹיף דֶעם פוּסְבָּאדֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אֵיין כֹּהֵן וָואס עֶר הָאט דָאס בַּאלְד צוּ גֶענוּמֶען אוּנ הָאט דָאס אַשׁ אַרַיין גֶעשִׁיט אִין שִׁית אַרַיין; אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער בַּייא דֶעם קִייטֶעלֶע צוּרִיק אַרוֹיף גֶעצוֹיגֶען בִּיז מֶען הָאט גֶערֵיינִיגְט דָאס גַאנְצֶע מִזְבֵּחַ פוּן דֶעם אַשׁ.

10 אֵיילֶען אָפּ גֶעטְרֶעטֶען פוּן דֶעם אַרוֹיף גַאנְג פוּן כֶּבֶשׁ פוּן מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶועזֶען דְרַייא טְפָחִים, פוּן דִיא מִזְרָח וַואנְד פוּן דִי עֲזָרָה אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס אָרְט וָואס מֶען הָאט דֶערווַייל אַהִין גֶעשִׁיט דָאס אַשׁ פוּן מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן וְהַפְּנִימִי אוּנ פוּן דֶער מְנוֹרָה אוּנ אוֹיךְ דִיא פֶּעדֶערִין פוּן דִיא עוֹפוֹת, אוּנ דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען בֵּית הַדֶשֶׁן פוּן תְּרוּמַת הַדֶשֶׁן.

דָאס הָאלְץ וָואס מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶוען פוּן נִיסֶען הָאלְץ אוּנ פוּן פַייגֶען בּוֹים הָאלְץ אוּנ לְיַאן אֵייל הָאלְץ, אוּנ חָאטְשֵׁי אַלֶע גַאטוּנְג הָאלְץ זֶענֶען גֶעוֶוען כָּשֵׁר צוּם בְּרֶענֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, נוּר אוֹיסְגֶענוּמֶען אֵיילְבִּירְד הָאלְץ אוּנ וַויין גָארְטֶען הָאלְץ, וַוייל וַויין אוּנ אֵייל הָאט מֶען גֶענִיצְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם הָאט מֶען נִיט גֶעטָארְט נִיטְצֶען דָאס הָאלְץ, אוּנ דָאס הָאלְץ וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען, זֶענֶען דִיא כֹּהֲנִים אַלֵיין אַלֶע מָאל אַרוֹים גֶעגַאנְגֶען מִיט הֶעק אוּנ הָאבֶּען אָן גֶעהַאקְט הָאלְץ פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן בִּיז פִינְפְצֶעהְן טָאג אִין חֹדֶשׁ, אוּנ אוֹיךְ יוֹם טוֹב פְלֶעגֶען זֵייא צוּ מַאכֶען דֶעם טָאג וָואס הָאבֶּען אוֹיף גֶעהֶערְט צוּ הַאקֶען, אוּנ הָאבֶּען דֶעם טָאג גֶערוּפֶען יוֹם תְּבַר מַגָל, דָאס אִיז טַייטְשׁ, דֶער טָאג וָואס מֶען צוּ בְּרֶעכְט דִיא הֶעק, וָוארוּם פוּן דֶעם טָאג אָן, הָאט מֶען שׁוֹין מֶעהְר נִיט גֶענִיצְט דִיא הֶעק, אוּנ אוֹיף דֶעם נַייֶעם יָאהְר הָאט מֶען שׁוֹין גֶענוּמֶען נַייֶע הֶעק, אַזוֹי וִויא דֶער דִין אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז דִיא כֵּלִי וָואס מֶען הָאט גֶענוּצְט אֵיין מָאל אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען יָאהְר צוּ דֶעם זֶעלְבֶּען דִינְסְט, הָאט מֶען שׁוֹין מֶעהְר נִיט גֶענִיצְט דִיא זֶעלְבֶּע כֵּלִי, נוּר מֶען הָאט זֵיא בֶּעהַאלְטֶען אוּנ מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַ נַייֶע.

אֵיין פַייֶער אִיז דָארְט גֶעוֶוען וָואס מֶען הָאט דָאס גֶערוּפֶען מַעֲרָכָה שְׁנִיָּה, דָאס פַייֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיילְבִּירְט הָאלְץ, וָואס מֶען הָאט דֶער פוּן נוּר קוֹילֶען גֶעמַאכְט צוּ דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דֶעם גָאלְדֶענֶעם מִזְבֵּחַ אִין הֵיכָל, נוּר אוֹיף יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען ווִידֶער גֶעמַאכְט אֵיין עֶקְסְטְרָא פַייֶער, וָואס מֶען הָאט עֶס גֶערוּפֶען מַעֲרָכָה שֶׁל יוֹם כִּפּוּר, מַקְטִיר צוּ זַיין דִיא קְטוֹרֶת פוּן יוֹם הַקָּדוֹשׁ גַאנְץ בֶּעזוּנְדֶער.

דָאס אִיז דֶער מִזְבֵּחַ הַקְטוֹרֶת.



דָא וֶועלֶען מִיר בֶּעשְׁרַייבֶּען דִיא שְׁטֵיינֶער פוּן מִזְבֵּחַ.

דִיא שְׁטֵיינֶער הָאבֶּען גֶעמוּזְט זַיין גַאנְץ גְּלַאט, אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַיין בַּאצִיל וִויא אַ הָאר אוֹיף אַ שְׁטֵיין אִיז גֶעוֶוען פָּסוּל דֶער שְׁטֵיין צוּם מִזְבֵּחַ, אוּנ אוֹיב מֶענְטְשֶׁען זָאלֶען אִיהְם אוֹיס אַרְבֵּייטֶען גְּלַאט, הָאט מֶען דָאס נִיט גֶעטָארְט, נוּר עֶר

האט געמוזט גלאט בעשאפען זיין, מען האט געמוזט גיין צום ארט בקעת בית כרם אדער צום גרויסען מעער אונ דארט האט מען געמוזט גראבען טיעף נור מיט האלצערנע לאפעטעס ביז צום גרונד, האט מען דארט שוין געפונען דיא גלאטינע שטיי-נער וואס זענען געווען כשר צום מזבח, אבער מענטשען זאלען זייא גלאט מאכען האט מען ניט געטארט, ווארום עס שטייט אין דער תורה, לא תניף עליהם ברזל, דאס איז טייטש, דוא טארסט ניט גלאט מאכען מיט קיין אייזען, אונ נאך שטייט אין דער תורה, כי חרבך הנפת עליה ותחללה, דאס איז טייטש, ווייל דוא האסט דיא ארבייט מיט דיין געצייג אויף געהויבען אויף דעם שטיין האסט דוא איהם פסול געמאכט, ער מוז נור זיין בעשאפען גלאט, אונ אזוי טייטשען אלע מפרשים, אז אי-בער דעם איז פסול אפילו מיט א זילבערנע כלי, נור מיט דעם ווערימל וואס עס הייסט שמיר איז כשר, ווייל דאס הייסט בידי שמים.

אונ אונטער דעם מזבח האט מען ניט געטארט מאכען כפין על גבי כפין, דאס הייסט מען האט ניט געטארט מאכען איין טיהר איבער דיא אנדערע, אזוי וויא דאס בית המקדש איז געווען, ווארום אונטער דעם מזבח האט ניט געטארט זיין קיין חלל אפילו אויף איין טפח, נור עס האט געמוזט באהעפט זיין צו דער ערד אן איין שום צווישען שייד, אפילו אויף איין טפח איז שוין געווען פסול דאס מזבח מיט אלע קרבנות וואס מען האט מקריב געווען אויף דעם מזבח, נור ביים בית שני האט מען אזוי וויא אזוי אונטער-געגראבען דיא גאנצע ערד אונטער דעם גאנצען בית המקדש, אונ מען האט נאך געזוכט אויב עס געפינט זיך ניט דארט עפעס א שום ביין פון א טויטען מענטש, אזוי וויא דער דין איז, אז מען דארף צום ערשטען גוט בודק זיין איין פלאץ, טאמער געפינט זיך איין טמא זאך אויף דעם

פלאץ וואס מען דארף איהם צו ריינינגען, כדי א כהן זאל אויך מעגען גיין אויף דעם פלאץ אונ ער זאל ניט טמא ווערען.

איבער דעם האט מען אונטער דעם גאנצען בית המקדש נאך בעסער געמאכט, מען האט נאך צו געמאכט די כפין, דאס איז אויך געוועזען פאר די מענטשען וואס זייא זענען ניט געוועזען ביי דעם בויען אונ האבען ניט געוואוסט אויב מען האט בודק געוועזען די ערד אונ מען האט זיא צוריק צו געשיט. אויך האט מען געמאכט כפין מפני מראית עין. אבער ביי דעם מזבח האט מען ניט געטארט מאכען קיין כפין, עס וואלט דאך פסול געוועזען דאס גאנצע מזבח, אזוי וויא מיר האבען שוין אויבען פון דעם געשריבען, אז עס איז נור געוועזען איין טפח א חלל צווישען דעם מזבח איז דאס שוין געוועזען פסול, דא האט מען ניט געקוקט מפני מראית עין, אונ ווידער פאר קבר התהום איז שוין געוועזען די ערד נאך געזוכט אונ מען האט ניט געפונען קיין ביין פון איין טוידטען קערפער, איז דאס מזבח געוועזען כשר אן די כפין, ווארום ביי דעם בית שני ווען ניט די בדיקה, וואלט גאר ניט געהאלפען קיין כפין, ווייל עס איז שוין געוועזען בחזקת טומאה וואס מען האט געפונען אין יחזקאל'ס צייטען א טוידטען קאפף אונטער דעם מזבח, אונ כפין העלפט נור וויא עס איז נאך ניט דא קיין חזקת טומאה נור א ספק טומאה, אונ דאס איז טייטש קבר התהום, נור די בדיקה האט שוין געמאכט כשר כדת וכדין, אפילו לכתחלה. אונ דאס גאנצע געשטאלט פון דעם מזבח מיט די 3 שטאפלען וועט איהר זעהען אין דעם ווערק פאטאגראפיש אפ געצויגען וויא עס איז געוועזען אין דעם בית המקדש.

די בעשרייבונג פון די כלים וואס האבען געדינט ביים מזבח.

קופערנע לאפאטקעלעך איז דארט געוועזען דאס אש צו צו־

שאַרֶען הַייסֶערְהַייט אויף דֶעם מִזְבֵּחַ, דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען מַגְרֵפוֹת. אויךְ אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען גְרוֹיסֶע קוּפֶּערְנֶע קֶעסְלֶען אַרוֹים צוּ נֶעמֶען דָאס אַשׁ מִיט קִייטֶעלֶעךְ, דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען פִּסַכְתֵּר, דָארְט אִיז אויךְ גֶעוֶועזֶען קוּפֶּערְנֶע גָאפְּלֶען מִיט דְרַייא צֵיין וָואס מִיט זַייא הָאט מֶען אִיבֶּער גֶעקֶערְט דָאס פְלֵייש אויף דֶעם פַייעֶר, כְּדֵי עֶס זָאל גֶעשְׁווִינְט פַארְבְּרֶענְט וֶוערֶען. אויךְ אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען דִיא גְרוֹיסֶע קוּפֶּערְנֶע קֶעסְלֶען צוּ קָאכֶען דָאס פְלֵייש פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת, אויךְ אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען שְׁפְּרֶענְג בֶּעקִינְס פוּן נְחֹשֶׁת מְמוֹרָט, דָאס אִיז נָאךְ טַייעֶרֶער פוּן גָאלְד, מִיר וֶועלֶען דָאס מַאטֶעְרִיאַל שְׁפֶּעטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען.

דֶעם זִיבֶּענְטֶען טָאג סוּכּוֹת הָאבֶּען דִיא כֹּהֲנִים גֶעשְׁטֶעלְט אַרוּם דֶעם מִזְבֵּחַ אויף דֶעם יְסוֹד אַזֶעלְכֶע צְווַייגֶען פוּן עֲרָבוֹת פוּן עֶלְף אֵיילֶען דִיא הוֹיךְ, זֶענֶען זַייא גֶעלֶעגֶען אֵיין אֵייל אוֹיבֶּען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ, וָוארוּם דָאס מִזְבֵּחַ אִיז נוּר גֶעוֶועזֶען 10 אֵיילֶען דִיא הוֹיךְ, דָאס הָאט מֶען גֶערוּפֶען מוֹרְבִיּוֹת, אוּנ עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ צֵייכֶען אויף שִׂמְחָה.

דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא כֵּלִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דָרוֹם זַייט פוּן מִזְבֵּחַ.

צְווייא טִישֶׁען זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען וָואס זַייא הָאבֶּען פֶערְנוּמֶען בִּיז מַעֲרָב זַייט פוּן כֶּבֶשׁ הַגָּדוֹל פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן זִילְבֶּער וָואס אויף אִיהְם הָאט מֶען אַלֶע טָאג אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דְרַייא אוּנ נַיינְצִיג גָאלְדֶענֶע אוּנ זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים וָואס זַייא הָאבֶּען בַּאדִינְט צוּם קָרְבַּן הַתָּמִיד.

דֶער צְווַייטֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן מַארְמָאר שְׁטֵיין, וָואס מֶען הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען שֻׁלְחַן הַחֲלָבִים, אויף דֶעם טִישׁ הָאט מֶען אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דִיא אֵבָרִים מִיט דֶעם פֶעטְס וָואס מֶען הָאט אָן גֶעגְרֵייט אַרוֹיף צוּ לֵייגֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ, נֶעבֶּען דֶעם טִישׁ

זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען צְווייא זַיילֶען וָואס אוֹיף זֵייא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צְווייא כֹּהֲנִים מִיט צְווייא טְרָאמֵייטֶען נֶעבֶּען בֶּן אַרְזָא, וֶוען דִיא לְוִיִם זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁפִּילֶען דֶעם שִׁיר. שֶׁל יוֹם פוּן קָרְבַּן תָּמִיד אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען דוּכָן. דָארְט אוֹיף דָרוֹם זַייט פוּן מִזְבֵּחַ אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אֵיין קוּפֶּערְנֶער הַאנְדפַּאס מִיט צְוֶועלְף רֶערְרִין, כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ קֶענֶען וַואשֶׁען מִיט אֵיין מָאל צְוֶועלְף כֹּהֲנִים דִיא הֶענְד מִיט דִיא פִים, אוּנ וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶענוּמֶען הֵיילִיגֶע עֶסִין אִין דִיא הֶענְד, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעמוּזְט פְרִיהֶער וַואשֶׁען דִיא הֶענְד מִיט דִיא פִים. אִין דֶעם הַאנְדפַּאס אִיז פְרִיהֶער נוּר גֶעוֶוען צְווייא רֶערְרִין, אֵיינֶער אוֹיבֶּען אוּנ אֵיינֶער אוּנְטֶען צוּם וַואשֶׁען, דֶער נָאךְ אִיז גֶעוֶוען אֵיין כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען בֶּן קָטִין, הָאט עֶר צוּ גֶעמַאכְט אוֹיבֶּען עֶלְף רֶערְרִין אוּנ אוּנְטֶען אוֹיךְ עֶלְף רֶערְרִין, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט דַארְפֶען צוּ וַוארְטֶען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט דֶעם וַואשֶׁען, אוּנ אִין דֶער פְרִיה אַז מֶען הָאט אָן גֶעגָאסֶען דָאס הַאנְדפַּאס פוּלל הָאבֶּען זִיךְ גֶעוַואשֶׁען צְוֶועלְף כֹּהֲנִים אוֹיף אֵיין מָאל פוּן דִיא אוֹיבֶּערְשְׁטֶע רֶערְרִין, אוּנ פַאר נַאכְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען ווֵיינִיגֶער וַואסֶער אִין הַאנְדפַּאס, הָאבֶּען זִיךְ גֶעוַואשֶׁען פוּן דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע רֶערְרִין אוֹיךְ צְוֶועלְף כֹּהֲנִים מִיט אֵיין מָאל.

דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אֵיין בְּרוּנֶען וָואס מֶען הָאט בַּייא נַאכְט גֶעמוּזְט אַרָאפּ לָאזֶען דֶעם עֶמִיר וָואס מֶען הָאט מִיט אִיהם גֶעשֶׁעפְּט דִיא וַואסֶער, כְּדֵי דָאס בִּיסֶעל וַואסֶער וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען אִין עֶמִיר זָאל נִיט פָּסוּל וֶוערֶען בְּלִינָה.

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען מוּכְנִי, הָאט גֶעמַאכְט צוּ דֶער בְּרוּנֶען אֵיין רָאד מִיט אֵיין מַאשִׁין אַרַיין צוּ לָאזֶען אִין דֶער בְּרוּנֶען אוֹיף אֵיין גַאנְצֶער נַאכְט, אוּנ צוּ מָארְגֶענְס הָאט מֶען מִיט דֶער מַאשִׁין אַרוֹיף גֶענוּמֶען פְרִישֶׁע וַואסֶער צוּ וַואשֶׁען

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R.

דִיא כֹּהֲנִים דִיא הֶענְד מִיט דִיא פִּים ׃

דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶגען 10 וַואשׁ מַאשִׁינֶען וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט פוּן נְחֹשֶׁת מְמוֹרָט , וָואס דָאס אִיז נָאךְ טַייֶערֶער פוּן גָאלְד ׃

דָאס אִיז דֶער צִיוּר פוּן דִיא מַאשִׁינֶען וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען עֶשֶׂר מְכוֹנוֹת ׃



דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא עֶשֶׂר מְכוֹנוֹת ׃

דָאס אִיז אֵיין פוּסטַאמֶענְט מִיט פִיהר רֶעדֶער פוּן פִיהר אֵיילֶען לַאנְג אוּנ פִיהר אֵיילֶען בְּרֵייט אוּנ דְרַייא אֵיילֶען דִיא הוֹיךְ אוּנ אוֹיף אַלֶע פִיהר זַייטֶען אִיז גֶעוֶוען פֶערְשִׁיעדֶענֶע טַייֶערֶע פֶערְצִירוּנְג מִיט גָאלְדֶענֶע קֵייטֶעלֶעךְ וָואס דִיא פְּלַאטֶען זֶענֶען אִין זַייא גֶעהַאנְגֶען וָואס דִיא רֶעדֶער זֶענֶען אִין זַייא גֶעזֶעסֶען ׃ אוּנ אוֹיף דֶעם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דִיא גְרוֹיסֶע קֶעסְלִין פוּן אֵיין אֵייל

דיא הויך, אונ אויף זייא איז געוועזען אויס געשלאגען פערשיעדענע ציערונג אונ געשטאלטען פון לייבען, אונ אויף זייא אויבען ארום איז געוועזען אזעלכע קרוינען וואס זייא האבען זיך געשלאסען ביז צו דיא רעדער, איין האלבע איל דיא הויך, דיא זעלבע מאס וואס דיא רעדער האבען געהאט.

אזעלכע צעהן מאשינען האט שלמה המלך געמאכט וואס אין דיא קעסלען איז געוועזען וואסער אפ צו וואשען דאס אינעווייניגסטע פון דיא קרבנות, זענען געשטאנען פינף אויף דרום זייט, אונ דאס איז געוועזען עקסטרא אויף רעדער צום טראנספאטירען איין כהן צום אנדערען, כדי עס זאל ניט לאנג דויערן דיא דינסט.

דארט אין דער רעכטער זייט איז ווידער געשטאנען דער ים הנחשת, דאס איז געוועזען איין גאנץ גרויסער קופערנער וואזאן פון צעהן איילען דיא ברייט אונ פינף איילען טיעף, אונ אויבען דער ברעג איז געוועזען אזוי וויא איין רויזען בלאט אויס געבויגען רונד.

אונטער איהם איז געוועזען איין פיר קאנטיגער קאסטען פון גאלד וואס ער איז געשטאנען אויף צוועלף קופערנע אקסען, צו דרייא אקסען אויף יעדער זייט, אונ פון זייערע מיילער האט ארויס גערונען וואסער.

דא זענען צו געגאנגען אלע צוועלף כהנים דיא וואס האבען זיך געוואשען דיא הענד מיט דיא פיס מיט איין מאל, אונ אזוי האבען זייא מקדש געוועזען ידים ורגלים.

דָאס אִיז דֶער צִיוּר פוּן שֻׁלְחַן הַפָּנִים.



דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען
גֶעשְׁטַאנֶען אִין צָפוֹן זַייט פוּן מִזְבֵּחַ.

אַכְט אֵיילֶען אָבּ גֶעטְרֶעטֶען פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ אִיז גֶעוֶוען פִּיהר אוּנ צְוַואנְצִיג הַאקֶן, דִיא זֶענֶען גֶעוֶוען אִין פִּיהר שׁוּרוֹת צוּ זֶעקְס הַאקֶן אִין אֵיין שׁוּרָה.

דִיא הַאקֶן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שְׁפְּרִינְג פֶּעדֶערֶען צוּם שֶׁעכְטֶען דִיא קָרְבָּנוֹת, אַז מֶען הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ דְרִיק אִין דֶעם

רינג פון דער שפּרינג פּעדער, האָט דער רינג אַרוים געשטופּט די האַקען און דאָס האָט באַלד אַרום גענומען דעם קאָפּ פון דעם אָקס, איז ער שוין געלעגען ריכטיג, האָט מען איהם גע־קענט געשווינט שעכטען, וואָרום מען האָט ניט געקענט לאַנג האַלטען אַ בְּהֵמָה אין די עֲזָרָה, כְּדֵי זיא זאָל ניט דער וועיל פעראונרייניגען די עֲזָרָה.

נעבען דעם איז געשטאַנען אַכט מאַרמאָר שטיינערנע טי־שען אָפּ צו אַרבייטען דאָס פלייש פון די קָרְבָּנוֹת, די לענג פון יעדען טיש איז געוועזען איינס און אַ האַלב איל, און די ברייט איז אויך געוועזען איינס און אַ האַלב איל, און די הויך איז געוועזען איין איל.

נעבען די טישען איז געשטאַנען דאָס שעכט־הויז מיט אַכט נידעריגע מאַרמאָר שטיינערנע זיילען, וואָס אויף זייא פון אויבען איז געוועזען פיהר קאַנטיגע קלעצלעך מיט איין געשרויפטע האַקען נידעריגע און הויכע, און וויא ווייט איינער האָט דער־לאַנגט האָט ער אויף געהאַנגען דאָס פלייש אויף די האַקען.

פון דעם שעכט־הויז ביז צו דער וואַנד פון צָפוֹן זייט איז געוועזען אַכט איילען וואָס האָבען געשלאָסען די הונדערט און פינף און דרייסיג איילען די לענג פון דער עֲזָרָה. דאָרט אין דער זייט איז געשטאַנען די אַנדערע פינף וואַש מאַשינען פון די צעהן וואָס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ האָט געמאַכט אָפּ צו וואַשען דאָס איינעווייניגסטע פון די קָרְבָּנוֹת, אַזוי וויא מיר האָבען שוין אויבען געשריבען.

אין מַעֲרָב זייט פון דעם מִזְבֵּחַ אין די צווייא און צוואַנציג איילען ביז מַעֲרָב זייט אין דער עֲזָרָה האָט מען גערופען בֵּין אוּלָם לַמִּזְבֵּחַ, און פון צָפוֹן ביז דָרוֹם די הונדערט און פינף דרייסיג איילען, איז געוועזען היילינגער וויא דאָס אָרט פון עֶזְרַת כֹּהֲנִים, דאָרט האָט אָחָז הַמֶּלֶךְ באַפוילען צו אוּרִיָּה הַכֹּהֵן, ער

זָאל דָארְט אַרַיין שְׁטֶעלֶען דָאס מִזְבֵּחַ וָואס תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר הָאט גֶעשִׁיקְט פוּן דַמֶשֶׂק וָוען עֶר אִיז אִיהם אַקֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּנ דָארְט אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט יוֹאֵל הַנָּבִיא בַּאפוֹילֶען דִיא כֹּהֲנִים זַייא זָאלֶען אַיין זַאמְלֶען דָאס גַאנְצֶע פָאלְק אוּנ זָאלֶען בֶּעטֶען צוּ גָאט ב״ה, דֶען מֶען הָאט זַייא גֶעשְׁטְרָאפְט מִיטְ'ן הֵיישֶׁערִיק.

אַזוֹי הָאט זַייא גָאט ב״ה גֶעהָאלְפֶען, אוּנ אַזוֹי זָאל אוּנְז דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם אוֹיךְ הֶעלְפֶען, אַז דֶער גוֹאֵל צֶדֶק זָאל קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

בנין אריאל

דאס צווייטע טהייל ווערט בעשריבען דאס בית המקדש וואס שלמה המלך עליו השלום האט גיבויעט אונ וואס איז ערנייערט געווארען דארך הורדוס האשקלוני מלך ישראל, די הויכע מויערען, די טויערען, די צימערען מיט אלע כלי שרת אזוי ווי עס געפינט זיך אין ש"ס ופוסקים ראשונים ואחרונים, הויפטזעכליך פון מאנוסקריפטין פון דעם וואטיקאן אין רוים, אייגענהאנדיג אונטערשריבען פון יוסף בן גוריון הכהן, אונ די געזאנדעטע פון עגיפטען אונ טיטוס קייזער פון רוים, איך בין 4 מאהל דארט גיוועזן אונ האב דאס ארויס גישריבען פון דארט.

צווייטע טהייל

הערויס גיגעבען פון דען ערשטען אונד בארימטען פערפאססער דעם ארכיאלאגישען קאבינעטס הרב המפורסם מו"ה יהושע יוסף בהר"ר יעקב מנחם ז"ל כלבו אוים ווארשויא.

נאכדרוק פערבאטען.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' יצחק פונק בווילנא.

ווארשא. תרנ"ט.

דרוק מ. י. האלטער עט קאמפ., נאלעווקי 7

הקדמה

דָאס סֵפֶר עֶנְטְהַאלְט דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דֶער שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם וִויא אַזוֹי דִיא שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶועהְן פַאר 2638 יָאהְר אוּנ אַלֶע הֵיילִיגֶע גֶעגֶענְדֶע. אוּנ דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ ע״ה הָאט גֶעבּוֹיעט. אִין דָאס צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס דֶער קֶענִיג הוֹרְדוֹס הָאַשְׁקְלוֹנִי הָאט עֶרְנַייעט אוּנ אַלְלֶע כֵּלִים פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ דִיא טַייעֶרֶע אַרְבַּייט פוּן דִיא כֵּלִים. אוּנ צוּ וָואס מֶען הָאט יֶעדֶע כְּלִי בֶּענִיצְט. אוּנ דָאס גֶעוִויכְט פוּן דֶעם גָאלְד פוּן דִיא כֵּלִים. אוּנ דִיא קְלֵיידֶער פוּן דִיא כֹּהֲנִים אוּנ דֶער שְׁטָאף מִיט דֶעם גָאלְד וָואס אִיז גֶעוֶועהְן גֶעשְׁטִיקְט אִין דִיא קְלֵיידֶער. אוּנ דָאס מוּסְטֶער פוּן יֶעדֶען קְלֵייד עֶקְסְטִיר אוּנ צוּ וָואס אוּנ וֶוען מֶען הָאט יֶעדֶעם קְלֵייד בֶּענִיצְט. אוּנ דִיא טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער פִין דֶעם חוֹשֶׁן וְאֵפוֹד וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעטְרָאגֶען. יֶעדֶער שְׁטֵיין אִיז עֶקְסְטִיר בֶּעשְׁרִיבֶּען. וִויא יֶעדֶער שְׁטֵיין הֵייסְט. אוֹיף אַלְלֶע שְׁפְּרַאכֶען. אוּנ וִויא מֶען בֶּעקוּמְט דִיא שְׁטֵיינֶער. אוּנ דִיא אֵיינֶענְשַׁאפְט וָואס יֶעדֶער שְׁטֵיין הָאט אִין זִיךְ. פוּן יֶעדֶען שֵׁבֶט עֶקְסְטִיר. אוּנ דִיא קְרַייטֶער פוּן דִיא קְטוֹרֶת וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט מַקְטִיר גֶעוֶועהְן אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. יֶעדֶעם קְרַייטֶער וִויא מֶען בֶּעקוּמְט עֶס אוּנ וִויא מֶען רוּפְט עֶס אִין אַלְלֶע שְׁפְּרַאכֶען. אוּנ צוּ וָואס יֶעדֶעם קְרַייטֶער ווירְד בֶּענוּצְט. אוּנ דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער וָואס מֶען הָאט גֶעזֶעהֶען פוּן דִיא קְטוֹרֶת. אוֹיךְ ווירְד בֶּעשְׁרִיבֶּען אַלֶע כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען

גֶעוועֶהן פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן בִּיז דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארִין. אוּנ וָואס עֶס הָאט זִיךְ פַּאסִירְט מִיט דִיא יוּדֶען בִּיז טִיטוּס קֵייזֶער פוּן רוּים הָאט דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט דֶער שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם חָרוּב גֶעמַאכְט. דָאס אַלְלֶעס הָאבּ אִיךְ אַרוּים גֶענוּמֶען פוּן שַׁ״ס וּפוֹסְקִים רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים. אוּנ אוּים עֶנְגְלִישׁ פְרַאנְצֶאזִישֶׁע שְׁרִיפְטֶען אִיבֶּער הוֹיפְּט בִּין אִיךְ זֶעלְבְּסְט פִיער מָאהל גֶעוָועהן אִין רוּים אוּנ הָאבּ אַלְלֶעס אַרוּים גֶענוּמֶען פוּן דִיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְגֶען פוּן יוֹסֵף בֶּן גוּרְיוֹן הַכֹּהֵן. אוּנ פוּן דִיא שְׁרִיפְטֶען פוּן דִיא גֶעזַאנְדְעטֶע וָואס דֶער קֶענִיג תַּלְמַי פוּן מִצְרַיִם הָאט גֶעשִׁיקְט מֶען זָאל אַלְלֶעס בֶּעשְׁרַייבֶּען. הָאבּ אִיךְ דָאס אַלְלֶעס בֶּעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אֵיין רֵיינֶער שְׁפְּרַאכֶע עֶס זָאל יֶעדֶער קֶענֶען פַאר שְׁטֵיין. אוּנ יֶעדֶער זָאל זֶעהֶען אוֹיף וָואס מִיר הָאבֶּען צוּ קְלָאגֶען וָואס מִיר הָאבֶּען פַאר לוֹירֶען.

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R. S.

בעשרייבונג דער אלטען שטאדט ירושלים מיט דעם בית המקדש ראשון ושני.

1) דיא דריי מויערן וואס רינגלען ארום דיא שטאדט ירושלים מיט דיא צוועלף טויערן. 2) דיא שטאטור דוד פון דרום זייט מיט פייער-שפריץ פון מונד אין פינגערשפיצן פאר דעם פיינד. 3) די שטאטור אברהם פון צפון זייט דאס זעלבע פאר דעם פיינד. 4) די הויפטפלאטצע מיט דיא שטאדט ירושלים. 5) דער פלאטץ ציון מיט דעם ערשטען געבייבע מיט דיא שטוהל פון שלמה המלך ע"ה מיט דיא וואפפין צו דער געשיכטע די צוויי פרויען מיט די צוויי קינדער. 6) דער טורם דוד. 7) דער טורם ציון. 8) דער קאניגליכע פאלאסט מיט דעם געריכט-זאאל אין דער ווארטזאאל מיט דעם גרויסען גארטען (פאראדיס גענאנט). 9) דער קאניגליכע טורם אין די ציטאדעלע פון בתיה די טאכטער פון פרעה. 10) דער פאלאסט פון דער קאניגען בתיה. 11) דער אזיאטישער גארטין פון דער קאניגען בתיה איבער דעם פאלאסט. 12) דיא קליניקען פיר די פריסטערספרויען. 13) דיא בריק וואס מען האט געפיהרט וואסער אין טעמפעל אריין. 14) די בריק וואס האט געפיהרט צו דער האנדעלס גאססע. 15) דער פאלאסט דעם קאניגס הורדוס. 16) דער טורם אנטיוכוס 17) פאלאסט דעם רוימישען קאנסולס. 18) טורם פון דעם רוימישען פרינ' אנטוניניוס מארקוס. 19) דיא בריק וואס פיהרט צום טורם פון אנטונינוס מארקוס. 20) דיא קונסטבריקקע וואס צום אליווענבערג פיהרט צו צוועקקע דעם ראטהען אפפער. 21) דער בארג מוריה מיט דער קונסט מויער ארום פון דיא גרויסע שטיינער צו פירציג איילען הויך. 22) די שטיגען מיט די בריקקע וואס צו דער וויסטע יריעל פיהרט צום צוועקק דעם ציג לעזאזל פיהרט אום יום כפור. 23) די קאראללענבריקקע מיט גאלדענעם באך פון קאניגליכען פאלאסט וואס צום טעמפעל פיהרט

24) די אנקופטהאללע אויף דעם בארג מוריה פיר דען קאניג שלמה פון דער קאראללענבריקקע. 25) דרייא שאנצען אויף דעם בארג מוריה צו שיצען דעם טעמפעל פיר דעם פיינד, אונ די וואסערלייטונג פיר געברויך צום טעמפעל. 26) די מויער (חומת הר הבית) מיט פינף טויערן אונד גאלדענע גאללעריען מיט ברילאנטענע שייבין, פענסטער מיט גאלדענע ראמען אונד ווייסע מארמאר זיילען מיט גאלדענע קאפיטאלען מיט פער־שידענע צימערן (לשכות). 27) דאס גאלדענע טויער שושן מיט דיא אויסגעשניצטע שטאדט איבער דעם טויער. 28) דיא צווייא זילבערנע טויערן חולדה גענאנט. 29) דאס קריסטאהל טויער קיפוניות גענאנט. 30) די אבערצימערן איבער דיא מויער פיר די פריסטער, לעוויטען וואס דעם טעמפעל היטען. 31) דיא אינוויינגסטער מויער פון הר הבית מיט דיא לאושען אונד בענק פיר דיא אלטע לייט צום זיטצען. 32) דיא לאמפען אין חצר הבית וואס זייא האבען בעלייכ־טעט דיא גאנצע שטאדט ירושלים דיא צווייטע נאכט סוכות. 33) די אפענע האללע אין חצר צום פערברענען איין אפפער וואס איז טמא געווארען (בית הבירה גענאנט). 34) דיא האללע פון דיא ערשטע קלאססע סנהדרין. 35) דאס בעט-הויז וואס דאס פאלק האבין דארט דעם מארגענס קריאת שמע געזאגט (בית הכנסת גענאנט). 36) דיא טרעפין וואס האבען ארויף געפיהרט אין דיא פרויען האללע. 37) דיא גאלדענע גאללעריען איבער דיא פרויען האללע וואס דיא פרויען דארט דיא צווייטע נאכט סוכות געשטאנדען זינד. 38) דיא פיער האללען אונד דיא פרויען האללע (חצרות קטורת גענאנט). 39) דיא צווייטע קלאססע סנהדרין אין עזרת נשים. 40) דיא טראהן האללע וואס דער קעניג איין מאהל אין זיבען יאהר שמיטה דיא פרשה פארגעלעזען האט. 41) דיא פינפצעהן טרעפין וואס מען האט פינפ־צעהן קאפיטעל תהלים געזונגען אונ געשפיעלט. 42) דרייא האללען אונטער איין דאך וואס אויבען דיא קינסטלערישע מקוה פיר דעם

כהן גדול אויף יום כפור אין קדשי קדשים אריין צו גיין (בית הפרוכת). 43) דיא גרויסע האללע בית המוקד מיט דיא פיער איינגעוויינקעלטע קליינע האללען. 44) דיא מויער ארום דעם טעמפעל מיט דיא זיבען טויערן אונד דרייצעהן טירען מיט דרייצעהן פרוכתין אונד גאלד גאללעריען. 45) דאס ערשטע טויער פון נחושת ממורט (ניקנור געגאנט). 46) דרייא טויערן פון דרום זייט פון דיא עזרה מיט דיא פארהאללען. 47) דער פארפלאטץ פאר דער מויער מיט דיא געפלאכטענע גאללעריע (חיל וסורג גענאנט). 48) דער צווייטער טהייל אין טעמפעל (עזרת ישראל גענאנט). 49) דער דריטטער טהייל אין טעמפעל (עזרת כהנים גענאנט). 50) דאס שעכט-הויז מיט דיא אכט זיילען אויף צו הענגען דאס פלייש פון דיא קרבנות. 51) דיא אכט מארמארטישען אפ צו ארבייטען דאס פלייש פון די קרבנות. 52) דאס שטיינערנע מזבח וואס מען האט מקריב געוועזן קרבנות. 53) דער ים הנחושת אויף דיא צוועלף אקסען וואס פון דיא מאהלער האט גערינען וואססער אונ עס האבען זיך געוואשען צוועלף כהנים אויף איין מאהל. 54) דיא טרעפין וואס האבען ארויף געפיהרט אין אולם אריין. 55) דיא גרויסע אפנונג פון דעם אולם מיט פיער טירען אין היכל אריין. 56) דאס היכל אין דאס קדשי קדשים מיט דיא אכט אונ דרייסיג תאים. 57) דער בריללאנטענער קאמפוס וואס הילני המלכה האט געשענקט שטאטט איין זונן זייגער (נברשת זהב נוצץ גענאנט). 58) דער גאלדענער דאך פון היכל מיט דעם קדשי קדשים מיט שפיזען דאס דיא פייגעל זאלען דעם דאך נישט פאר אונרייניגען (כליא עורב גענאנט). 59) דיא גאלדענע גאללעריע פון דעם אולם מיט שפיצען, אויך פאר דיא פייגעל. 60) דאס אוים ערוועהלטע ארט מיט דעם כהן גדול וואס ער האט פאר ברענט דיא פרה אדומה.

דאס אלעס האב איך ארוים גענומען פון פערשיעדענע שריפ-

טען איבער הויפט פון מאנוסקריפטען פון וואטיקאן אונ האב דאס אללעס פון פערשיעדענע מאטעריאלען דורך קינסטלערישע הענדע דארשטעלען לאסען. נישט דורך איין פערגראססערונגס גלאז צוא זעהען, נאר איין נאטירליכעס געביידע וועלכעס איך 9 יאהרע גע־ארבייטעט האבע, אונד 4 מאהל רוים בעזוכט וועגען די מאנוסקריפ־טען אין וואטיקאן קענען צו לערנען, אונ דיא אללע צוא זאממען געזאמעלטע שריפטען האב איך אין העבראישער אויך אין דייטשער שפראכע איין ווערק הערוים געגעבען. אויך האבע איך מיין געביידע פאטאגראפיש אבצייכנען לאססען אונד דיא בילדער אין נאטירליכע פארבען ארוים געגעבען וועלכע דיא אללע גרויסע געלעהרטע פאן דער יעצטיגער צייט וועלכע דיא געביידע אונד דאס מאנוסקריפט ביי מיר געזעהען האבען אונד מיט מיר געשפראכען, דיא האבען מיר שריפטליך איהרע צו שטיממונג געגעבען. איך בין אין דער זיכערער האפנונג, וועלכער מיין ווערק לעזען ווירד אונ די בילדער אנזעהען, זא ווירד דאס איהם געוויס איין גראסעס פערגניגען מאכען.

יהושע יוסף כלבו אוים ווארשוי.

פערפאססער פאן דער ערשטען בערימטעסטען ארכעלאגישען אויסשטעללונג.

1.

איבערזעטצט פאן דיא שריפטען פון דיא געזאנדעטע פאן עגיפטען.

דיא געזאנדעטע פון עגיפטען האבען איהרען קעניג תלמי פון עגיפטען געשריבען. אזוי וויא מיר האבין גירייזט. האבין מיר גיטראפין איין שטאט וואס זיא הייסט דיא גרויסע שטאט ירושלים לויט וויא מיר האבען דיא שטאט בעמערקט איז דיא שטאדט

גרויס 40 קוואדראט מיילען. איהרע הויפט פלעטצע מיט איהרע גאססען זינד געבויעט אויף בערגע. דיא שטראססען אונ דיא גענגע שליסען זיך הערום דער גאנצער שטאדט. אויך זינד דיא גענגע מיט פיעלע טרעפפע געמאכט איינע אונטער דער אנדערע דאמיט מען זאל קענען געהן נידריגער אונ העכער. עקסטרא איז געוועהן גענגע פיר דיא וואס זענען געוועהן אפ געהיט פון טומאה דאמיט זייא זאלען זיך ניט אן ריהרען מיט די מענשען וואס זענען ניט געוועז אפ געהיט לויט יודישע געזעטצע.

2.

דיא שטאדט ירושלים מיט איהרע שטראסען. אללע גרויסע מויערן. הויכע טורמען. אונד דיא טויערן וואס שלמה המלך עליו השלום האט געבויעט.

דער 1. טויער האט געהייסען שער אברהם. דאס הייסט דער טויער פון אברהם. ווייל השם יתברך האט איהם געבאטין ער זאל אוועק געהן פון זיין פאטער תרח. איז ער דאס ערשטע מאהל געקומען קיין ירושלים איז ער אריין געגאנגען אין דער שטאדט אויף דעם ארט אונ האט געהייליגט דיא גאנצע שטאט. איבער דעם האט שלמה המלך ע"ה גערופען דעם טויער שער אברהם.

דער 2. טויער האט געהייסען שער דוד ווייל אויף דעם ארט איז שמואל הנביא דאס ערשטע מאהל געקומען צו דוד המלך ע"ה אונ האט איהם נבואות געזאגט אז עס וועט געבויעט ווערען איין בית המקדש אונ עס וועט אן גערופען ווערין בית דוד אזוי האט ער גלייך געשיקט צו ארונה היבוסי ער זאלל איהם דעם פלאטץ מיט דעם בארג מוריה פאר קויפען. האט ארונה ניט געוואלט פאר קויפען. אזוי האט דוד המלך מיט איהם קריג געפיהרט אונ האט דעם פלאץ מיט דעם בארג מוריה עראבערט אונ האט אויף געשטעלט איין גרויסען טהורם אויף איין אנדענקען אונ האט איהם גערופען מגדל דוד אונ האט באלד געהייליגט

דיא גאַנְצֶע שְׁטָאט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה גֶערוּפֶען דֶעם טוֹיעֶר שַׁעַר דָוִד.

דֶער 3. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר צִיוֹן וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה גֶעקוֹיפְט דֶעם פְּלַאטְץ צִיוֹן פוּן אֲרַוְנָה עֶר הָאט שׁוֹין יֶעצְט פַאר אִיהְם פוֹרְכְט גֶעהַאט אַזוֹי הָאט עֶר אִיהם דֶעם פְּלַאץ צִיוֹן פַאר קוֹיפְט פִיר פִיל גָאלְד דַאמָאלְס הָאט מֶען נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען קֵיין קָאנְטְרַאקְטֶען נָאר עֶס אִיז גֶעוֶועהן דֶער מִנְהָג דֶער וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט אֵיין פְּלַאטְץ הָאט גְלַייךְ גֶעמוּזְט אוֹיף בּוֹיעֶן אֵיינֶע גֶעבֵּיידֶע. אַזוֹי הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה אֵיין נַייעֶם מְהוּרְם אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט פַאר אֵיין צֵייכֶען. אוּנ הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען מִגְדַל צִיוֹן. אוּנ הָאט בַּאלְד דָאס אָרְט מִיט דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאדְט גֶעהֵיילִיגְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה גֶערוּפֶען דֶעם טוֹיעֶר שַׁעַר צִיוֹן.

דֶער 4. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר יְהוֹשָׁפָט. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט צוּ טֵיילֶען זִיךְ דִיא טָאהלֶען. פוּן אֵיין זַייט אִיז דֶער טָאהל יְהוֹשָׁפָט. אִין דֶער אַנְדֶערֶער זַייט גֶעהט אֵיין וַואסֶער וָואס עֶס הֵייסְט נַחַל קִדְרוֹן. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה דֶעם טוֹיעֶר גֶערוּפֶען שַׁעַר יְהוֹשָׁפָט.

דֶער 5. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הַשְּׁבָטִים. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט יְהוֹשֻׁעַ דָאס לַאנְד צוּ טְהֵיילְט צוּ דִיא 12 שְׁבָטִים עַל פִּי גוֹרָל, וָואס דֶער גוֹרָל הָאט אַרוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען אִיךְ בִּין פוּן דֶעם שֵׁבֶט אוּנ יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס אָרְט מִיט דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה גֶערוּפֶען דֶעם טוֹיעֶר שַׁעַר הַשְּׁבָטִים.

דֶער 6. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הָעַמּוּדִים. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט דָאס טַייעֶרֶע הָאלְץ אוֹיף דִיא צְווייא גְרוֹיסֶע זַיילֶען וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהן אִין בֵּית הַמִּקְדָשׁ. אֵיין זַיילֶע הָאט גֶעהֵייסֶען יָכִין. אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הָאט גֶעהֵייסֶען בּוֹעַז. אוּנ אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט מֶען דִיזֶע זַיילֶען גֶעאַרְבֵּייט. אוֹיךְ אִיז

בייא דעם טויער געמאכט צוויא זיילען. אויף איין אנדענקען. אונ מען האט דאס אָרט אונ דיא גאנצע שטאט ירושלים געהיילינט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה דעם טויער גערופען שער העמודים.

דער 7. טויער האט געהייסען שער האריות. ווייל אויף דעם אָרט האט דניאל ע״ה געבעטען צו גאט ברוך הוא ווען דער מלך נבוכדנצר האט איהם געהייסען ווארפען אין לייבען גרוב, אונ דער נאך אז ער איז ניצול געווארען פון דיא לייבען. איז ער געקומען אויף דעם אָרט אונ האט דאס אָרט מיט דער גאנצער שטאט געהיילינט. איבער דעם האט שלמה המלך דעם טויער גערופען שער האריות.

דער 8. טויער האט געהייסען שער שכם. ווייל אויף דעם אָרט האבען דיא ברידער שמעון ולוי אין איין טייל אונטער דער ערד בעהאלטען דאס גאלד אונ זילבער וואס זייא האבין ערָאבערט פון דער שטאט שכם. ווען זייא האבען זייא אויס געהרגעט פאר זייער שוועסטער דינה. אונ האבען דאס אָרט אונ דיא גאנצע שטאט געהיילינט אונ דאס גאלד אונ זילבער האבין זייא מקדיש געוועהן אויף איין בית המקדש אונ דוד המלך ע״ה האט דאס אויף געגראבען. אונ האט דאס גאלד אונ זילבער בעהאלטען צווישען דעם גאלד וואס האט גיהערט צוא דעם בית המקדש. איבער דעם האט שלמה המלך עליו השלום דעם טויער גערופען שער שכם.

דער 9. טויער האט געהייסען שער המים. ווייל אויף דעם אָרט האט מען געגרינדעט דיא מאשינען פון דער וואסערלייטונג וואס איז געוועזען אין דער גאנצער שטאט ירושלים אונ אונטער דעם בית המקדש. אזוי וויא איך וועל ווייטער שרייבען בייא דעם בית המקדש. האט מען דאס אָרט אין דיא גאנצע שטאט געהיילינט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה דעם טויער גערופען שער המים.

דֶער 10. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר יְכָנְיָה. וַוייל דֶער קֶענִיג יְכָנְיָה אִיז גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל קַיין יְרוּשָׁלַיִם. אִיז עֶר גֶעקוּמֶען בִּיז דֶעם אָרְט. אוּנ הָאט וַוייטֶער נִיט גִיקֶענְט גֶעהְן. אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּרִיק קֶעהרִין. הָאט מֶען דָאס אָרְט מִיט דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט גֶעהֵיילִיגְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה דֶעם טוֹיעֶר גֶערוּפֶען שַׁעַר יְכָנְיָה.

דֶער 11. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר יָפוֹ. וַוייל דִי טָאהלִין נֶעבֶּען דֶעם טוֹיעֶר זֶענֶען גֶעוֶועהן זֶעהר שֵׁיין. אוּנ זֶעהְר גוּט. הָאבֶּען אַלֶע יוּדֶען נָאר גֶערוּהְט בַּייא דֶעם טוֹיעֶר. אוּנ וַוייל דֶער שַׂאטְין אִיז גֶעוֶועזֶען זַייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּנ זַייעֶר גוּט. הָאבִּין זַייא דֶעם טוֹיעֶר צוּם שֶׁענְסְטֶען פַאר צִירְט אוּנ הָאט דָאס אָרְט אוּנ דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט גֶעהֵיילִיגְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה דֶעם טוֹיעֶר גֶערוּפֶען שַׁעַר יָפוֹ.

דֶער 12. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הַבְּכוֹרוֹת. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ ע״ה אָפּ גֶעקוֹיפְט דִיא בְּכוֹרָה בַּייא זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו פַאר דִיא אוֹיס גֶעזָאטֶענֶע אַרְבִּים. הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ ע״ה בַּאלְד דָאס אָרְט מִיט דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט גֶעהֵיילִיגְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם דֶעם טוֹיעֶר גֶערוּפֶען שַׁעַר הַבְּכוֹרוֹת.

3.

דִיא גַאסֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם. אוֹיס דֶער בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן נַדְבָן הָרוֹמִי. דִיא גַאסֶען וָואס זֶענֶען אִין דֶער הֵייךְ אִיז גֶעוֶועהן 9 אוּנ דִיא גַאסֶען וָואס זֶענֶען אִין טָאהלֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן 2636 גֶעהֵייסֶען הָאבֶּען זַייא נָאךְ דֶעם אַלֶף בֵּית אוּנ נָאךְ דֶעם אַ״ת בַּ״ש.

דִיא 1. גַאסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הָעֶלְיוֹן, דִיא גַאסֶע אִיז גֶעוֶועהן דִיא הֶעכְסְטֶע גַאסֶע פוּן גַאנְץ יְרוּשָׁלַיִם, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הָעֶלְיוֹן דָאס אִיז טַייטְשׁ אֵייבֶּערְשְׁטֶע גַאסֶע.

דִיא 2. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הָעֲסָקִים, אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין אָרְט עֶקְסְטִיר וָואס אַלֶע גֶעשֶׁעפְטִין פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט הָאבֶּען גֶעמוּזְט דָארְטֶען גֶעשְׁלָאסֶען וֶוערְדֶען. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הָעֲסָקִים דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן גֶעשֶׁעפְטִין.

דִיא 3. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַבְּשָׂמִים אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער הַאנְדֶעל פוּן בְּשָׂמִים, פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם הַאנְדְלֶען בְּשָׂמִים. הָאט מֶען נָאר דָארְט גֶעהַאנְדֶעלְט, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַבְּשָׂמִים, דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן בְּשָׂמִים.

דִיא 4. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַחֲתָנִים, אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועזֶען עֶקְסְטְרֶע גֶעבֵּיידֶען אוֹיף חֲתוּנוֹת צוּ מַאכֶען רַייכֶע אוּן אָרֶעמֶע כַּלוֹת אוּנ חֲתָנִים הָאט מֶען אַלֶע דָארְט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַחֲתָנִים דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן חֲתוּנוֹת.

דִיא 5. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַיְרָקוֹת. אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועהְן דֶער גְרוֹיסֶער מַארְק פוּן אַלֶע גְרִינְצַייגֶע. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַיְרָקוֹת דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן גְרִינְצַייג.

דִיא 6. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הָאוֹרְחִים. אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועזֶען עֶקְסְטְרֶע הַייזֶער וָואס אַלֶע אוֹרְחִים פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען זֵייא דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען מֶען הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען בֶּעט-צַייג מִיט אַלֶער בֶּעדִינוּנְג אוּמְזָאנְסְט, לוֹיט יוּדִישֶׁער גֶעזֶעטְצֶע הָאט מֶען נִיט בֶּעדַארְפְט צוּ נֶעמֶען גֶעלְד, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הָאוֹרְחִים, דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן אוֹרְחִים.

דִיא 7. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַשְּׂמָחוֹת. דִיא גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועזֶען נֶעבֶּען בֵּית עָלְמִין. אַז מֶען אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען פוּן

דֶעם בֵּית עָלְמִין, הָאט מֶען אוֹיף דֶער גַאסְסֶע גֶעמַאכְט דִיא שׁוּרָה וָואס דֶער אָבֵל ר״ל גֶעהט דוּרְךְ נָאךְ הַלְוָיַת הַמֵּת, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַשְּׂמָחוֹת מִיר זָאלְלֶען הָאבֶּען פְרֵייד.

8. דִיא גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַקְדָרִים דָארְט אִיז גֶעוֶועןְ דֶער הַאנְדֶעל פוּן אַלְלֶע טֶעפֶּער, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַקְדָרִים. דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן טֶעפְּפֶער.

9. דִיא גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַדָגִים. אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועןְ דֶער גְרוֹיסֶער מַארְק פוּן פִּישׁ, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַדָגִים. דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן פִּישׁ.

4.

ווירד פאַר געשטעלט דאָס הויז וואָס מען האָט אויף גענומען דיא עדות לקידוש החודש.

אִין דֶעם הוֹיז וָואס מֶען הָאט דִיא עֵדוּת אוֹיף גֶענוּמֶען לְקִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אַטְהֵייל פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין וואו זַייא הָאבֶּען אוֹיף גֶענוּמֶען דִיא עֵדוּת וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זָאגֶען אַז זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אוֹיף גֵיין דִיא נַייעֶ לְבָנָה, מֶען זָאל וִויסֶען פִּינְקְטְלִיךְ וֶוען דֶער מוֹלָד אִיז אוּנ וֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז, אוּנ מֶען זָאלל וִויסֶען וֶוען עֶס גֶעפַאלְט יוֹם טוֹב, וַוייל דַאמַאלְס אִיז מֶען נִיט בֶּעקַאנְט גִיוֶועהן אִין דִיא חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן מוֹלָדוֹת נָאר דוּרְךְ דִיא עֵדוּת הָאט דָאס בֵּית דִין מְקַדֵשׁ גֶעוֶועהן דֶעם נַייעֶם חוֹדֶשׁ.

5.

ווירד פאַר געשטעלט דער טורם, אָדער דאָס גיוועהר הויז וואָס מען האָט עס גערופען מגדל אַנטונינוס מאַרקוז.

דָאס גִיוֶועהר הוֹיז פוּן דִיא יוּדֶען הָאבֶּען דִיא חַשְׁמוֹנָאִים גֶעגְרִינְדֶעט אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעהַאלְטֶען דִיא קְלֵיידֶער פוּן דֶעם

כֹּהֵן גָדוֹל, נָאךְ דֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ הוֹרְדוֹס דֶעם טוּרְם פַאר בֶּעסֶערְט, אַז דֶער טוּרְם זָאל שִׁיצֶען דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנ הָאט גֶעמַאכְט גַאנְץ אוֹיבֶען אַיין קֶאנִיגְלִיכֶע וָואהנוּנְג אוּנ הָאט דֶעם טוּרְם גֶערוּפֶען מִגְדַל אַנְטוֹנִינוּס מַארְקוּז, אוֹיף דֶעם נָאמֶען זַיין פְּרַיינְד אַנְטוֹנִינוּס, זָאהְן אֶפִּיפִיוּס קֵייזֶער פוּן רוֹים.

6.

ווירד פֿאַר געשטעלט דער גרויסער פּאַליץ פֿון דעם קעניג הורדוס.

דֶער פַּאלִיץ פוּן דֶעם קֶענִיג הוֹרְדוֹס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען 2000 אֵיילֶען פוּן דֶעם טוּרְם אַנְטוֹנִינוּס 4 שְׁטָאק הוֹיךְ אוּנְטֶען אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער גְרוֹיסֶער שְׁפַּאצִיר פַּאר דִיא הֶערְרֶן וָואס הָאבֶּען בַּאדַארְפְט צוּם קֶענִיג, דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען גְרוֹיסֶע וַוייסֶע מֶערְמִיל שְׁטֵיינֶערְנֶע זַיילֶען אוּנ מֶערְמִיל שְׁטֵיינֶערְנֶע שְׁטִיגֶען מִיט טַייעֶרֶע פַארְצִיערוּנְגֶען, דָאס הָאט גֶעהֵייסֶען דִיא וַוארְט זַאאַלֶע, אוּנ אִיבֶּער דִיא טַייעֶרֶע וָואהנוּנְגֶען אִיז גֶעוֶועהן צְווֵיי גָאלְדֶענֶע דָאכֶער וָואס דָארְט הָאט גֶעוואוֹנְט דֶער קֶענִיג הוֹרְדוֹס.

7.

ווירד פֿאַר געשטעלט דיא קינצלערישע וואסערלייטונג פֿון דער שטאָדט ירושלים.

אוּנְטֶער דֶער עֶרְד פוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאדְט אִיז גֶעוֶועזֶען זָאלְכֶע קַאנַאלֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן, זֵייא זֶענֶען גֶעוֶועזֶען פַאר פֶעסְטֶעטְט מִיט בְּלַייא אוּנ אוֹיבֶען מִיט עֶרְד, דִיא וַואסֶערְן זֶענֶען אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען גַאנְץ הוֹיךְ, דָאס וַואסֶער הָאט מֶען בַּאנִיצְט צוּ דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אָפּ צוּ וַואשֶׁען דִיא בְּרִיק פוּן דֶעם בְּלוּט פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת, אִיבֶּער הוֹיפְּט הָאט דִיא וַואסֶער לֵייטוּנְג גֶעשִׁיצְט דִיא דְרַייא פֶעסְטוּנְגֶען וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם דִיא מוֹיעֶרְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אַז דֶער פַיינְד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַיין אָרְט 22 יָאהְר אוּנ הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען מִיט דִיא יוּדֶען, אוּנ הָאט נִיט גֶעקֶענְט אַרַיין קוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען זָאלְכֶע בֶּעהַאלְטֶענֶע רִינֶגעל וָואס עֶס הָאט קֵיין

איינציגער ניט געוואוסט דיא אפנונג, נאר דיא כהנים אונ לוים. ווען דער פיינד איז שוין גאר ארויף אויף דעם פעסטונג האט מען דיא געהיימע ריגעל ארוים געצויגען האט זיך געעפינט דיא גאנצע וואכסער לייטונג, וואס האט געצויגען וואסער פון דעם טייך וואס מען רופט איהם נחל קדרון, וואס ער שליסט זיך מיט דעם גרויסען מעער, אזוי האט דאס וואסער באלד פאר־טרונקען דעם גאנצען פלאטץ מיט דיא מענשען אונ דאס געוועהר. ביז אין צוויא שטונדען האט מען ניט אן געזעהען וויא דאס גאנצע חיל איז אהין געקומען, אונ דער נאך האבען זייא געהאט איינע אפנונג וואס מען האט דאס וואסער אפ געלאזט.

8.

וויִרד פאר געשטעלט דער גרויסער טורם פון אנטיוכוס.

דער טורם פון אנטיוכוס, איז געוועען צו שיטצען פאר דעם פיינד, דער טורם איז געוועען מיט שטיינער פון 40 איילען הויך, אונ מיט פערשיעדענע גיוועהרין, דארט האט מען געהאלטען דיא אללע זאכען וואס מען האט אוועק גענומען ביי דעם פיינד.

9.

וויִרד פאר געשטעלט דער רוימישער פאליץ מיט דעם רעמישען קאנסול.

ביי דעם צווייטען בית המקדש איז שוין דיא שטאדט ירושלים געוועזען אונטערן שוטץ פון דעם רוימישען קייזער, אונ ער האט דארט געהאלטען איין קאנסול.

10.

וויִרד פאר געשטעלט דיא געוויינערין הייזער.

עס איז געוועזען 40 הייזער וואס דיא ווייבער פון דיא כהנים אז זייא האבען באדארפט צו האבען דיא קינדער זענען זייא געקומען אין דיא הייזער אונ האבען דארט געהאט דיא קינדער אונ מען האט זייא דארט אויף געצויגען ביז 8 יאהר,

מֶען הָאט זִיךְ מִיט דִיא קִינְדֶער בֶּעדִינְט צוּ דָעם אַשׁ פוּן דָער פָּרָה אֲדוּמָה אוּנ סוּכּוֹת צוּ נִיסוּךְ הַמַּיִם.

11.

ווירד פאַר געשטעלט דיא טעבנישע הייזער.



עֶס אִיז גֶעוֶועֶן 20 הַייזֶער וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶעלֶערְנְט פֶּערְשִׁיעדֶענֶע מְלָאכוֹת, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט מֶען דָארְט

געלערנט שיסען, ציעלען מיט איין פייל, דען עס איז געוועזען דיא געזעטצע אז איין יונגער כהן האט געוואלט ווערען איין מיט־גליעד ער זאל מאכען דיענסט מיט דיא כהנים, האט ער געמוזט ביא לעגען אנזאמען פון געשיקליכקייט, איז געוועזען דארט איין הויכער טורם פון 100 איילען, איז אויף דעם טורם געשטאנען איין כהן אונ האט געהאלטען איין האר אין דער האנד אונ אז דער יונגער כהן האט פון אונטען געציעלט אין דער האר אונ האט דיא האר מיט דער פייל געשפאלטען האט מען איהם שוין צו גענומען צו דיא כהנים, אונ אז ניט האט ער געמוזט צוריק געהן צו דיא פרחי כהונה, אונ האט געווארט ביז יו"ט, דען דיא פראבע האט מען אללע יו"ט געמאכט, ווען מען איז געקומען עולה רגל זיין האט מען באדארפט מעהר כהנים וויל עס איז געקומען מעהר מענשען פון דיא גאנצע וועלט מקריב זיין קרבנות.

12.

ווירד פאר געשטעלט דיא שפיטאלער.

עס איז געוועזען 40 קראנקען הייזער פאר ארעמע אונד רייכע, מיט אללע פערשיעדענע דאקטוירים מיט אפטייקען מיט פיעל רעטונג פיר צופאל עס זאל שנעלל צו געהן.

13.

ווירד פאר געשטעלט דיא יתומים הייזער.

עס איז געוועזען 12 ווייזען הייזער, דאס הייסט פאר ארעמע יתומים, בלינדע שטומע אונד קרומע, מען האט זייא פערזארגט מיט אללע באדערפניש ביז זייא זענען געזונד געווארען, אונ ביז זייא זענען אהיים געגאנגען, האט מען דארט זייא גיפלעגט.

14.

ווירד פאר געשטעלט דיא בתי מדרשים.

400 בתי מדרשים איז געוועזען אין ירושלים, גרויסע ישיבות

מִיט רַבָּנִים אוּנ פַּאר מִיטְלֶע, אוּנ פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶועןְ עֶקְסְטִיר.

15.

ווירד פָּאר געשטעלט דער הר הזיתים.

2000 אֵיילֶען וַוייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען דֶער אַלְיוֶוען־בֶּערְג, דָאס אִיז דֶער הַר הַזֵיתִים. אוֹיבֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג אִיז גֶעוֶוען אֵיין עֶקְסְטִיר אָרְט צוּ פַאר בְּרֶענֶען דִיא פָּרָה אֲדוּמָה. צוּ דֶעם אַשׁ הָאט מֶען בֶּענִיצְט דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא כֹּהֲנִים פָּאר 8 יָאהְר, וָואס מֶען הָאט זֵייא אוֹיף גֶעצוֹיגֶען אִין דִיא קְלִינִיקֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיבֶען גֶעשְׁרִיבֶּען. זֵיי הָאבֶּען גֶעטְרָאגֶען דָאס אַשׁ אִיבֶּער דֶער קִינְצְלִירְשֶׁער בְּרִיק, עֶס זָאל נִיט שַׁאדֶען קֵיין קֶבֶר הַתְּהוֹם. דֶען אֵיין קֶבֶר פוּן אֵיין מֵת אִיז מְטַמֵא דָאס אַשׁ, אוּנ דִיא בְּרִיק וֶועל אִיךְ וַוייטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען.

16.

ווירד פָאר געשטעלט דיא הייליגע קברים וואָס זענען ארום דעם הר הזיתים. פון דיא נביאימס צייטען ביז היינטיגען טאָג.

1. קִבְרֵי מַלְכוּת בֵּית דָוִד אוֹיף דֶעם בַּארְג צִיּוֹן. 2. דֶער קֶבֶר פוּן חוּלְדָה הַנְבִיאָה ע"ה. 3. דֶער קֶבֶר פוּן רַבֵּינוּ מָרְדְכַי. 4. דֶער קֶבֶר פוּן רַבֵּינוּ קְלוֹנִימוּס (עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל אִיהְם נָאךְ זַיין לֶעבֶּען פַארְשְׁטֵיינֶען זָא הָאט מֶען עֶס אוֹיךְ גֶעטְהוּן). 5. קֶבֶר פוּן הָרַב גֶט פָּשׁוּט. 6. דֶער שְׁטֵיין וָואס דִיא כַּשְׂדִים הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם גֶעשָׁאכְטֶען (אָהְנֶע צָאהל) יוּדִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה הַנָבִיא. 7. דֶער גְרוּבּ (וָואס מֶען הָאט דָארְט אַוֶועק גֶעגָאסֶען בְּלוּט פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת) אָדֶער פוּן דִיא הֲרוּגִים פוּן נְבוּזַרְאֲדָן. 8. דָאס קֶבֶר פוּן הָאִשָּׁה בֵּיילָא אֵשֶׁת הַגָאוֹן בַּעַל הסמ"ע. 9. דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בַּעַל זֶרַע אַבְרָהָם. 10. דָאס פְּרַייהוֹיז פוּן עוּזִיָהוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען

מְצוֹרָע (דָארְט אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען בִּיז זַיין שְׁטַארְבֶּען). 11 דָאס קֶבֶר פוּן עוּזִיָהוּ אִין זַיינֶעם גַארְטֶען. 12 דֶער דֶענְקְמַאהל פוּן אַבְשָׁלוֹם וֶועלְכֶעס עֶר הָאט אִיהְם זִיךְ פָאר בֶּעְרַייטֶעט בַּייא זַיין לֶעבֶּען. 13 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב מהר"ם גַאלַאנְטִי. 14 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַגָאוֹן מהר"ח אַבּוּלַפְיָא. 15 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב דִי לוֹנְזָאנוֹ. 16 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי חָדָשׁ. 17 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי תוֹאַר. 18 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב חָזוֹן נַחוּם. 19 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בָּתֵּי כְּהוּנָה. 20 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב אַדְמַת הַקוֹדֶשׁ. 21 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי הָאָרֶץ. 22 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי הָאֲדָמָה. 23 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב שְׁמַע יַעֲקֹב. 24 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב נֶחְפָּה בַּכֶּסֶף. 25 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב גֵט מְקוּשָׁר. 26 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בֵּית לֶחֶם יְהוּדָה. 27 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַמוּפְלָג ח"ק מהר"ח ן' עִיטָר. 28 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַ"ב ר' גְדַלְיָהוּ חַיּוֹן. 29 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב מו"ה שָׁלוֹם שַׁרְעַבִּי. 30 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַגָדוֹל מו"ה אַבְרָהָם חֲנַנְיָה תַּלְמִידוֹ שֶׁל מהרי"ט הַזָקֵן. 31 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בַּעַל קָרְבַּן אַהֲרֹן. 32 דָאס קֶבֶר פוּן זַיין זָאהן מו"ה דָוִד ז"ל. 33 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַצַּדִיק מו"ה גֶרְשׁוֹן ז"ל קִיטִיבִיר (וֶנֶכְדוֹ). 34 דִיא הֵייל פוּן ר' יְהוּדָה הֶחָסִיד. 35 דִיא הֵייל פוּן דִיא נְבִיאִים חַגַי זְכַרְיָה וּמַלְאָכִי. 36 דָאס קֶבֶר פוּן יְשַׁעְיָה הַנָבִיא. 37 דִיא הֵייל פוּן כַּלְבָּא שָׂבוּעַ. 38 דִיא הֵייל פוּן נַקְדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן. 39 דִיא הֵייל פוּן שִׁמְעוֹן הַצַּדִיק. 40 דִיא הֵייל פוּן 70 סַנְהֶדְרִין. 41 דִיא הֵייל פוּן בִּנְיָמִין בֶּן יַעֲקֹב אָבִינוּ. 42 דִיא הֵייל פוּן קִישׁ אוּנְד זַיין זוהן שָׁאוּל אוּנְד יְהוֹנָתָן.

17.

ווירד פֿאַר געשטעלט דער באַרג ציון וואָס דוד המלך ע"ה האָט געקויפֿט בייא אַרונה אונ דיא מויערן פֿון ציון מיט דיא 4 מויערן.

אַרוּם דֶעם בַּארְג צִיוֹן אִיז גֶעוֶוען אַיין הוֹיכֶע מוֹיעֶר פוּן 40

אײלען דיק אין מִזְרָח זײט אונ אין דָרוֹם זײט איז גֶעוֶוען פִיער טױעֶרן. דֶעם עֶרְשְׁטֶען טױעֶר הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גֶערוּפֶען הַמוֹר װײל דֶער װֶעג הָאט גֶעפִירְט צוּ דֶעם בַּארג מוֹרִיָה.

דֶעם 2 טױעֶר הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גֶערוּפֶען שַׁעַר צִיוֹן, װײל דוּרךְ דֶעם טױעֶר איז גֶעוֶוען דֶער הױפְּט גַאנְג צוּא דֶער שְׁטָאדְט צִיוֹן.

דֶעם 3 טױעֶר הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גֶערוּפֶען יְרִיאֵל אָדֶער עֲזָאזֵל, װײל דֶער װֶעג דוּרךְ דֶעם טױעֶר איז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מִדְבָּר יְרִיאֵל װָאס מֶען הָאט אַהִין גֶעפִירְט דֶעם שָׂעִיר הַמִשְׁתַּלֵחַ אוּם יוֹם כִּפּוּר לַעֲזָאזֵל.

דֶעם 4 טױעֶר הָאט מֶען גֶערוּפֶען שַׁעַר חַטָאת װײל דוּרךְ דֶעם טױעֶר הָאבֶּען דיא יוּדֶען דֶעם קָרְבַּן חַטָאת גֶעבְּרַאכְט איז בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרײן.

18.

װירד פאַר געשטעלט דער פּאַליץ פון שלמה המלך ע"ה װאס ער האט געהייסען בית יער הלבנון.

דֶער פַּאלִיץ הָאט גֶעהֵייסֶען בֵּית יַעַר הַלְבָנוֹן. נִיט װײל עֶר איז גֶעשְׁטַאנֶען אין װַאלְד לְבָנוֹן, נָאר װײל דֶער פַּאלִיץ איז גֶעוֶוען אַזוֹי קִינְצְלֶערִיש גֶעמַאכְט װָאס מֶען קֶען גָאר נִיט בֶּעשְׁרַײבֶּען זײן שֶׁאנְקֵייט אוּנ דיא שֶׁאהנֶע בֵּיימֶער װָאס עֶס הָאט אַרוּם דֶעם פַּאלִיץ גֶעװַאקְסֶען. עֶר איז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעט מִיט זֶעהר פִיעל טֵייעֶרֶע מַארְמָאר שְׁטֵיינֶערְנֶע זײלֶען מִיט גָאלְדֶענֶע גֶעזִימְסֶען װָאס עֶס הָאט אַזוֹי גֶעבְּלֶענְדֶעט דיא אוֹיגֶען װיא אַיין שֶׁאהן װַאלְד. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם פַּאלִיץ גֶערוּפֶען בֵּית יַעַר הַלְבָנוֹן.

19.

ווירד פָּאר געשטעלט דיא וואָהנונג וואָס שלמה המלך האָט געוואָהנט, מיט דעם וואָרט זאַלע.

דֶער פַּאלַיץ וָואס שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוואהנְט הָאט גֶעהַאט 4 שְׁטָאק. אִין פְרָאנְט אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין וַוארְטְזַאלֶע פוּן 50 אֵיילֶען לַאנְג אוּנ 30 אֵיילֶען בְּרֵייט. אִין דִיא זַאלֶע הָאבֶּען גֶעוַוארְט דִיא מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט מִשְׁפָּטִים בַּייא דִיא סַנְהֶדְרִין. פוּן דֶער זַאאלֶע זֶענֶען זֵייא דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ דֶעם טַייעֶרֶען גָארְטֶען, אַזוֹי וִויא עֶס וִוירְד וַוייטֶער בֶּעשְׁרִיבֶּען זַיין אוּנ פוּן דֶעם גָארְטֶען זֶענֶען זֵייא אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ דִיא סַנְהֶדְרִין. אִין דֶער וַוארְטְזַאאלֶע אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶעם סָאפִיט אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַלֶּע 12 מַזָּלוֹת, אוּנ אוֹיף דִיא וָואנְד אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישֶׁען פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, חַיּוֹת, עוֹפוֹת, אוּנ אוֹיךְ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישֶׁען פוּן דֶעם יַם, אוּנ יֶעדֶעם בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ וִויא אַזוֹי עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירֶען, אוּנ וִויא עֶס וֶוערְט פַאר לוֹירֶען, אוּנ אוֹיךְ דֶער מֶענְשׁ וִויא עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירֶען, אוּנ וִויא עֶר וֶוערְט פַאר לוֹירֶען. דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען אִין דִיא וַוארְט-זַאאלֶע הָאט עֶר גִיקָאנְט קוּקֶען 3 טָאג אוּנ זִיךְ נִיט זַאט אָן קוּקֶען. דָאס אִיז דַאדוּרְךְ גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ אֵיין מוּסָר אַרוֹים נֶעמֶען אוּנ זָאל נִיט פַארְלַאנְגֶען קֵיין גְזֵילָה אוּנ זָאל עֶהרְלִיךְ טַעֲנָה'ן, אוּנ אוֹיךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ פַאר קוּקְט אוֹיף דִיא וואוּנְדֶערְבַּארֶע זַאכֶען הָאט עֶר פַארְגֶעסֶּען פוּן זַיין מִשְׁפָּט. אוּנ דִיא טַעֲנוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט הָאט עֶר פַאר-גֶעסֶען אוּנ בַּאלְד הָאט מֶען אִיהם גֶערוּפֶען צוּם מִשְׁפָּט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט טַעֲנָה'ן דֶעם אֱמֶת.

20.

ווירד פאר געשטעלט דיא קינצלערישע שטיגען וואס זענען געווען ביי דער ווארטזאלע.

אין דער ווארט־זאאלע איז געוועזן שטיגען ארויף צו געהן צו שלמה המלך. דיא שטיגען האט מען אבער גאר ניט אן געזעהען. דיא ווענט זענען געוועזן גאנץ פערמאכט, נאר עס איז געוועזן אין דער וואנד איין קנאפ מיט איין געשטאלט פון איין קאלביל, האט מען דארט איין דריק געטהון האט זיך גיעפינט איין שטיינערנע טרעפ פון איין האלבע איל ברייט אונ אנדערהאלבען איילען לאנג. אונ וויא ער איז ארויף געשטיגען אויף דער אנדערע טרעפ האט זיך דיא דריטטע גיעפינט. אונ דיא צווייטע האט זיך אונטער איהם אויף געשטעלט בכדי ער זאל ניט ארונטער פאלען. אונ ביא דער פיערטער טרעפע האט זיך שוין דיא ערשטע גאנצליך פאר מאכט. אזוי זענען געוועהן דיא טרעפין געמאכט ביז אויף דעם פירטען שטאק, אונ אז עס איז געוועזן פיעל מענשען האט מען גיקענט עפינען אללע שטיגען.

21.

ווירד פאר געשטעלט דער געריכטס זאאל פון שלמה וויא דיא סנהדרין זענען געזעסען.

דיא זאאל וואס דיא סנהדרין זענען געזעסען האט געהאלטין 30 איילען לאנג אונ 20 איילען ברייט. איין זייט פון דעם זאאל איז געוועזן האלב רונד. ווייל דיא סנהדרין זענען געזעסען האלב רונד. אונ געגען זייא זענען געשטאנען דיא בעלי דינין אונ תלמידי חכמים. פערצופאל אז עס איז ח"ו פארגעפאלען מען האט בעדארפט איינעמס שטעלע צו פערטרעטען. איז געוועהן אן געגרייט תלמידי חכמים. אונ צווייא טריבונאל שרייבער. וואס

זַייא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען דִיא טַעֲנוֹת. אוּנ וָואס דִיא עֵדוּת הָאבֶּען גֶעזָאגְט. אוּנ דֶעם פְּסַק וָואס מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען.

22.

ווירד פאָר געשטעלט דער וואונדערבארער גאָרטען פון שלמה המלך.



צְווִישֶׁען דֶעם וַוארְט־זַאאַלֶע אוּנ דֶעם גֶערִיכְט זַאאַלֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער גָארְטֶען. אִין דֶעם גָארְטֶען הָאט גֶעוַואקְסֶען פֶערְשִׁידֶענֶע קְרַייטֶער מִיט דִיא גְרָאזֶען וָואס הָאבֶּען עֶנְטְדֶעקְט אַלֶע גֶעהֵיימְנִיסֶע פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָאר לֶעגֶען פַאלְשֶׁע טַעֲנוֹת. הַיינוּ אַז עֶר הָאט זִיךְ אֶנְגֶעגְרֵייט פַאלְשֶׁע טַעֲנוֹת כְּדֵי עֶר זָאל גֶעוִוינֶען דָאס מִשְׁפָּט. אַז עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִיא קְרַייטֶער מִיט דִיא גְרָאזֶען. הָאט עֶר פַאר גֶעסֶען זַיינֶע פַאלְשֶׁע

טַעֲנוֹת. אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַאר דִיא סַנְהֶדְרִין הָאט עֶר גֶעפְּלוֹידֶערְט וָואס עֶס הָאט גָאר נִיט גִיקֶערְט צוּ דֶעם מִשְׁפָּט. הָאט מֶען שׁוֹין פַאר שְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַאלְשׁ טַעֲנָה'ן דֶען דִיא קְרַייטֶער מִיט דִיא גְרָאזֶען הָאבֶּען אִיהם דֶעם קָאפּ פַאר דְרֵייט. אוּנ אַז אֵיינֶער הָאט אַזוֹי גֶעטְהוּן דְרַיי מָאל אִיז עֶר גֶעוְֹנְצְלִיךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארֶען. אַז עֶס הָאט אִיהם קֵיין דָאקְטָאר נִיט גִיקֶענְט הֶעלְפֶען.

23.

ווירד פֿאָר געשטעלט דיא בלאָטער פֿון דעם גאָרטען וואָס דיא סנהדרין האָבען בעניצט.

אין דעם גארטען וואס איך האב אויבען בעשריבען האט געוואקסען זאלכע בלעטער אז יעמאנד האט געוואלט פאלש שווערען. פאר דער שבועה האט דער גראסטער פון די סנהדרין גענומען איין בלאט אין דיא האנד אריין אונ האט איהם פאר געלייענט דיא גאנצע פאר שריפט פון דער שבועה אז ער זאל וויסען אז ער וועט בעשטראפט ווערען עקסטער פאר דעם וואס עס וועט דורך איהם פאר דארבען ווערין אזוי איין טייער בלאט אונ אז ער האט דאס אבער ניט געהערט אונ האט דיא שבועה אן גענומען. האט מען איהם ווידער פאר געליינט שוין די גאנצע שבועה. אז ער שווערט ביא דעם גאט ברוך הוא וואס ער האט דיא גאנצע וועלט הימעל אונ ערד אונ אלע באשעפענישען פון דער וועלט בעשאפען. אונ דער גרעסטער פון דיא סנהדרין האט איהם דאס בלאט אין דיא הענד געגעבען אונ אזוי וויא ער האט איין געפאסט אין זיין האנד דאס בלאט איידער ער האט נאך אן געהויבען צו שווערין. אימפאל ער האט געוואלט פאלש שווערין, איז דאס בלאט תיכף פאר ענדערט געווארען אונ אלע פארבען זעהר פאר דארבען אונ דאס בלאט האט זיך באלד ביא איהם אין דער האנד צו זאמען געראלט אזוי וויא איין שטעקען האט מען שוין געזעהען ער וויל פאלש שווערין. האט מען איהם שוין גענומען אונ איין געשלאסען תפוס ביז מען האט איהם דן געוועזען.

24.

ווירד פאר געשטעלט דיא רויזען פון דעם גארטען.

אז עס איז פאר געקומען פאר דיא סנהדרין איין משפט פון ברידער וואס האבען איינעם פון דיא ברידער געוואלט אויס שטויסען פון ברודער שאפט. זייא האבען גע=טענה'ט אז ער איז ניט קיין ברודער. האט מען זייא דורך געפיהרט דורך דיא רויזען. וויא באלד ער איז ניט געוועזען קיין ברודער האבען זיך

דִיא בְּלֶעטְלִיךְ פוּן דִיא רוֹיזֶען אָפּ גֶעשַׂייט אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן הָאט מֶען תֵּיכֶּף עֶרְקֶענְט אַז עֶר אִיז נִיט קֵיין בְּרוּדֶער. אוּנ אַז דִיא בְּלֶעטְלִיךְ הָאבֶּען זִיךְ נִיט אָפּ גֶעשַׂייד אוּנ זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אַזוֹי וִויא זַייא זֶענֶען גֶעוֶוען הָאט מֶען גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אֱמֶת אֵיין בְּרוּדֶער.



25.

ווירד פֿאָר געשטעלט דיא פֿערשידענע קרייטער וואָס האָבּען געוואַקסען אין דעם גאָרטען. אונ דיא וואונדערבּאַרע זאַכען וואָס דיא קרייטער האָבען בעוויזען.

עֶס הָאט גֶעוואַקְסֶען פֶערְשִׁידֶענֶע קְרַייטֶער, רוֹיזֶען, אוּנ בְּלֶעטֶער, אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אֵיין אִשָׁה הָאט גֶעטַעֲנָה'ט

צו איין מאן אז זיא איז פון איהם מעוברת. אונ ער האט געטענה'ט אז ער קען זיא גאר ניט. האבען דיא בלעטער שוין ענטדעקט אויב זיא זאגט אמת אויב ניט. אונ וואס מען האט מיט דעם בלאט געטהון האב איך בעשריבען אין דעם חיבור וואס איך האב געמאכט בעזונדער איין בעשרייבונג אויף דעם גאנצען גארטען פון שלמה המלך אונ אויף אללע קרייטער וואס האבען דארט געוואקסען אונ וויא אזוי מען האט זייא גערופען יעדען מיט זיין נאמען אונ וויא אזוי אלעם האט געוואקסען אונ צו וואס עס האט גענוצט. למשל אז עס איז געקומען איין אשה אונ האט געקלאגט אז דער מאן האט אויף איהר איין אום חן געווארפען אדער פאר קערט אז דער מאן איז געקומען אונ האט געקלאגט. האבען דיא סנהדרין נאך געפארשט אונ וויא באלד איינער פון זייא איז געוועזען איין עהרליכער, אונ דער אנדערער ניט, האבען זייא גאר ניט אויף געהאלטען אונ האבען באלד געווירקט אז עס זאל צווישען זייא איין גט זיין, אז זייא זענען אבער געוועזען ביידע גלייך עהרליך אדער ניט עהרליך. האבען דיא סנהדרין געגעבען דעם וואס האט געקלאגט זאלכע קרייטער האבען זייא זיך באלד ליעב בעקומען מיט זעהר איין גרויס ליבשאפט.

26.

ווירד פאר געשטעלט דיא סגולות פון דעם גארטען.

אז איינע האט ניט געהאט קיין קינדער אדער זיא האט שווער קינדער אויף געצויגען. אדער אז איהר מאן איז אוועק פון איהר מעבר לים אונ זיא האט ניט געוואוסט אויב ער לעבט. איז געוועזען אין דעם גארטען זאלכע קרייטער וואס עס האט געהיילט אונ האט געהאלפען צוא אלעם אין דער וועלט. דיא קרייטער האבען אין זיך געהאט איין כח המושך. וואס עס האט גיקענט בעציהען איין מענש פון עק וועלט מיט גרויס ישוב הדעת

הָאבֶּען זַייא אַיין גֶעזֶעהֶען אַז מֶען דַארְף דָאס טָאהן. הָאבִּין זַייא אַלֶעס גֶעטְהוּן. וִויא אַזוֹי דִיא קְרַייטֶער וֶוערִין גֶערוּפֶען וֶועל אִיךְ דַייטְלִיךְ בֶּעשְׁרַייבֶּען אִין דֶעם דְרִיטֶען טְהֵייל וָואס עֶס וֶוערְט אָן גֶערוּפֶען פַּרְדֵס שְׁלֹמֹה דָארְט ווִירְד שׁוֹין זַיין בֶּעשְׁרִיבֶּען ווִיא דִיא קְרַייטֶער הֵייסֶען יֶעדֶעס בְּלַאט עֶקְסְטִיר אוּנ ווִיא אַזוֹי מֶען הָאט גֶעטְהוּן מִיט זַייא. אַזוֹי ווִיא אִיךְ הָאבּ עֶס אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִיא אָרְגִינַאלֶען. אוּנ פוּן דִיא עֶנְגְלִישֶׁע שְׁרִיפְטֶען פוּן דֶעם וַואטִיקַאן.

Wylolfan die Book Laef 46.

27.

ווירד פֿאָר געשטעלט דיא שטיגען פֿון דעם זאַאל וואָס שלמה המלך עליו השלום איז געזעסען.

אִין דֶעם סַאלָאן וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה אִיז גֶעזֶעסֶען זֶענֶען גֶעוֶוען דִיא שְׁטִיגֶען אַרוֹיף צוּ גֶעהְן אִין דֶער הֵייךְ, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען בַּייא דֶעם וַוארְט־זַאאַל.

28.

ווירד פֿאָר געשטעלט דיא שטיעל פֿון שלמה המלך ע״ה.

אִין דֶעם סַאלָאן וואוּ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה אִיז גֶעזֶעסֶען אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען זַיין שְׁטִיהל. וִויא אִיךְ וֶועל דִיא שְׁטִיהל עֶקְסְטִיר בֶּעשְׁרַייבֶּען. דִיא שְׁטִיעל אִיז גֶעוֶוען פוּן הֶעלְפַאנְד בֵּיין מִיט דֶעם טַייעֶרְסְטֶען גָאלְד פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן דֶער שְׁטִיהל אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִויא אֵיין גְרוֹיסֶע גֶערִיכְטֶם שְׁטוּהל דִיא שְׁטוּהל הָאט גֶעהַאט זֶעקְס שְׁטִיגֶען וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה אִיז מִיט דִיא שְׁטִיגֶען אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער שְׁטוּהל. אוֹיף יֶעדֶע שְׁטִיעג אִיז גֶעוֶוען אוֹיף בֵּיידֶע זַייטֶען צוּ צְוֵויי גָאלְדֶענֶע לֵייבֶּען. אוּנ אוֹיף בֵּיידֶע לֶעהנֶען אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גָאלְדֶענֶע לֵייבֶּען. אוּנ אוֹיף דֶעם זִיטְץ אִיז גֶעוֶוען צְוֵוייא הֶענְד פַאר שְׁפְּרֵייט וָואס זֵייא הָאבֶּען דֶעם קֶענִיג גֶעהַאלְטֶען אוּנ אוֹיף זֵייא גֶעזֶעסֶען, אוּנ אוֹיף דֶער אוּנְטֶער לֶעהנֶע פוּן דֶער שְׁטוּהל אִיז גֶעוֶוען אֵיין קָאפּ פוּן אֵיין קָאלְבִּיל מִיט דֶעם פָּנִים צוּ דֶער זַאאַל. אוּנ דָאס אַלְלֶעס אִיז גֶעוֶוען אוּים דֶעם טַייעֶרְסְטֶען גָאלְד. דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין הָאט נִיט בֶּענִיצְט קֵיין קְרַייטֶער פוּן דֶעם גָארְטֶען. עֶר הָאט אַלְלֶעס גֶע־וואוּסְט דוּרְךְ דִיא לֵייבֶּען אוּנ דוּרְךְ דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם קָאלְבִּיל מֶען הָאט פַאר אִיהם נִיט גִיקֶענְט פַאר הוּילֶען קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט וָוארוּם אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק הָאט עֶר אַלְלֶעס גֶעוואוּסְט.

29.

ווירד פֿאַר געשטעלט דער פּלאַטץ פֿון בתיה בת פרעה.

אין דער וואהנונג פון די טויזענד ווייבער איז געווען די וואהנונג פון דער קעניגען בתיה די טאָכטער פון פרעה. איהר גאָרטען איז געווען אויף דעם דאך.

30.

ווירד פֿאַר געשטעלט די וואהנונג פֿון די טויזענד ווייבער.

עס איז געווען איין ציטאַדעלע וואס מען האט עס גערופען בית המלוא של בת פרעה. עס איז געווען אין באַרג אַרום געמויערט אַזוי וויא איין פעסטונג. אונ דאָרט איז געווען די וואהנונג פון אַלע טויזענד ווייבער פון שלמה המלך ע״ה. דריא הונדערט ווייבער זענען געווען פון קעניגליכע פאַמיליען. אונ זיבען הונדערט זענען געווען ניט פון קעניגליכען בלוט. יעדע האט זיך איין עקסטרע וואהנונג געהאט, די וואהנונג איז געווען לויט איהר שאַטץ וויא עס איז איהר געקומען. זייא זענען ניט געווען אַלע גלייך. די איבעריגע זענען געזעסען יעדע נאך איהר האכהייט אונ נאך איהר שאַטץ.

31.

ווירד פֿאַר געשטעלט דער גאָרטען מיט דער וואָהנונג פֿון בתיה בת פרעה.

אויבען איבער דעם באַרג איז געווען עקסטרע שטיינערנע טרעפען. אונ גאַנץ אויבען איז געשטאַנען איהר פאַליץ עקסטיר. 40 איילען לאַנג אונ 30 איילען ברייט. אונ דער גאַנצער פאַליץ איז געווען געמויערט פון טייערע מלאכית שטיינער. אונ אויף דעם דאך איז געווען געפלאַנצט איין אַדמאַטישער גאָרטען פון לולבים מיט אתרוגים. קיין איינציגער מענש האט ניט בעדאַרפט אַהין צו טרעטען. די בעדינונג איז געווען נאָר פון דאַמען.

אין דיא װֶענד הָאט דֶער מֶלֶךְ אַיינְגֶעזֶעצְט 135 זַיילֶען פֿון טַייעֶרֶע בְּרילַאנְטֶען. װָאס מֶען רוּפְט עֶם לַאפִּים לַאזַארֶעס אין גְרִיכִּישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע דָאס איז אֵיין גַאנְץ טַייעֶרֶער שְׁטֵיין. דֶער שְׁטֵיין הָאט אין זִיךְ אֵיין אֵייגֶענְשַׁאפְט אַז דֶער מֶענְשׁ װָאס קוּמְט אַהִין פַארְלִירְט עֶר תַּאֲוַת הַמִּשְׁגָּל דָאס איז גֶעװֶען דִי זִיכֶערְהַייט עֶס זָאל צוּ אִיהר קֵיינֶער נִיט צוּ טְרֶעטִין. זִיא איז דַאמָאלְס גֶעװֶען דִיא שֶׁאנְסְטֶע דַאמֶע אין דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זִיא גֶעהִיט עֶס זָאלל צוּא אִיהר קֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶענְשׁ צוּ טְרֶעטִין.

32.

דֶעם פַּאלִיץ הָאט מֶען גֶערוּפֶען אַרְמוֹן הַמַּלְכָּה בַּתְיָה בַּת פַּרְעֹה אוּנ אוֹיבֶען דֶעם גָארְטֶען הָאט מֶען גֶערוּפֶען גַן הַמַּלְכָּה עַל הָאַרְמוֹן.

פערלאג פראגרעס ווארשא

געוועזענע א. קאטיק'ס אויסגאבען.

ווינטער אבענדען

פאפולאר וויסענשאפטליכע געשפרעכען, בעארבייטעט נאך פערשיעדענע קוועלען.

דורך

חי"ה זעלדעס.

דרוק ש. ב. לנדא, נאלעווקי 38.

ווארשא. תרס"ה.

ВИНТЕРЪ-АБЕНДЕНЪ

т. е. Зимнiе вечера

Популярно-научныя бесѣды

соч. **ХАЕ ЗЕЛДЕСЪ**

Изданiе „ПРОГРЕСЪ“.

ВАРШАВА, 1905.

Типографiя Ш. Б. ЛАНДЕ, Налевки 38.

Доззволено Цензурою
Варшава, 5 Ноября 1904

ז

דֶער לֶעהְרֶער.

דֶער לֶעהְרֶער נֹחַ גוּרְסְקִי אִיז גֶעוֶוען בֶּערִימְט פַאר זֶעהְר אַ גוּטֶען לֶעהְרֶער; מֶען הָאט פְּרָאסְט גֶעגְלוֹיבְּט אִין אִיהְם. אַז וִויא עֶר לֶערְ'נְט מוּזֶען דִי קִינְדֶער אַ פְּעוּלָה הָאבֶּען; דֶערוּם הָאט עֶר שְׁטָאנְדִיג גֶעהַאט אַיין שְׁטֶעלֶע, חָאטְשׁ מֶען הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט בֶּעגֶעהֶען מִיט אִיהְם זֶעהר גוּט, ד"ה נִיט אַזוֹ וִוי דִי יְשׁוּבְנִיקֶעס זַיינֶען גֶעוואוֹהנְט זִיךְ צוּ בֶּעגֶעהֶען מִיט אַנְדֶערֶע לֶעהְרֶער. עֶר אִיז אוּם אַיין שְׁטֶעלֶע נִיט גֶעשְׁטַאנֶען! בַּיי דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּמְצוּפְרִידֶענְהַייט פְּלֶעגְט עֶר אַוֶועק פָאהרֶען. עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעוואוֹהנְט. אַז עֶר זָאל זִיךְ נַוארְפֶען מִיט בַּעֲלֵי הַבָּתִּים — נִיט בַּעֲלֵי הַבָּתִּים מִיט אִיהְם. דִי בַּעֲלֵי הַבָּתִּים הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט פַאר זַיין שַׁארְפֶען צוּנְג. אַנְדֶערֶע הָאבֶּען אִיהְם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מְשׁוּגֶענֶעם: וואוּ אִיז דָאס גֶעזֶעהֶען גֶעוָוארֶען, אַז אַ יוּנְגֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט וֶועלֶען פַאר בְּרֵיינְגֶען. זָאל זִיצֶען — וֶוען עֶר הָאט נָאר לֶעדִיגֶע צַייט — בַּיין בּוּךְ אוּנ בַּיין בּוּךְ, אוּנ וֶוען עֶר פַארְבְּרֶענְגְט שׁוֹין יָא אַמָאל אַבִּיסֶעל, פַארְבְּרֶענְגְט עֶר נִיט מִיט אַיידֶעלֶע מֶענְשֶׁען זַיין גְלַייכֶען. נוּר מִיט דִי פְּרָאסְטֶע יוּנְגֶען. בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת, שְׁמִידֶען, אוּנ מִיל יוּנְגֶען; עֶר קֶען זִיךְ אֲפִילוּ מִיט דֶער דִינְסְט אַוֶועק שְׁטֶעלֶען רֵיידֶען, עֶר הָאט גָאר אַ בְּרֶעקֶעל שְׁטַאט נִיט. דַאגֶעגֶען אָט דִי פְּרָאסְטֶע לַייט הָאבֶּען פוּן אִיהְם גֶעהַאלְטֶען אַיין עוֹלָם וּמְלוֹאָה; זֵיי הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען זָאל אַזאַ מֶענְשֶׁען זוּכֶען מִיט לִיכְט, וֶועט מֶען אוֹיךְ נִיט גֶעפִינֶען. עֶר אִיז אַזוֹי גֶעבִּילְדֶעט — פְּלֶעגֶען זֵיי רֵיידֶען וֶועגֶען אִיהְם — אַזאַ קֶענֶער, אוּנ הַאלְט זִיךְ בַּיי זִיךְ אַזוֹי פְּרָאסְט. בְּלָאזְט פוּן זִיךְ נִיט. וִוי אַנְדֶערֶע קֶענֶער. עֶר קֶען זִיךְ מִיטֶען קְלֶענְסְטֶען אָבְּשְׁטֶעלֶען רֵיידֶען. הַיינְט זַיין רֶעדֶען! אַז מֶען רֶעדְט מִיט אִיהְם פַארְגֶעסְט מֶען, אַז מֶען רֶעדְט מִיט אַ קֶענֶער, מֶען

שֶׁעמְט זִיךְ גָאר פַאר אִיהְם נִיט . מֶען רֶעכֶנְט אַז מֶען רֶעדְט מִיט דַיין לַייכֶען . עֶר וֵויים אַזוֹי קְלָאר דַיין לֶעבֶּען . כִּמְעַט בֶּעססֶער . וִוי דוּ אַלֵיין , אוּנ רֶעדְט אַזוֹי קְלוּג — אַז דַאכְט זִיךְ וֶוען עֶר וָואלְט רֶעדֶען אַטָאג מִיט אַ נַאכְט וָואלְט נִיט מִיאוּם גֶעוָוארֶען הֶערֶענְדִיג . אַז עֶר נֶעמְט דֶערְצֶאהלֶען וֶועגֶן אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער , וֶועגֶען דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶאדְט , וֶועגֶען יֶענֶע מֶענְשֶׁן — אוּנ וָואס וֵויים עֶר נִיט ? — אִיז עֶס פְּרָאסְט אַ מְחַיֶה צוּ הֶערֶען . הַיינְט זַיין גוּטְקֵייט . . . מֶען קְרִיגְט בַּיי אִיהְם אַ גְמִילוּת חֶסֶד וֶוען מֶען דַארְף ! הַיינְט זַיינֶע עֵצוֹת . . . זַיין בֶּעדוֹיעֶרֶען . . . עֶס אִיז עֶפֶּעס דָא , וָואס צוּ רֶעדֶען ? — אַ דִימַאנְטֶענֶער מֶענְשׁ . דִי תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם אוּמֶעטוּם לִיבּ גֶעהַאט , פְלֶעגְט זַיי נִיט שְׁלָאגֶען . פְלֶעגְט זַיי נִיט פָארְגֶעבֶּען קֵיין פוּלֶע צוּ חַזֶרֶען , זַיי פְלֶעגֶען בַּיי אִיהְם כִּמְעַט אַלֶץ וִויסֶען פוּן לֶערְנֶען אוּנ דֶער לֶערְנֶען גוּפָא אִיז גֶעוֶוען גְרִינְג , אִינְטֶערֶעסַאנְט — כִּמְעַט וִוי אַ מַעֲשֶׂה אוֹיס הֶערֶען . עֶר הָאט זִיךְ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים בֶּעגַאנְגֶען . וִוי אֵיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער . זַיי הָאבֶּען פַאר אִיהְם קֵיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט — נוּר זַיי הָאבֶּען אִיהְם לִיבּ גֶעהַאט . אִין יֶעדֶער אָרְט הָאט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶעם אָדֶער 2 פוּן דִי אֶלְטֶערֶע תַּלְמִידִים , וֶועלְכֶע עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט מֶערֶער , וִוי דִי אִיבֶּערִיגֶע ; צוּ זַיי הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוּנְדֶען . אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייט פְלֶעגְט עֶר מִיט זַיי לֵייעֶנֶען , שְׁפַּאצִירֶען , אוּנ וֶוען עֶר הָאט פוּן דֶעם אָרְט אָבְּגֶעטְרָאטֶען , הָאט עֶר זִיךְ מִיט זַיי אָפְט בְּרִיף גֶעשְׁרִיבֶּען . וואוּ עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים נִיט גֶעהַאט — דָארְטֶען הָאט עֶר גֶענוּדְזֶעט , עֶס אִיז אִיהְם גֶעוֶוען אוּמֶעטְהִיג אוּנ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶן זְמַן הָאט עֶר זִיךְ פַאר קֵיינֶע גֶעלְד דָארְטֶען נִיט גֶעוָואלְט אָבְּשְׁטֶעלֶען . דָא אִין קְרַאסְנָאוָואלֶער מִיהְל אִיז עֶר שׁוֹין בַּאלְד 2 חֳדָשִׁים . מִיט דִי בַּעֲלֵי הַבַּתִּים לֶעבְּט עֶר זֶעהְר קָאלְט — עֶר רֶעדְט מִיט זַיי וֵוייְנִיג , אוּנ זַיי בְּלָאזֶען זִיךְ דֶערְפַאר אוֹיף אִיהְם . דֶערְפַאר אִיז עֶר מִיט דִיא קִינְדֶער זֶעהְר צוּ פְרִידֶען . אִין גַאנְצֶען הָאט עֶר דְרַיי תַּלְמִידִים , אוּנ אִין דֶעם 2 נָאךְ זַיין פֶערְלַאנְג . רוֹיזֶעל אַ מֵיידֶעל פוּן אַ יָאהר 15 . אוּנ דָוִד'עֶן – אַ בָּחוּר פוּן אַ יָאהר 17 , זַיינֶען בֵּיידֶע קִינְדֶר מִיט זֶעלְטֶענֶע קָאפּ אוּנ מִיט נָאךְ זֶעלְטֶענֶערֶע הֶערְצֶער . עֶר אִיז צוּ זַיי צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען גְלַייךְ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טֶאג . וָואס עֶר אִיז צוּ זַיי אָנְגֶעקוּמֶען . זַיי זֶענֶען אֲפִילוּ גֶעוֶוען וַואזְאהן בְּלוּמֶען — קִינְדֶער ,

וָואס הָאבֶּען קֵיין מָאל נִיט גֶעלִיטֶען, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוואוּסְט פוּן דִי וֶועלְט, דֶערפַאר אָבֶּער הָאבֶּן זֵיי מִיט גֶעפִיהְלְט לֵיידֶענְדֶע אוּנ אִין זֵיי הָאט גֶעבְּרֶענְט, וִוי אַ פַייֶער אַ שְׁטַארְקֶער חֵשֶׁק אַלְץ צוּ קֶענֶען. אַלְץ צוּ ווִיסֶען. נַחַ הָאט זִיךְ צוּ זֵיי אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט לַייבּ אוּנ זֶעהְל. עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען בִּיכֶער צוּם לֶעזֶען. גֶעלֶעזֶען מִיט זֵיי צוּזַאמֶען אוּנ גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגֶען דֶעם, וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעלֶעזֶען. זֵיי פְלֶעגֶען נַאכְאַנַאנְד זִיצֶען בַּיי דֶעם לֶעהְרֶער אִין צִימֶער. עֶר אִיז מִיט זֵיי צוּזַאמֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִיהְל. דָארְטֶען אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארֶען אַיין אֵייגֶענֶער מֶענְשׁ. אַלֶלֶע הָאבֶּען אִיהם לִיבּ גֶעהַאט. עֶר הָאט דִי מִיהְל בָּחוּרִים גֶעגֶעבֶּען זְשַׁארְגָאנִישֶׁע בִּיכֶער צוּם לֶעזֶען אוּנ הָאט מִיט זֵיי שָׁעוֹת וַויִים אָבְּגֶעשְׁמוּעֶסְט.

II

פְרַייטִיג צוּ נַאכְט נָאךְ דֶעם עֶסֶען.

עֶס אִיז שׁוֹין אַ שָׁעָה נָאךְ דֶעם עֶסֶען — נוּר דֶער לֶעהְרֶער מִיט דִיא קִינְדֶער זִיצֶען נָאךְ בַּייא דֶעם טִישׁ אוּנ לֶעזֶען: דֶער לֶעהְרֶער — אַ בְּלַאט צַייטִינְג. אוּנ דִיא קִינְדֶער — בִּיכֶער. דֶער בַּעַל הַבַּיִת, וֶועלְכֶער אִיז בִּיז אִיצְטֶער גִיזֶעסֶען בַּיין אַ פֶענֶעם מֶדְרֶשׁ, הָאט אוֹיךְ פֶערְמַאכְט, אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען פוּן זַיין אָרְט אוֹיף צוּ גֶעהֶען שְׁלָאפֶען. דִי בַּעַל הַבַּיִת'טֶע הָאט הֶערֵיין גִילֵייגְט דִיא זִילְבֶּערְנֶע לֶעפִיל אִין קַאמָאד. פוּן קִיךְ הָאט זִיךְ אַלֶלֶע וֵוייל‍ֶע גֶעהֶערְט אַ הוֹיכֶער, פְרֶעהְלִיכֶער יוּנְגֶער גִילֶעכְטֶער.

— וָואס פַאר אַבֶּעזֶער גִילֶעכְטֶער אִיז דָאס הַיינְט אוֹיף זֵייא? הָאט דִיא בַּעַל הַבַּיִת'טֶע גִיפְרֶעגְט מִיט כַּעַס. —

— וָואס דֶען זָאלֶען זֵייא טָהאן? הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיךְ מִיט רוֹגְזָא זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעפְרֶעסֶען וִויא דִיא יְוָנִים, אוֹיסְגִישְׁלָאפֶען זֶענֶען זֵייא — אַ גַאנְצֶע וָואךְ שְׁטֶעהְט דֶער מִיהְל בַּיי נַאכְט אָט הוֹלֶען זֵייא.. עֶס אַרְט זֵייא עֶפֶּעס, וָואס עֶס אִיז אִין מִיהְל נִיט דָא וָואס צוּ טָאהְן... זֵייעֶרֶע שְׂכִירוּת גֶעהְט....

— איהר וועט זיך דורכגעהן, לעהרער? האט דוד גיפרעגט.
קומט!

דיא קינדער האבען אנגעטהאן דיא מאנטלען. דערוויל איז
דער פאטער הערייין אין ספאלנע.

— דורכגעהען וועלען מיר זיך שפעטער! האט דער לעהרער
גיזאגט, קומט דער וויל הערייין אין קיך. דארטען איז יעצט, א
פנים, פרייהליך.

זייא זענען אלע הערייין אין קיך. אויף דעם טיש האט גיברענט
א לאמפ אונ לעבען לאמפ איז געשטאנען א גרויסער טעלער מיט
קירבעס יאדרעס. הערום טיש זענען געזעסען העשעל אונ מלך —
2 בחורים פון מיהל. העשעל איז א בחור פון א יאהר 5 — 26 האט
שוין געדינט, האט גיזעהען, וויא ער זאגט א וועלט, איז ניט קיין
נאר. ער איז א הויכער מיט ברייטע פלייצעס; זיין געזיכט מיט
גרויסע געזיכטציגע איז אבגעברענט פון זונן, הערומגעזיימט מיט
א קליינע שווארצע בארדעל, וועלכע ער שערט אונטער אביסעל.
מלך איז א יונגער בחור פון א יאהר 18, א דארער—הויט אונ ביינער—
ער איז אין מיהל דער שוואכסטער פון אלעמען, ער קען קאם
א זעקעל הערארבטראגען, נור ער האט א גוטע קאפ אונ פערשטעהט
א ביסעל — דיא שווארצע פינטלעך. ביז 14 יאהר האט ער געלערענט
אין איין ישיבה, דער נאך איז אים אבגעשטארבען דער פאטער,
די מוטער האט חתונה גיהאט, אונ ער איז אנגעקומען אין א מיהל.
לעבען אויבען זענען גיזעסען דיא איבעריגע 2 בחורים פון מיהל:
ישראל אונ אברהם; ביידע פון מיטעלן וואוקס, מיט ברייטע פלייצעס,
ביידע דארפען איבער א יאהר שטעהען צום פריזיוו, אונ זייא זענען
דארום שטענדיג פערזארגט. ישראל איז א ביסעל א קלוגער, ער האט
ניט קיין שלעכטע קאפ, נור ער איז א בעסין, א היץ קאפ אונ האט
ליב אבצולאכען פון דעם אנדערן. אברהם איז ניט קיין קלוגער,
דיא קאפ איז בייא אים אויך א פראסטע, נור ער איז זעהר
א ארענדליכער, אהן חכמות — וואס אויפן לונג — דאס אויפן צונג
אונ ער איז פון נאטור ניט קיין שלעכטער. לעבען אויווען איז
געזעסען א קארבעלניק אויך. ער פאהרט ארום מיט קליינע סחורות,
ווי: נאדלען, שפילקעס, באוועל, ציץ אונ פאציילקעס. ער פיהרט

עס ארויס איבער דיא דערפער אונ פער'קויפט די בויערן פאר מזומנע געלד אדער פאר דארפס פראדוקטען אייער, הינער, א ביסעל תבואה. ער איז היינט נאך האלבען טאג געקומען אין קראסנאוואלע, אונ ער איז ביין מיהלנער שבת. ער איז א יוד פון א יאהר 40, א קליינינקער, א דארינקער מיט א לאנגען נאז, איינגעפאלענע באקען, טיף איין געגראבענע שווינדלישע אויגען אונ א קליין ציגען בערדעל מיט א פאר לאנגע פאות. ער איז א יודע זעהר, זעהר א פרומער. אונ קערט איבער דיא וועלט אויף היינטיגע יונגע לייט — די אפיקורסים. לעבען אלמער איז געשטאנען די דינסט מיידעל חנה מיט חייקע דעם שמידס מיידעל. חייקע האט זיך ניט לאנג אויסגעלערענט מאכען זאקען, האט גענומען א מאשין אונ ארבייט פאר א ווילנער קאמיסיאנער. זי איז א מיידיל פון א יאהר 18, א הויכע אונ א שופטילע מיט מיטעלע געמאסטענע געזיכט — ציגען, א שווארץ חנוודיגע, מיט א פאר גרויסע שווארצע אויגען ווי קארשען. זי איז א לעבעדיגע. זאגט גלייך ווערטלאך אונ לאכט אללע ווייל מיט א הויכען קלינגענדיקען גילעכטער. זי רוהט א מינוט ניט. זי גייט צו דא צו איינעם, דא צו דעם אנדערן, רעדט, לאכט, מאכט מיט דיא הענד. אללע האלטען הויפענס קירבעס יאדרעס אונ עססען.

—איהר ווילט זיך, אפשר, אנוואורמען, לעהרער? קומט צוב אויוועו האט ישראל גיזאגט.

—אונ דאס ווייסט איהר, וואס דאס איז? האט דער קארא־בעלניק געפרעגט, אוים שטעלענדיג אנטקעגען לעהרער א האנד יאדרעס — ביי אייך אין דער ווילנא ווייס מען געוויס ניט, וואס דאס איז. די גרוסשטאדטישע מיינען דאך, אז בולקעס וואקסען פארטיגע אויף קוסטעס. איך בין א מאל געפארען מיט א ווילנער יודען. האב איך גימיינט איך בלייב פון גילעכטער: וואס ער זעהט — איז דאס איהם א נייעס. מיר זענען פאר ביי געפארען פאר ביי א פעלד מיט הערעטשקע (גריקע) — איר ווייסט דאך אז הערעטשקע בליהט אין ווייסע בלומעלעך — פרעגט ער ביי מיר: וואס איז דאס עפעס דארטען פאר א פעלד מיט סמעטענע?

אללע האבען זיך צו לאכט.

—נו, דא האט איהר ניט גיטראפען דעם ארט, האט זיך אבגערופען העשעל—אונזער לעהרער וויים אלץ נאך בעסער פון איינעם געבארענעם ישובניק.

—פון וואנען וויים ער דאס? פון דיא ביכער. אפשר?

—איך בין שוין לאנג אויף דעם ישוב, אונ איך האב גיהאט גענוג צייט זיך אוים צו לערנען די תורה. איהר מיינט אז דיא גרויםשטעדטישע האבען שוין גאר קיין קאפ ניט? האט דער לעהרער גיזאגט מיט א שמייכעל.

—אונ אז פון בוך איז וואס? האט דוד גיפרעגט. אין בוך שטעהט אויך בעשריבען ווי יעדער זאך וואקסט. איך וויים, למשל, גוט ווי רייז וואקסט, חאטש איך האב דאס קיין מאל ניט געזעהן, נור וייל איך האב וועגען דעם געלעזען.

—דו ביסט שוין אויך דא מיטן בוך? א מאדנע זאך מיט דער היינטיגער וועלט! וואו נור עפעס איז אלץ פון בוך, אין בוך שטעהט. ניט לאנג האט זיך צו אונז אין שטעדטיל העריינגעקליבען א פארבער, זאגט ער, אז ער פארבט מיט חעמי, ווי געפעלט עס אייך? ער פארבט ניט מיט פארב נור מיט חעמי. עס איז דאך מעהר ניט א געלאכטער. ער האט זיך דאס אוים געלערענט פון בוך, זאגט ער. ער קען, טענהט ער, פהיזיקע אין חעמי. דער שווארצער יאהר וויים, וואס דאס איז אזוינס די חעמי זיינע. מילא פהיזיקע, פארשטעהט מען, אז דאס איז א קונץ. עפעס א מין פהיזיקע, ווי מען זאגט; אבער חעמי? וואס איז דאס עפעס פאר א מין טערקישער ווארט?

—וואס זאגט איהר איז פהיזיקע? אזעלכע קונצען? האט דוד גיפרעגט לאכענדיג.

—וואס דען? דעריבער רופט מען דאך דאס פהיזיקע,

—אוודאי קונצען! האט זיך אבגערופען גורסקי: אי פהיזיקע, אי חעמי, אי די אללע איבעריגע וויסענשאפטען דערקלערען אונז די גרויסע קונצען פון דער נאטור. מיר זעהען זיי אללע טאג, אט די קונצען אין דער נאטור, נור וויל מיר זיינען צו זיי צוגעוואהנט פון קינדהייט אן, וויל מיר זעהען זייא שטענדיג, קומען זיי בייא אונז גאר פיר קיין קונצען ניט אוים. אונ אונז קומט גאר אויפן זינען ניט הערויף צו קלערען, פאר וואס דאס איז אזוי, ווי די קונצען ווערען געמאכט.

דֶערוּם וֶוען מִיר זֶעהֶען אַ זַאךְ, וָואס עֶס טְרֶעפְט זִיךְ נִיט אָפְט, אָט דָאס אִיז בַּיי אוּנְז אַ קוּנְץ, אַנֵס; מִיר אֶפֶענֶען אוֹיף מוֹיל אוּנ אוֹיעֶרֶען, מִיר זֶעהֶן אִין דֶעם שֵׁדִים אָדֶער מַלְאָכִים, אוּנ מִיר גְלוֹיבֶּען אִין אַלְלֶע נַארֶעשְׁקֵייטֶען. פַאר דֶעם גֶעלֶעהְרֶנְטֶען מֶענְשֶׁען אָבֶּער, דֶער וָואס קוּקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אָפֶענֶע אוֹיגֶען, פַאר אִיהְם אִיז אִין דִיא גַאנְצֶע נַאטוּר יֶעדֶער זַאךְ אַ קוּנְץ, דִיא גַאנְצֶע נַאטוּר אִיז אַיין גְרוֹיסֶער קוּנְץ, אָדֶער רִיכְטִיגֶער גִיזָאגְט! קֵיין קוּנְצֶען אִיז גַאר נִיט דָא, נוּר אַלְץ פִיהְרְט זִיךְ נָאךְ בֶּעשְׁטִימְטֶע שְׁטֶענְדִיגֶע גֶעזֶעצֶען, וֶועלְכֶע קֶענֶען קֵיין מָאל אַנְדֶערְשׁ נִיט וֶוערֶען.

— וָואס פַאר קוּנְצֶען זֶעהְט אִיהְר דָאס אִין דֶער וֶועלְט אַלְלֶע טָאג? הָאט יִשְׂרָאֵל גִיפְרֶעגְט.

— וִוי הֵייסְט, וָואס פַאר קוּנְצֶען? לָאמִיר אָנְהַאפֶּען, לְמָשָׁל, עֶס גֶעהְט רֶעגֶען, אָדֶער שְׁנֵיי. אִיז דָאס נִיט קֵיין קוּנְץ? פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר פוּן וַואנֶען עֶס נֶעמְט זִיךְ דֶער רֶעגֶען אָדֶער דֶער שְׁנֵיי?

— וָואס אִיז דָא פַארְאַנֶען צוּ פַארְשְׁטֶעהְן? דֶער רֶעגֶען גֶעהְט פוּן הִימֶעל.

— אוּנ פוּן וַואנֶען נֶעמְט זִיךְ דָארְטֶען אִין הִימֶעל דֶער רֶעגֶען?

— וִויא הֵייסְט פוּן וַואנֶען? פוּן וָואלְקֶען.

— אוּנ וָואס אִיז דָאס אַזוֹינְס דֶער וָואלְקֶען? אוּנ וואו נֶעמְט דֶער וָואלְקֶען וַואסֶער?

— זֶעהְט אִיהְר, דָאס וֵויים אִיךְ שׁוֹין נִיט. אִיךְ פְלֶעג אַ מָאל מֵיינֶען אַז דֶער וָואלְקֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן אִין יַם. נוּר אִיךְ הָאבּ גֶעדִינְט אִין אַדֶעס אוּנ אִיךְ בִּין גִיוֶועזֶען כִּמְעַט גַאנְצֶע 4 יָאהְר נֶעבֶּען יַם. הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל נִיט גִיזֶעהֶען אַ וָואלְקֶען הֶערָאבְּלָאזֶען אִין יַם זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען. מַיין פֶעטֶער משֶׁה בֶּערְל כַּאהַאסְטֶער אִיז גֶעוֶועזְ 2 מָאל אִין אַמֶערִיקֶע — עֶר אִיז אַ מָאל אַרִיבֶּער דֶעם יַם, אוּנ עֶר הָאט אוֹיךְ קֵיין מָאל נִיט גִיזֶעהְן, וִוי דֶער וָואלְקֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן.

— אִיז שׁוֹין דֶער רֶעגֶען אַ קוּנְץ? הַיינְט דֶער דוּנֶער? דֶער בְּלִיץ? דֶער וִוינְד וָואס וַוארְפְט אַיין הוּנְדֶערְטְיָארִיגֶע בֵּיימֶער אוּנ פֶערְטְרִינְקְט גְרוֹיסֶע שִׁיפֶען? דֶער גְרוֹיסֶער בּוֹים, וָואס וַואקְסְט הֶערוּיס פוּן קְלֵיינִינְקֶען קֶערֶענְדִיל, דָאס אִיז קְנַאפֶּע קוּנְצֶען?

— אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה נִיט, וָואס רֶעדְט אִיהְר דָא נַארִישְׁקֵייט? גָאט

הָאט דָאס אַלְץ בֶּעשַׁאפֶען אוּנ גֶענוּג. וֶועגֶען וָואס אִיז דָא פַּארַאנֶּען זִיךְ צוּ בְּרֶעכֶען דֶעם מֹחַ. הָאט דֶער קַארַאבֶּעלְנִיק גֶעקְוֶועצְט מִיט דִיא פְּלֵייצֶעס.

—אִיךְ רֵייד דָאךְ מִיט אַייךְ נִיט וֶועגֶען דֶעם, וֶוער דָאס הָאט בֶּעשַׁאפֶען. אִיךְ זָאג אַייךְ נוּר, אַז דָאס זַיינֶען גְרויסֶע קוּנְצֶען, אוּנ אַז דִי גִילֶעהְרְטֶע דֶערְקְלֶעהְרֶען אוּנְז אָט דִי אַלֶע קוּנְצֶען זֶעהְר פְּרָאסְט, קְלָאר אוּנ דֵייטְלִיךְ: וִוי זַיי קוּמֶען פָּאר. פַאר וָואס זַיי קוּמֶען פָאר אַזוי, אוּנ נִיט אַנְדֶערְשׁ.

—אָבֶּער מִיט דִי גִילֶעהְרֶענְטֶע אוּנ ווִידֶער מִיט דִי גִילֶעהְרֶענְטֶע! אַייֶערֶע בִּיכֶער וֵוייסֶען. אֶפְשַׁר אוֹיךְ פַאר וָואס דִי זוּנְן שַׁיינְט בַּיי טָאג אוּנ דִי לְבָנָה בַּיי נַאכְט, אָדֶער וִוי דִי עֶרְד דְרֵייט זִיךְ וִויא זַיי זָאגֶען?

—זַיי וֵוייסֶען דָאס אוֹיךְ. זַייא וֵוייסֶען אוֹיף רִיכְטִיג דֶעם גַאנְג פוּן דִי שְׁטֶערֶען, זַיי קֶענֶען אויסְרֶעכֶענֶען אַ פְּרִיעֶר אוֹיף אַ סַךְ יָאהְרֶען אִין וֶועלְכֶע מִינוּט אֲפִילוּ אִין וֶועלְכֶע רֶגַע יֶעדֶער שְׁטֶערֶען וֶועט שְׁטֶעהֶען אֵיינֶן בֶּעשְׁטִימְטֶען אָרְט. אוּנ זַיי הָאבֶּען קֵיין טָעוּת נִישְׁט. אִיהר גִידֶענְקְט דָאךְ מִסְתָּמָא, אַז מִיט עֶטְלִיכֶע יָאהְר צוּרִיק אִיז גִיוֶוען אַ לִיקוּי הַחַמָּה; אִין דֶער פְּרִיה אִיז אויפְגֶעגַאנְגֶען דִי זוּנְן אוּנ עֶס אִיז גִיוָוארֶען טָאג, וִוי שְׁטֶענְדִיג, נוּר אִין אַ פָּאר שָׁעָה הֶערוּם אִיז מִיט אַ מָאל גֶעוָוארֶען, לֶערֶךְ אויף אַ פָּאר מִינוּט, פִינְסְטֶער, אַזוי וִוי בַּיי נַאכְט. נַאכְהֶער אִיז וַוייטֶער לִיכְטִיג גִיוֶוערֶען. מִיט עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט יָאהְר צוּרִיק, וֶוען עֶס פְלֶעקְט זִיךְ טְרֶעפֶען אַ לִיקוּי הַחַמָּה, פְלֶעגְט מֶען פְרִיעֶר וֶועגֶען דֶעם גָאר נִיט וִויסֶען. פְּלוּצְלוּנְג, אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג אִיז גֶעוָוארֶען פִינְסְטֶער, אוֹיף דֶער זוּנְן אִיז הֶערוּיף גִיגַאנְגֶען אַ גְרויסֶער שְׁוַוארְצֶער שָׂטָן אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען נַאכְט. בְּעֵת מַעֲשֶׂה פְלֶעגֶען זִיךְ אַלֶע גֶעוואהְנְלִיךְ שְׁטַארְק אִיבֶּער שְׁרֶעקֶען, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט, אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט שׁוֹין חָרוּב. נוּר אַז עֶס אִיז צוּרִיק לִיכְטִיג גִיוָוארֶען, אוּנ מֶען הֵייבְּט אָן קְלֶערֶען וָואס אִיז דָאס עֶפֶּעס גִישֶׁעהֶען. דִי סִבָּה פוּן לִקוּי חַמָּה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוּנ יֶעדֶערֶער הָאט גִיזָאגְט וָואס זַיין כֹּחַ הַדִּמְיוֹן — זַיין פַהאנְטַאזִיֶע — הָאט אִיהְם פָּאר־גֶעשְׁטֶעלְט, אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַז אַ שֵׁד הָאט אֵיין גֶעשְׁלוּנְגֶען דִי זוּנְן; אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעמֵיינְט, אַז דִי לְבָנָה הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט דֶער זוּנְן אוּנ זִי הָאט אִיהר גוֹבֵר גִיוֶוען; אַנְדֶערֶע

האבען דערקלערט אז דאס ווייזט אויף איינען אומגליק: אויף מלחמות, אויף הונגער, אויף חאלערע, רחמנא לצלן. אזוי פלעגט עס זיין אמאל. איצט אבער איז עס גיווארין גאנץ אנדערש. די געלעהרטע, וועלכע ערקלערען דעם גאנג פון די שטערען — אדער ווי מען רופט זיי די אסטראנאמער, ווייסען גוט די סבה פון דעם לקוי חמה און זיי ווייסען אפריער ווען עס וועט זיין. זיי קענען אויס רעכענען אויף טויזענדער יאהר א פריער, ווען עס וועט זיין א לקוי חמה דעם לקוי חמה האבען זייא אויך א פריער פארגעזאגט. מיט א לאנגע צייט פריער איז געשטאנען אין די צייטונגען, אין וועלכער סעקונדע וועט זיך אויף יעדער ארט פון דער ערד אנהייבען צו זעהן דער לקוי חמה, וויפיל עס וועט גידויערען און ווען עס וועט זיך ענדיגען. און זיי האבען דאך געטראפען, קיינער האט זיי ניט געחאפט ביי איין גרייז אפילו אויף איינע סעקונדע. קיינער האט זיך ניט געשראקען, אללע האבען געוואוסט אז דאס בעווייזט אויף קיין זאך ניט, ווייל א זאך, וואס האט א בעשטימטע סבה און געהט מיט א רעכענונג, קען קיין שום נביאות ניט בעווייזען. אללע זיינען געגאנגען קוקען אויף די זעלטענע נאטור ערשיינונג גאנץ רוהיג, זיכער אז די וועלט וועט חרוב ניט ווערען: אז אין א ווייל ארום וועט ווייטער ווערען ליכטיג.

— זאלען זיי אזוי וויסען פון זייער קאפ. ווי זיי ווייסען. נור איך וועל אייך שוין נאכגעבען: זאל שוין זיין, אז זיי ווייסען יא, טא וועמען קומט העריין דערפון? וואס האבען מיר פון זייער וויסען?

— ווי הייסט, וואס האבען מיר פון זייער וויסען? און די אייזענבאנען, דאמפשיפען, טעלעגראפען און אללע איבעריגע מאשינען, וואס ארבייטען אין די פאבריקען דאס ברענגט אונז נוטצען, הא? און ווער האט עס אויף ערקלעהרט — אז ניט די געלעהרטע? און די מעדעצין — די דאקטארע מיין איך, וואס היילט קראנקע, די היגיענע, וואס פערהיט געזונדע, זיי זאלען ניט קראנק ווערען? דאס איז אפען פעלד אויס געוואקסען? אויף דעם האבען ניט טויזענדער געלעהרטע געלייגט זייער לעבען? און איהר פרעגט, וואס האבען מיר דערפון, וואס די געלעהרטע ווייסען. נעמט אן למשל א טייך. וואס פאר נוטצען האט דער מענש געהאט פון אים איידער ער האט

זִיךְ עֶרְקוּנְדִיגְט זַיין נַאטוּר , זַיינֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען , דֶעם קְרַאפְט פוּן שְׁטְרָאם ? דֶער טַייךְ הָאט אִים נָאךְ גֶעבְּרַאכְט שָׁאדֶען אִין וֶועסֶנֶע צַייט , וֶוען עֶר הָאט פֶערְטְרוּנְקֶען זַיין שְׁטוּב , הֶערָאבְּגֶעשְׁוֶוינְקְט זַיין פֶערְזֶעהְטֶע פֶעלְד אוּנ אָנְגֶעמַאכְט אַ סַאךְ הֶזֵק . אַז דֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ אָבֶּער גוּט עֶרְקוּנְדִיגְט דֶעם קְרַאפְט אוּנ דִי אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען פוּן וַואססֶער , הָאט עֶר אַלֵיין גֶענוּמֶען שְׁווִימֶען אוֹיפֶען וַואסֶער , עֶר פִיהְרְט סְחוֹרָה אוֹיף שִׁיפֶען אִיבֶּערֶען וַואססֶער ; דִי וַואססֶער אַרְבֵּייט פַאר אִיהְם דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֵּייט , זִי מָאלְט אִיהְם מֶעל , זֶעגְט הָאלְץ , קְלַאפְּט אוֹיס אֵייזֶען אוּנ מַאכְט פַּאפִּיר . אוֹיפִין טַייךְ הָאט מֶען גֶעשְׁטֶעלְט מִילֶען , פַאפֶּערְנֶעס , הַאמֶיערְנֶעס 1) , אוּנ לֶעסַאפִּילְנֶעס אוֹיף צוּ זֶעגֶען בְּרֶעטֶער , מִיט אֵיין וָוארְט , דֶער מֶענְשׁ הָאט אֵיינְגֶעשְׁפַּאנְט דֶעם טַייךְ , עֶר זָאל פַאר אִיהְם אַרְבֵּייטֶען , וִויא אֵיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי . אַז דֶער מֶענְשׁ הָאט זִיךְ גוּט דֶערְוואוּסְט , אִין וֶועלְכֶע צַייט דֶער טַייךְ פֶערְטְרִינְקְט אַללֶע יָאהר , הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אַ צַייט פְרִיעֶר הֶערוּם שִׁיטֶען הוֹיךְ דִי בְּרֶעגֶעס מַאכֶען גְרֶעבְּנִיעֶס , פֶערְצָאמֶען דִי וַואססֶער , אָנְגְרָאבֶּען קְלֵיינֶע קַאנַאלֶען , וואוּהִין דִיא וַואססֶער זָאל הֶערָאבּ רִינֶען , אִינ דֶער טַייךְ אִיז אִיהְם שׁוֹין מֶער נִיט שֶׁעדְלִיךְ . אָט אַקוּרַאט דִיא זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ הָאבֶּען דִי גִילֶעהְרְטֶע גֶעטָאן מִיט פַּארֶע , אֶלֶעקְטְרִי , מַאגְנֶעט , וַוארֶעמְקֵייט אוּנ אַנְדֶערֶע כֹּחוֹת פוּן דֶער נַאטוּר , זֵיי הָאבֶּען גוּט עֶרְלֶערֶענְט זֵייעֶרֶע קְרַאפְט אוּנ זֵייעֶרֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען , דֶער נָאךְ הָאבֶּען זֵייא דִי קְרֶעפְטֶען אֵיינְגֶעשְׁפַּאנְט זֵיי זָאלֶען פַאר אִיהְם אַרְבֵּייטֶען ; זֵיי הָאבֶּען דֶערְקְלֶערְט מַאשִׁינֶען . אֵיידֶער מֶען וֵוייס קְלָאר דִי קְרֶעפְטֶען פוּן דֶער נַאטוּר , גִיוֶועלְטִיגֶען זֵיי אִיבֶּערֶען מֶענְשֶׁען , זֵיי בְּרֶענְגֶען אוּנְז נִיט קֵיין שׁוּם נוּטְץ אוּנ מַאכֶען אוּנְז אָפְּט אָן גְרוֹיסֶע אוּמְגְלִיקֶען . אַז מֶען וֵוייס אָבֶּער קְלָאר אָט דִי קְרֶעפְטֶען , מֶען הָאט גוּט קֶענֶען גֶעלֶערֶענְט זֵייעֶר נַאטוּר , אִיז שׁוֹין דֶער מֶענְשׁ אַ בַּעַל הַבַּיִת אִיבֶּער זֵיי . עֶר הִיט זִיךְ זֵיי זָאלִין אִים נִיט שָׁאדֶען אוּנ עֶר צִיהְט פוּן זֵיי וִוי וֵוייט מֶעגְלִיךְ נוּטְצֶען ; זֵייא פֶערְגְרִינְגֶערֶען אִיהְם זַיין לֶעבֶּען . — אָט דִי אַללֶע מַאשִׁינֶעס , וָואס אִיהְר זָאגְט , זֵיינֶען שׁוֹי אַ מָאל פֶערְצַייטֶען נָאךְ אֵיידֶער אַיְיעֶרֶע פִילָאזָאפֶען זֵיינֶען גֶעבָּארֶען

1) וואו מען קלאפט אוים שטיקער אייזען אא: קופער .

גְעִוואָרֶען, אויךְ גֶעוֶועזֶען נור מֶען הָאט זֵיי פֶערְגֶעסֶען. שְׁלמה הַמֶלֶךְ הָאט דָאךְ גִיזָאגְט; אֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ: אויף דֶער וֶועלְט אִיז נִיט דָא קֵיין נַייֶעס.

— אִיהְר זַייט שׁוין דָא מִיט אַ פָּסוּק? אָט דָאס הָאבּ אִיךְ גָאר לִיבּ! מִיט דִי לוֹמְדִים אִיז דָאךְ אַ אוּמְגְלִיק: דֶער קְלֶער זֵיי עֶפֶּעס, וַוייז זֵיי דָאס אויף קְלָאר, ווִי 2 מָאל 2 אִיז 4, וֶועלֶען זֵיי דִיר נִיט גְלֵייבֶּען; זֵיי אִיז גָאר נִיט וָואס זֵיי זֶעהֶען מִיט דִי אויגֶען, וָואס זֵייעֶר שֵׂכֶל וַוייזְט זֵיי, אַז אַנְדֶערְשׁ קֶען דָאס נִיט זַיין: זֵיי גֶעפִינֶען אַ פָּסוּק אָדֶער אַ גְמָרָא אויף אָפּצוּלֵייקֶענֶען דֶעם שֵׂכֶל מִיט דִי אויגֶען צוּזַאמֶען. דֶער וָואס וַוייס נִיט, קֶען מֵיינֶען, אַז פוּן אֵיין פָּסוּק אויף דֶעם אַנְדֶערֶען, פוּן אֵיינֶע גְמָרָא אויף דֶער אַנְדֶערֶע אִיז גָאר קֵיין מָאל קֵיין קַשְׁיָא נִיט דָא. מִיר וֶועט אִיהְר דָאס דָאךְ אָבֶּער נִיט זָאגֶען: אִיךְ הָאבּ אויף דִי פְּסוּקִים מִיט דִי גְמָרוֹת גֶענוּג גֶעזוּנְד גֶעפַּטֶרְט. אִין דֶער אֶמֶתֶען וֶועט אִיהְר שְׁטֶענְדִיג גֶעפִינֶען, אַז אִין אֵיין גְמָרָא שְׁטֶעהְט אַזוֹי אוּנ אִין דֶער אַנְדֶערֶער גְמָרָא— אַנְדֶערְשׁ, אֵיין פָּסוּק זָאגְט אַזוֹי אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער פּוּנְקְט פַארְקֶערְט. נוּ גֶעפִינֶען דָאךְ דִי רַבָּנִים אַ תֵּירוּץ צוּ פַארֶענְטְוֶוערִין דִי בֵּיידֶע פְּסוּקִים אָדֶער דִי בֵּיידֶע גְמָרוֹת— עֶס זָאל קֵיין קַשְׁיָא נִיט זַיין. זָאלֶען זֵיי זִיךְ אויךְ אֵיין עֵצָה גֶעבֶּען, אַז דֶער פָּסוּק אָדֶער דִי גְמָרָא זָאל נִיט אָפְּלֵייקֶענֶען דָאס, וָואס מֶען זֶעהְט מִיט דִי אויגֶען, אָדֶער מֶען פֶערְשְׁטֶעהְט מִיטֶ'ן שֵׂכֶל, אַז אַנְדֶערְשׁ קֶען דָאס נִיט זַיין! אִיךְ בֶּעט אַייךְ וַוייטֶער, אוֹיבּ אִיהְר ווִילְט מִיט מִיר אַ וִכּוּחַ הָאבֶּען, זָאלְט אִיר זִיךְ וֶוערֶען מִיט מַיין גֶעוֶוער. אִיךְ בְּרֶענְג אַייךְ רַאֲיוֹת פוּן שֵׂכֶל אָדֶער פוּן פַאקְטֶען; אוֹיבּ אִיהְר ווִילְט מִיר אָבְּשְׁלָאגֶען, זָאלְט אִיר מִיר אויךְ אָבְּשְׁלָאגֶען מִיטֶ'ן שֵׂכֶל אָדֶער מִיט פַאקְטֶען, נִיט מִיט פְּסוּקִים. מִיט דֶעם פָּסוּק, אֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ, גִיט זִיךְ אֵיין עֵצָה, פֶערֶענְטְפֶערְט אִיהְם ווִי עֶס אִיז, נוּר דָאס מֶעגְט אִיהְר מִיר גְלוֹיבֶּען, אַז קֵיין אֵייזֶענְבַּאהְן אִיז אִין שְׁלמה'ס צַייטֶען נִיט גֶעוֶועזֶען אַז דִי אַלֶע מַאשִׁינֶעס הָאט מֶען דִי לֶעצְטֶע צַייט דֶערְקְלֶעהְרְט; וְהָרַאֲיָה, אַז זֵיי וֶוערֶען קֵיין מָאל נִיט דֶערְמַאנְט, נִיט אִין דֶער תּוֹרָה, נִיט אִין דֶער גְמָרָא, נִיט אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אוּנ אִין אִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער פוּן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ אויךְ קֵיין מָאל נִיט וֶועגֶען דִי מַאשִׁינֶען. נוּר זָאל זַיין,

איך וועל אייך שוין נאכגעבען, אז די אללע מאשינען האט מען געוואוסט א מאל אויך, נור מען האט זיי פערגעסע. ווער האט זיי איצטער צוריק ענדעקט די וועלט? דאס האבען אלץ ערקלעהרט די געלעהרנטע. אט אויב איהר ווילט ניט שלאפען, און אויב אייך אינטערעסירטעס, וועלען מיר א ביסעל שמועסען אט וועגען די קונצען פון דער נאטור. איך וועל אייך ערקלעהרען. וואס איז חעמי.

— וואס וועלען מיר אללע קענען מאכען טעלעגראפהען און מאשינען? האט דער קאראבעלניק געפרעגט איראניש.

— ניין, דאס ניט, איהר פערשטעהט, למשל ווי עס נעהט זיך שטוועל אדער א קאפאטע, דאך אליין נעען קענט איהר זיי ניט. דאס קען נור דער שוסטער, דער שניידער. אזוי איז דאס אויך: איהר וועט פערשטעהן, ווי דאס ווערט געמאכט, אבער אליין מאכען דאס וועט איר ניט קענען, ווייל דערצו דארף מען האבען א בעל מלאכה, וואס האט זיך עס יאהרען לאנג פאדראבנע געלערענט. איך האב אייך שוין געזאגט, אז איידער די געלעהרטע בענוצען די קרעפטען פון דער נאטור. איידער זיי שפאנען זיי איין צו דינען דעם מענשען, מוסען זיי פריער זיי ערלערנען. זיך ערקונדיגען, ווי די קרעפטען ווירקען אין דער נאטור נאך ערסט, קענען זיי מאכען מאשינען. מאשינען — זענען נאטור קרעפטען, וועלכע דער מענש האט איינגעשפאנט, זיי זאלען איהם פאר שפארען זיין אייגענע הארעוואנע — זיי זאלען פאר איהם הארעווען. כדי איהר זאלט פערשטעהן, ווי די מאשינעס נוטצען דעם מענשען, דארפט איהר אפריער פערשטעהן, ווי די קרעפטען ווירקען אין דער נאטור.

— וואס וועט מיר העררוים קומען דער פון, אז איך וועל שוין דאס פערשטעהען? האט דער קאראבעלניק גיפרעגט מיט א קרים.

— און אז עס וועט אייך גאר ניט העררוים קומען, דארפט איהר דאס ניט פערשטעהען? ניט לאנג האט איהר געלאכט פון די גרוים שטעדטישע, וואס זיי ווייסען ניט ווי הערעטשקע וואקסט; ווי וואלט איהר נאך לאכען פון א מענשען, וועלכער וואלט ניט ווימען, ווי מען נעהט שטיוועל — ער וואלט מיינען אז שטיוועל וואקסען? איהר וואלט זאגען אז ער איז גאר קיין מענש ניט, אז ער איז פראסט א בהמה. און וואס איז רעגען? ווי וואקסט אוים דער

בוים, וואס איז דער דונער, דער בליץ ; די וואססער, וואס מיר טרינקען . די לופט, וואס מיר אטהעמען, אונזער בלוט, אונזער מארך ? דאס דארפען מיר ניט פערשטעהען : דער וואס פערשטעהט דאס ניט, איז ניט איין בהמה ? ער איז א מענש ? וואס וועט אייך העריין קומען, פרעגט איהר, אז איהר וועט פערשטעהען ? דאס פארשטעהן פיר זיך אליין איז א גרויסע זאך . איהר וועט ניט גלויבען אין נארישקייט ; איהר וועט קוקען אויף אלץ מיט אפענע אויגען : דאס איז קנאפ ? ווידער וועל איך אייך זאגען, אז איהר וועט האבען דערפון נוטצען אויך ; קיין מאשינען וועט איהר טאקע ניט מאכען, אבער ווי בעסער צו לעבען, וועט איהר געוויס פארשטעהען ; וויסענדיג נאטור, וועלכע איז הערויס אייך אונ אין אייך, וועט איר זיך אויף יעדער טריט קענען אפולע פערהיטען . איהרע קרעפטען זאלען אייך ניט שאדען, זיי זאלען אייך נאך נוטצען בריינגען . געוואהנליך נעם איך זיך ניט אן אייך צו ערקלערען די גאנצע נאטור . איך וויים זי אליין ניט זעהער פיל, אונ די גאנצע תורה אויף איינן פוס אויסלערנען . קען מען דאך גלאט ניט . מענשען הארעווען אויף דעם זייער גאנצען לעבען, נור מיר וועלען א ביסעל שמועסין . די ביסעל, וואס איך וועל אייך איבער געבען, וועט אייך אויך ניט איבעריג זיין . נו, וואס, דערצאהלען .

—דער צאהלט ! עס איז כדאי צו הערען ! מען דארף דאס וויסען ! האבען זיך אללע אבגערופען .

—איהר וועט ניט וועלען שלאפען ?

—ניין ! האט העשעל געזאגט — געכטין איז דער מיהל געשטאנען ביי נאכט, האבען מיר זיך אויסגעשלאפען . סיי ווי וואלט געוועזען אומעדיג צו זיצען אזוי א גאנצען אבענד . איצטער האבען מיר 7 א זייגער ביז מארגען 9 איז 14 שעה . עס קענען אבגעלעגען ווערען די זייטען ליגענדיג . דער צאהלט !

—אדרבא, דער צאהלט ! איך וועל אויך וועלען הערען ווי דער פארבער פארבט מיט חעמי, האט דער קאראבעלניק געוויצעלט .

—ניט נור דער פארבער פארבט מיט חעמי, נור איהר הייצט אייער אויוועז אונ ברענט פייער מיט חעמי ; אלץ וואקסט מיט חעמי ; אייער מאגען קאכט אונ פערדייט דעם עססען אויך מיט חעמי .

—הוילע נסים! וואס איז דאס שוין די חעמי, איך וואלט שוין וועלען הערען.

—נו איך וועל זיך פרובען אייך דאס ערקלעהרען. עס איז אפילו א שווערע זאך. עס דארף לאנג געדויערן, און א פראסטען, ניט קיין געלעהרענטען מענשען, איז עס שווער צו פערשטעהען.

—רעדט, מיר וועלען פערשטעהען, נישט — קשה — האט זיך אבגערופען מלך — אז איהר לעגט פארנאנדער א זאך, איז אומעגליך ניט צו פערשטעהען. אגב האבען מיר דאך א מויל. אז מיר וועלען עפעס ניט פארשטעהען, וועלען מיר פרעגען,

— נו גוט; נור געדענקט, איהר זאלט האלטען ווארט, איהר זאלט זיך ניט שעמען און פרעגען וואס איהר פערשטעהט ניט, וועל איך עס אייך בעסער הערויסגעבען. נו, און איהר, פרייליינס, וועט אויך הערען וואס? צו איהר ווילט שלאפען?

—ווי דען? מיר זיינען קיין מענשען ניט, וואס? מיר האבען קיין קאפ ניט, וואס? האט חוקע געזאגט ערנסט. — מיר ווילען אויך וויסען. נור דערקלעהרט אונז וועגען פהיזיקע אויך. איך וויל וויסען, וואס איז דאס פאר א מין פהיזיקע, ווי ר' בערל (אזוי האט מען גערופען דעם קאראבעלניק) זאגט.

אללע האבען זיך צולאכט.

—גוט! איך וועל רעדען וועגען חעמי, ווייל ר' בערלען האט זיך צו חעמי שטארק איינגעגעסען אין די ביינער. נור ממילא וועט שוין אוים קומען צו רעדען וועגען פהיזיקע אויך, ווייל אין וויססענשאפט קען מען ניט פארשטעהען, ווען מען ווייס ניט איבעסעל די אנדערע.

II

די מאלעקולען.

—לאמיר אננעמען גאר א פראסטע זאך—האט דער לעהרער אנגעהויבען: אט, למשל ברענט א סטעאריננאווע ליכט. דורך די היטץ פון דעם פלאם ווערט די סטעארין צערשמאלצען. זי צו געהט ווערט

שִׁטֶער . אִין מִיטֶען לִיכְט אִיז הֶערַיין גֶעשְׁטֶעלְט אַ קְנוּיט ; דִי צְוֶוי שְׁמָאלְצֶנֶע שִׁטֶערֶע סְטֶערִין הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף , אַזוֹי וִוי וַואסקֶער , אִיבֶּער דֶעם קְנוּיט אִין דֶער הֵייךְ , בִּיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען בְּרֶעג פוּן קְנוּיט . דָארְטֶען וֶוערְט דִי סְטֶערִין פַארְבְּרֶענְט , אוּנ דֶער פְלַאם צֶערְשְׁמֶעלְצְט אַ נַייֶע שְׁטִיק לִיכְט . אַזוֹי וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער בִּיזְן סוֹף — בִּיז דִי גַאנְצֶע לִיכְט בְּרֶענְט אוֹיס . זָאל דוּכְטֶען , אַז דִי לִיכְט הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט . בְּלַייבְּט דָאךְ אַ קַשְׁיָא : וואוּ אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען דִי סְטֶערִין , פוּן וֶועלְכֶע מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי לִיכְט ? וָואס אִיז מִיט דִי סְטֶערִין גֶעוָוארֶען ?

— אִיךְ זָאג — אַז מֶענְשֶׁען וֶוערֶען מְשׁוּגָע קְלֶערֶענְדִיג ! — הָאט דֶער קַארַאבֶּעלְנִיק אוֹיס גֶעשְׁרִיֶען מִיט כַּעַס . — גֶעהֶערְט אַ קַשְׁיָא ? אִיהְר זָאגְט דָאךְ אַלֵיין , אַז עֶס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען , טוּ וָואס פְרֶעגְט אִיהְר דָא נָאךְ פַאר קַשְׁיוֹת , וואוּ דָאס אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען ?

— אִיהְר ווִילְט , הֵייסְט עֶס , זָאגֶען , אַז דִי סְטֶערִין אִיז פֶערְפַאלֶען גֶעוָוארֶען , עֶס אִיז פוּן אִיהְר גָאר נִיט גֶעוָוארֶען , קֵיין זֵכֶר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען . אַזוֹי קוּמְט בַּיי אַייךְ אוֹיס , וָואס ?

— אַוַדַאי אַזוֹי ! פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ גֶענוּג ! הָאט דֶער קַארַאבֶּעלְנִיק נָאךְ אַ מָאל אִיבֶּער גֶעחַזֶרְט .

— דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה , וָואס , אִין דֶער אֶמֶתֶן , אִיז דִי סְטֶערִין נִיט פֶערְפַאלֶען גֶעוָוארֶען , אוּנְז דוּכְט זִיךְ דָאס נוּר . אַז דִי סְטֶערִין אִיז פֶערְפַאלֶען גֶעוָוארֶען , וַוייל מִיר זֶעהֶען נִיט דִי נַייֶע זַאכֶען , וָואס זַיינֶען אָט פוּן דֶער סְטֶערִין גֶעוָוארֶען .

— בַּאלְד גְלוֹיבּ אִיךְ אַייךְ טַאקִי ! וָואס , אִיהְר וֶועט מִיר אַנְרֶעדֶען אַקִינְד אִין בּוֹיךְ ? אִיךְ זֶעה אַלֵיין , אַז דִי סְטֶערִין אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוּנ עֶס אִיז אֲפִילוּ נִיט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען אַ לֶעק אוֹיף אַ רְפוּאָה . קוּמְט עֶר אוּנ ווִיל מִיר אֵיינְרֶעדֶען מִיט זַיינֶע פִילָאזָאפְיֶע . אַז דִי סְטֶערִין אִיז גַאנְץ , אַיי פַאר וָואס זֶעה אִיךְ אִיר נִיט , וַוייל זִי אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁרֶעטֶעלֶע , אַ רוֹאֶה וְאֵינוֹ נִרְאֶה . אַ קִיה אִיז גֶעפְלוֹגֶען אִיבֶּערֶען דַאךְ אוּנ הָאט גֶעלֶעגְט אַיין אַיי . עֶס אִיז דָא וָואס צוּ הֶערֶען . גְלוֹיבְּט אִיהְם אוֹיפֶען וָוארְט !

— אִיהְר פַארְשְׁפָּארְט מִיר גְלוֹיבֶּען אוֹיפִין וָוארְט . מֶען קֶען זִיךְ לִ״בְּט עֶרְקוּנְדִיגֶען , אַז דִי סְטֶערִין אִיז אִין גַאנְצֶען לְאִיבּוּד נִיט גֶעגַאנְגֶען ,

אִיז נִיט פַאךְפַאלֶען גֶעוָוארֶען . צִינְדְט אָן אַ לִיכְט אוּנ שְׁטֶעלְט אִיהְר הֶערַיין אִין אַ כֵּלִי , וֶועלְכֶע זָאל זַיין פֶערְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטֶען . פְרִיעֶר זָאלְט אִיהְר דִי כֵּלִי מִיט דִי לִיכְט אויסְוֶועגֶען . קֵיין פוּלֶע וֶועט דִי לִיכְט אִין אַזַא כֵּלִי נִיט בְּרֶענֶען , עֶס וֶועט זִיךְ אִין אַ קוּרְצֶער צַייט הֶערוּם פַארְלֶעשֶׁען , וַוייל עֶס וֶועט פֶעהלֶען לוּפְט , נוּר דָאךְ וֶועט אויסְבְּרֶענֶען אַ שְׁטִיקֶעל לִיכְט אֵיידֶער עֶס וֶועט זִיךְ פַארְלֶעשֶׁען . עֶפִינְט דִי כֵּלִי נִיט אויף אוּנ וֶועגְט אִיהְר אִיצְטֶער אָב , אַזוֹי וִוי זִי אִיז אַ פֶערְמַאכְטֶע , וֶועט אִיהְר זֶעהֶען , אַז זִי וֶועט וֶועגֶען אַקוּרַאט אַזוֹי פִיעֶל . וִוי פִיעֶל דִי לִיכְט מִיט דִי כֵּלִי צוּ זַאמֶען הָאבֶּען גֶעווָאגֶען פְרִיעֶר אֵיידֶער אִיהְר הָאט אָנְגֶעצוּנְדֶען דִי לִיכְט . אוֹיבּ , לְמָשָׁל . פְרִיעֶר הָאט דִי כֵּלִי גֶעווָאוֹגֶען אַ פוּנְט . אוּנ דִי לִיכְט אַ פֶערְטֶהייל , וֶועט אִיצְטֶער דִי כֵּלִי וֶועגֶען אַ פוּנְט מִיט אַ פֶערְטֶהייל . הֵייסְט עֶס , אַז חָאטְשׁ אַ שְׁטִיקֶעל לִיכְט הָאט שׁוֹין אוֹיס גֶעבְּרֶענְט , אִיז דָאךְ דִי כֵּלִי מִיט דֶער לִיכְט נִיט גֶעוָוארֶען גְרִינְגֶער אויפֶען וָואג . זִי וֶועגְט דִי זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ וִוי פְרִיעֶר . בְּעֵת דִי לִיכְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע . זֶעהֶען מִיר שׁוֹין קְלָאר , אַז דִי פַארְבְּרֶענְטֶע שְׁטִיקֶעל לִיכְט אִיז נִיט פַארְפַאלֶען גֶעוָוארֶען ; וְהָרַאֲיָה , עֶס וֶועגְט דִי זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ וִוי פְרִיעֶר . וֶוען פוּן דִי אויסְגֶעבְּרֶענְטֶע שְׁטִיקֶעל לִיכְט וָואלְט גָאר נִיט גֶעוָוארֶען , וָואלְט דָאךְ דִי כֵּלִי מִיט דֶער לִיכְט אִיצְטֶער וֶועגֶען וֶועהנִיגֶער , וַוייל דִי לִיכְט אִיז דָאךְ אִיצְטֶער מִיט אַ שְׁטִיקֶעל קְלֶענֶער גֶעוָוארֶען , אוּנ פוּן דִי שְׁטִיקֶעל אִיז דָאךְ גֶעוָוארֶען גָאר נִישְׁט — אוּנ גָאר נִישְׁט הָאט דָאךְ קֵיין וָואג נִיט . הַיינְט אַז עֶס וֶועגְט אָבֶּער פָּארְט אַקוּרַאט אַזוֹי פִיל , ווִיפִיל עֶס הָאט גֶעווָאוֹגֶען פְרִיעֶר , אֵיידֶער דִי שְׁטִיקֶעל לִיכְט הָאט אוֹיס גֶעבְּרֶענְט , מוּס אִיךְ דָאךְ זָאגֶען , אַז דִי אוֹיס גֶעבְּרֶענְטֶע שְׁטִיקֶעל לִיכְט אִיז נִיט גֶעוָוארֶען גָאר נִיט — פוּן אִיהְר זַיינֶען נוּר גֶעוָוארֶען אַנְדֶערֶע זַאכֶען , וֶועלְכֶע מִיר זֶעהֶען נִיט מִיט אוּנְזֶערֶע אויגֶען . וֶוען מִיר וָואלְטֶען דִי לִיכְט פַארְבְּרֶענֶען אִין אֵיין אָפֶענֶע כֵּלִי , וָואלְטֶען אָט דִי זַאכֶען , וָואס זַיינֶען גֶעוָוארֶען פוּן דִי סְטֶערִין , אַוֶועק פְלִיהֶען אִין דֶער לוּפְטֶען , אוּנ דִי לִיכְט וָואלְט אִיצְטֶער קֵיין שׁוּם וָואג נִיט הָאבֶּען , דָאס הֵייסְט , זִי וָואלְט יֶע הָאבֶּען אַ וָואג , נוּר מִיר וָואלְטֶען אִיהְר נִיט קֶענֶען אויסְוֶועגֶען . מִיר הָאבֶּען נִיט וָואס אוֹיס צוּ וֶועגֶען , וַוייל דִי זַאכֶען , וָואס זַיינֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶער סְטֶערִין , וָואלְטֶען נִיט

געווען ביי אונז אין האנד, זיי וואלטען אוועק אין דער לופטען, איצטער אבער, ווען מיר האבען פארברענט די שטיקעל ליכט אין א פארמאכטע כלי, האבען אט די זאכען, וואס זיינען פון דער סטערין געווארען, ניט געהאט דורך וואנען ארויס צו גיין; זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין כלי, אונ די כלי וועגט דערום דאס זעלבע, ווי פריער, איידער די ליכט האט אנגעהויבען ברענען. אונ דאס וואס איהר פרעגט, ווי קען דאס זיין אז אזא זאך זאל זיין אונ מיר זאלען עס ניט זעהען. דאס איז גאר קיין קשיא ניט. מיט וואסער קומט דאס דאך פאר אללע טאג: דאס וואסער איז אין דער אמתן פאראנען אונ מיר זעהען עס ניט. איהר ווייסט גאנץ גוט, אז ווען מען ווארעמט לאנג וואסער, זידט עס אויס. ד. ה. פון איהר ווערט פארע, אונ די פארע צערמישט זיך מיט דעם אויר, מיט דעם לופט, מיין איך. דאס וועט איהר דאך שוין געוויס ניט אבלייקענען אונ דאס קען מען דאך גרינג דערוויזען מיט א פראבע אויך. נעמט אקארשט א קאלטע זאך, נו האטש א טעללער אדער א שיססעל אונ האלט עס איבער דאס זידענדיגע וואסער. די וואסער פארע וועט זיך אנרירען אן דעם קאלטען טעללער. וועט אבגעקילט ווערען אונ וועט ווערען צוריק וואסער. אויפן טעללער וועלען זיך בעוויזען טראפענס וואסער: דער טעללער וועט שוויצען ווי מען זאגט. פריער איז דאך דער טעללער געוועזן א טרוקענער, טו פון וואנען האט זיך איצטער גענומען אויף איהם וואסער. ניט אנדערש, אז די פארע האט זיך אבגעקילט. אונ איז צוריק געווארען וואסער, וועלכע האט זיך אבגעזעצט אויפן טעללער. גיסט אויס א קענדעל וואסער אויפן פאדלאגע: פון די וואסער וועט ווערען פארע, אדער עס וועט אויס געטריקענט ווערען, ווי מען זאגט; נור דא וועט עס ווערען פארע ניט אזוי גיך, ווי די וואסער אין קאכעדיגער סאמאוואר, נור לאנגזאם אונ ביסלעכווייס. אויף אזא-נ-אופען ווערט אויך אויסגעפארעט דאס וואסער אין די טייכען, אין די אזערעס אונ אויך אין ים. איהר ווייסט דאך אז זומער אין די היצען טריקענען די טייכען. דערום איז אומעטום שטענדיג פאראנען אין דער לופט — אין אויר — וואסער פארע, ניט נור דא וואו מען זידט וואסער, נור אומעטום: אין א ווארעמער לופט איז דא מעהרער פארע, אין

אַ קאַלטער — ווייניגער, איצטער דאַרפט איהר שוין, מסתמא, פאַרשטעהען, אַ ווען מען זאָל אַ וואַרעמע לופט אָבקילען, ווערט אַ טהייל פון די פּאַרע, וואָס זי האָט געהאַט אין זיך, ווערען אָבגעקילט און צוריק ווערען וואַסער: די קאַלטע לופט קען אין זיך ניט איינהאַלטען אַזוי פיל פּאַרע, ווי פיל די וואַרעמע. נעמט אַ ליידיגע פלאַש! פאַרשטאָפּט זי אין שטוב שטאַרק מיט אַ קאָריק און טראָגט זי דער נאָך הערויס אויף דרויסען. אין אַ קורצער צייט הערום וועלען זיך אויף די ווענטלעך פון פלאַש אינעווענדיג בעוויזען טראָפּענס וואַסער; די פלאַש וועט שוויצען. פון וואַנען האָט זיך גענומען די וואַסער אין פלאַש? די פלאַש איז דאָך געוועזען אַ טרוקענע? די לופט אין פלאַש איז איצטער אויף דרויסען געוואָרען קעלטער און האָט שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען אין זיך אַזוי פיל וואַסער פּאַרע, ווי פריער, בעת די פלאַש איז געוועזען אין שטוב און די לופט איז געוועזען וואַרעמער; דערום איז איצטער אַ טהייל פון די פּאַרע צוריק געוואָרען וואַסער. אָט דאָס זיינען די טראָפּענס, וואָס האָבען זיך אָבגעזעצט אויף די ווענטלעך פון פלאַש.

— דעריבער, דוכט זיך, שוויצען די שויבען אין שטוב. ניט לעהרער? האָט מלך געפרעגט.

— יע, מלך, איבער דעם. אין שטוב איז די לופט אַ וואַרעמע און זי האָט דערום אין זיך אַפילע וואַסער פּאַרע. די שויבען אין די פענסטער אָבער זיינען קאַלטע, איבער הויפט ווינטער. נעבען פענסטער ווערט די לופט אָבגעקילט און אָבגעקילטערהייט קען זי שוין אין זיך ניט איינהאַלטען אַזוי פיל וואַסער פּאַרע, וויפיל עס איז געוועזען אין איהר פריער וואַרעמערהייט; אָט די איבעריגע פּאַרע, וועלכע האָט שוין מעהר קיין אָרט ניט, ווערט צוריק וואַסער און זעצט זיך אָב אויף די שויבען אין דער געשטאַלט פון קליינע טראָפּענס. ווינטער, בעת די שויבען זיינען זעהר קאַלט ווערען אָט די טראָפּענס וואַסער פערפראָרען און דער פון קומען אָט די אַלערליי שאָנע בלומען און די ביימער מיט שיינע צווייגען, וואָס ווערען ווינטער אויסגעמאָלט אויף אונזערע שויבען אין אַ גרויסען פראָסט. דעמאָלט ווערט פון די פּאַרע שוין ניט קיין וואַסער, נור אייז — וואָס ווערט גלייך פערקילט אויף די שויבען. הייסט עס, אַ

אין אויר — אין לופט איז שטענדיג פאראנען וואסער פארע, און פון דעסט וועגען זעהען מיר דאך די פארע ניט מיטן אויג און מיר קענען איהר ניט פיהלען מיטן האנד, אקוראט אזוי ווי מיר פילען די בעוועגונגען פון דעם אויר ד. ה. דעם ווינד. נור בעת אין דער לופט איז שוין דא זעהער פיל וואסער פארע, וואס דאס טרעפט אין די הייססע זומער טעג פאר א שטורעם, דאס הייסט, פאר א רעגען מיט דונערען און בליצען, ווערט אונז פערשטיקט די לופט, מיר זאגען: „עס פארעט". דעמאלט פיהלען מיר שוין אז אין אויר איז פאראנען וואסער פארע. אין א געוואוינליכע צייט אבער, פיהלען מיר דאס גאר ניט. און ווען ניט די פראקטיקע, וואס ווייזט אונז אפט, אז אין לופט איז שטענדיג פאראנען וואסער פארע, וואלט דאס אונז גאר, אפשר, אויפין רעיון ניט הערויף. הייסט עס אז ניט אין אלץ קען מען זיך פערלאזען אויף אונזערע אויגען, און אויף דעם וואס מען קען יא אנטאפען אדער ניט אנטאפען מיט די הענד. א סך זאכען זעהען מיר ניט און פילען ניט, חאטש אין דער אמתן זיינען זיי פאראנען, און א סאך זאכען קומען אויס אין אונזערע אויגען גאנץ אנדערש. ווי זיי זענען אין דער אמתן. אונז קען זיך אמאל אויסדוכטען, אז בעת מען זידט וואסער ווערט פון איהר גאר נישט — זי ווערט אין גאנצען פארפאלען, און אין דער אמתן ווערט פון איהר נור פארע. און פארע איז אזא מין זאך, אקוראט אזעלכע, ווי דער לופט, מיט וועלכען זי צערמישט זיך: א גרינגע און א דורכלויכטיגע זאך, וואס האט קיין שום קאליר ניט, א גאזארטיגע (לופט ארטיגע) ווי די געלעהרטע רופען דאס אן. אזוי איז אויך בעת די ליכט ברענט דאכט זיך אונז אויס, אז די סטערין, פון וועלכע די ליכט איז געמאכט געווארען, איז אין גאנצען כלה געווארען; עס איז פון איהר קיין זכר ניט געבליבען אין דער אמתן אבער קומט דא פאר גאר איין אנדערע זאך.

— הייסט עס, אז פון דער ליכט ווערט אויך פארע, און די פארע געהט אוועק אין לופט, אקוראט אזוי ווי וואססער בעת עס זידט? האט חוקע געפרופט טרעפען.

— ניין, חוה, עס איז ניט גלייך. דאס וואססער איז דורכען אנווארעמען אנדערש ניט געווארען. איהר צוזאמענשטעלונג האט זי-

ניט געביטען עס איז נור געוואָרען אסך ברייטער אונ דינער. ווען מען זאָל די וואססער פאַרע אָבקילען, וועט זי זיך צוריק צוזאַמען קוועטשען אונ זי וועט ווייטער ווערען וואססער ווי געווען. אָבער פון די זאַכען, וואָס זיינען געוואָרען פון די פאַרברענטע סטערין, וועט איהר שוין צוריק קיין סטערין ניט בעקומען; איהר מעגט זי ווער ווייסט ווי פיעל אָבקילען.

— וואָס איז דאָס דאָרטען פאַר אַמין מאָדנע זאַכען, אונ פאַר וואָס קען מען פון זיי איבער אַ נייעם ניט מאַכען קיין סטערין? האָט העשעל געפרעגט שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— כדי איך דאָס צו ערקלעהרען ווי עס דאַרף צו זיין, איהר זאָלט דאָס גוט פאַרשטעהען, וועל איך מוזען אָנהייבען פון ווייט. איהר דאַרפט וויססען, ברידער, אַז יעדער זאַך, אָדער ווי די גילעהרטע דריקען זיך אויס יעדער קערפער...

— איהר האָט דאָך געזאָגט, יעדער זאַך, רעדט איהר דאָך וועגען אַלץ, ניט וועגען מענשען אונ בהמות, טו וואָס זע זאָגט איהר דערנאָך יעדער קערפער, הייסט עס דאָך נור מענשען, בהמות אָדער חיות, וואָרום ניט קיין לעבעדיגע זאַך האָט דאָך קיין קערפער ניט? האָט איהם מלך איבערגעשלאָגען די רייד.

— ניין, מלך, איך מיין טאַקי אללע זאַכען. וואָס זיינען פאַראַנען אויף דער וועלט, סיי לעבעדיגע, סיי ניט קיין לעבעדיגע, וויל די גילעהרטע רופען אָן קערפער, ניט נור אַ לעבעדיגע זאַך מיט פערשידענע גלידער, נור יעדער זאַך. וואָס פאַרנעמט איין אָרט. ד. ה. אַלץ, וואָס איז פאַראַנען אויף דער וועלט: האָלץ, שטיין, אייזען, וואססער, מיט איין וואָרט, אַלץ הייסט ביי זיי איין קערפער. יעדער קערפער, וועלכען איהר וועט נור אָנהאַפּען — ערד, וואססער, לופט, שטיין אונ אַללע איבעריגע קערפערס בעשטעהען פון זעהר קליינינקע חלקים — לאַך. ווען איהר זעהט, למשל, אַ שטיק אייזען, דאַרפט איהר וויססען, אַז דאָס איז ניט קיין דורכאויסיגע שטיק אייזען, נור די שטיק אייזען בעשטעהט פון מילליאָנען פיצינקע ברעקעלעך אייזען, אונ צווישען איין ברעקעלע אייזען ביז דער אַנדערער איז פאַראַנען אַ פיצינקער שפּאַלטעלע, זעהר אַ פיצינקער וועלכען מיר קענען מיט אונזער אויג ניט זעהען.

פון אַזֶעלְכֶע חֲלָקִים—לֶעךְ (דָאס הֵייסְט בְּרֶעקְלֶעךְ, אויף וֶועלְכֶע דֶער קֶערְפֶּער אִיז צוּטְהֵיילְט) בֶּעשְׁטֶעהְט יֶעדֶער קֶערְפֶּער, וָואס אִיז נוּר פַּארְהַאנֶען אויף דֶער וֶועלְט. אָט דִי חֲלָקִים—לֶעךְ זֵיינֶען אַזוֹ קְלֵיין, אַזֶעלְכֶע פִּיצֶעלֶעךְ אַז נִיט נוּר וָואס מֶען קֶען זֵיי נִיט אָנְטַאפֶּען מִיטֶן הַאנְד אָדֶער דֶערְזֶעהֶען מִיט אַ פְּרָאסְטֶער אוּמְבֶּעוַואפֶענְטֶער אוֹיג, נוּר אֲפִילוּ אִין דִי שְׁטַארְקְסְטֶע מִקְרָאסְקָאפֶּען, זֶעהְט מֶען זֵיי אויךְ נִיט.

—וָואס אִיז דָאס פַאר אַ מִין קָאפּ? הָאט חַוֶקֶע גֶעפְרֶעגְט.

—אַ מִיקְרָאסְקָאפּ אִיז אַזַא מִין פַּארגְרֶעסֶער גְלָאז, וָואס דוּרְךְ אִיהְר קוּקֶענְדִיג קוּמְט אוּנְז יֶעדֶער זַאךְ פָאר אִין אַ פָאר טוֹיזֶענְט מָאל גְרֶאסֶער, וִוי עֶס אִיז אִין דֶער אֶמֶתְ'ן. מִיט אַ פְּרָאסְטֶער אוֹיג קֶען מֶען נִיט יֶעדֶער זַאךְ דֶערְזֶעהֶען, אָבֶּער דוּרְךְ אַ מִיקְרָאסְקָאפּ—דוּרְךְ אַ פַּארְגְרֶעסֶער גְלָאז, וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט, קֶען מֶען עֶס גוּט בֶּעקוּקֶען. דִי מִיקְרַאסְקָאפֶּען הָאבֶּען זֵייעֶר פִיל נוּטְצֶען גֶעבְּרַאכְט דֶעם מֶענְשֶׁען. עֶס אִיז פַּארְהַאנֶען אֲפִילֶע זַאכֶען, וָואס פְרִיעֶר הָאט מֶען פוּן זֵייא נִיט נוּר גֶעוואוּסְט, נוּר עֶס הָאט גָאר קֵיינֶעם אוֹיפֶן רַעְיוֹן נִיט גֶעקֶענְט הֶערוּיף, אַז זֵיי זֵיינֶען פַּארַאנֶען, אוּן אִיצְטֶער זֶעהְט מֶען זֵיי דוּרְךְ דִי פַּארגְרֶאסֶער גְלֶאזֶער, —דִי מִיקְרָאסְקָאפֶּען לָאמִיר אָנְחַאפֶּען, לְמָשָׁל, וַואסֶער. מִיט אַ פְּרָאסְטֶער אוֹיג קוּקֶענְדִיג, וֶועט אִיהְר אִין אִיהְר גָאר נִיט זֶעהֶען: וַואסֶער, וִוי גֶעוואֹהְנְלִיךְ. מֶען קֶען, אֶפְשָׁר מֶער נִיט זָאגֶען אַ מָאל, אַז עֶס אִיז נִיט גֶעשְׁמַאק, נִיט זֶעהְר פְרִישׁ, בְּלָאטֶעגְלִיךְ. אָבֶּער פְּרוּפְט אַקָארְסְט הֶערוּנְטֶער לֶעגֶען אַ טְרָאפֶּען וַואסֶער אוּנְטֶערֶען מִיקְרָאסְקָאפּ — אוּנְטֶערֶן פַּאר־גְרֶאסֶער גְלָאז, מֵיין אִיךְ, וֶועט אִיהְר אִין דֶעם טְרָאפֶּען וַואסֶער דֶערְזֶעהְן צֶעהְנְדְלִיגֶע טוֹיזֶענְדֶער זֶעהְר קְלֵיינִינְקֶע לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁע־פֶענִישֶׁען פוּן פֶערְשֵׁידֶענֶע גֶעשְׁטַאלְטֶען. מִיט אַ פְּרָאסְטֶער אוֹיג קֶענְט אִיהְר אָט דִי בְּרוּאִים—לֶעךְ נִיט זֶעהֶען, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֶעהְר קְלֵיין—אַזוֹי קְלֵיין, אַז אִין אֵיין טְרָאפֶּען וַואסֶער קֶענֶען זִיךְ גֶעפִינֶען עֶטְלִיכֶע מִילְלְיָאנֶען אַזֶעלְכֶע בְּרוּאִים—לֶעךְ.

—עֶס קֶען זַיין אַז דוּרְךְ דִי גְלֶאזֶער דוּכְט זִיךְ עֶס נוּר אוֹיס אַזוֹי, אַז אִין דָאס וַואסֶער אִיז פַּארְהַאנֶען, אֲפִילֶע חַיָה'לֶעךְ; אִין דֶער אֶמֶתְ'ן אָבֶּער אִיז דָארְטֶען קֵיין זַאךְ נִיט דָא? הָאט מֶלֶךְ גֶעפְרֶעגְט, אֵיהְם הָאט זִיךְ נִיט גֶעגְלוֹיבְּט.

—נֵיין, מֶלֶךְ, דִי פַארְגְרֶאסֶערְ גְלֶאזֶער נַארֶען אוּנְזֶער אוֹיג נִשְׁט אָב, זֵיי וַוייזֶען אִיהְר נוּר דָאס. וָואס אִיז אִין דֶע־ר אֱמֶתְן פַאר־אַנֶען. אוֹיךְ, אַז אִיהְר וֶועט נֶעמֶען אַ טְרָאפֶּען גַאנְץ רֵיינֶע וַואסֶער — לְמָשָׁל, פוּן אַזֶעלְכֶע וַואסֶער, וָואס מֶען קֶען בֶּעקוּמֶען פוּן אָבּ־גֶעקִילְטֶע וַואסֶער פַּארֶע — אִין אַזַא טְרָאפֶּען וַואסֶער וֶועט אִיהְר דוּרְךְ אַ מִיקְרָאסְקָאפּ אוֹיךְ גָאר נִיט זֶעהְן, וַוייל דָארְטֶען אִיז אִין דֶער אֱמֶתְן גָאר נִיט דָא. אַזֶעלְכֶע בְּרוּאִים — לֶעךְ פֶּערְפְלָאדְזֶען זִיךְ נוּר אִין בְּלָאטִיגֶע, אִיבֶּערְגֶעפִירְטֶע וַואסֶער, דִיזֶע בְּרוּאִים לַאךְ רוּפֶען דִי גֶעלֶעהְרְטֶע אָן "מִיקְרָאבֶּען„ — ד. ה. אַזֶעלְכֶע בְּרוּאִים — לַאךְ, וֶועלְכֶע מֶען קֶען נוּר זֶעהְן דוּרְךְ אַ מִיקְרָאסְקָאפּ.

— מִיר לֶעגְט זִיךְ דָאס נָאךְ אַלְץ אוֹיף דֶעם זִינֶען נִיט — הָאט אַבְרָהָם גֶעזָאגְט פַאר—קְנֵייטְשֶׁעְנְדִיג דֶעם שְׁטֶערְן — פַאר וָואס זֶעהְט מֶען דִי חַיָה'לֶעךְ נִיט מִיט קֵיין פְּרָאסְטֶע אוֹיג אוּנ נוּר דוּרְךְ אַ קָאפּ...?

— מִיקְרָאסְקָאפּ. הָאט אִיהְם דֶער לֶעהְרֶער פַארְרִיכְט.

— יֶע, אַ מִיקְרָאסְקָאפּ. פַאר וָואס זֶעהְט מֶען זֵיי דוּרְךְ אַ מִיקְרָאסְקָאפּ יֶע אוּנ אַזוֹי מִיט אַ פְּרָאסְטֶער אוֹיג נִיט?

— מִיר קֶענֶען זֵיי נִיט זֶעהֶען, וַוייל זֵיי זֵיינֶען זֶעהְר פִיצִינְקֶע, בְּרֶעקֶעלֶעךְ, דִי פַארְגְרֶאסֶערְ גְלֶאזֶער אָבֶּער פַאר גְרֶאסֶערְן יֶעדֶער זַאךְ אִין עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְט מָאל אַזוֹי פִיל, וִוי זֵיי זֵיינֶען אִין דֶער אֱמֶתְן. דֶערוּם קֶען מֶען זֵיי דוּרְךְ דִי גְלֶאזֶער יֶע זֶעהֶען. אַז אִיר וֶועט, לְמָשָׁל, אַוֶועק גֵיין פוּן מִיר פַאר אַ וִוְיארְסְט 5, וֶועל אִיךְ דָאךְ שׁוֹין אַייךְ מֶעהְר נִיט זֶעהֶען. נוּר אַ הוֹיכֶען בּוֹים אָדֶער אַ שְׁפִּיץ קְלוֹיסְטֶער, וֶועל אִיךְ פוּן אַזַא וַוייטְקֵייט זֶעהֶען גַאנְץ גוּט, וַוייל זֵיי זֵיינֶען אַסַךְ הֶעכֶער פַאר אַייךְ. וֶוען אִיהְר וָואלְט, לְמָשָׁל, פְּלוּצְלִינְג אוֹיס גֶעוַואקְסֶען אַזוֹי הוֹיךְ וִוי דֶער בּוֹים, אָדֶער וִוי דֶער קְלוֹיסְטֶער, וָואלְט אִיךְ אַייךְ אוֹיךְ גֶעוִויס גוּט גֶעזֶעהֶען. נוּ, אָט דִי זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ טְהוּעֶן דִי מִיקְרָאסְקָאפֶּען מִיט יֶעדֶער זַאךְ, וָואס אִיז לֶעבֶּען זֵיי. אוֹיף אַ וַוייטֶע זַאךְ קֶען מֶען דוּרְךְ דִי מִיקְרָאסְקָאפֶּען נִיט קוּקֶען. יֶעדֶער זַאךְ, אוֹיף וֶועלְכֶע אִיהְר קוּקְט פוּן נָאנְטֶען דוּרְכֶן מִיקְרָאסְקָאפּ, פַארְגְרֶעסֶערְט עֶר עֶס אִין אַ סַאךְ מָאל. וֶוען דִי זַאךְ אִיז אַזוֹי קְלֵיין, אַז אִיהְר קֶענְט עֶס מִיט אַ פְּרָאסְטֶער אוֹיג נִיט דֶערְזֶעהֶען, אֲפִילוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ לֶעבֶּען אַייךְ, זֶעהְט עֶס אוֹיס דוּרְכֶן מִיקְרָאסְקָאפּ, אַ סַךְ

גרעססער, ווי עס איז אין דער אמתן און איהר קענט עס יא זעהען.

— קונציגע זאך, ווי איך בין איד! וואס מענשען קענען אויס קלערען! נו; טו פאר וואס קען מען דורך די זעלביגע מיקראסקאפען ניט זעהען די קליינינקע חלקים־לעך, פון וועלכע יעדער קערפער איז צינויפגעשטעלט? האט אברהם ווידער געפרעגט.

—די חלקים־לעך זיינען גאר ברעקעלעך, א סך קלענערע פאר די ברואים—לעך, וואס געפינען זיך אין וואסער און אין לופט. דערום קאן מען זיי דורך אונזערע מיקראסקאפען אויך ניט זעהען. מיר האבען נאך ניט אזעלכע שטארקע מיקראסקאפען, וואס זאלען אויף אזוי פיל פארגרעססערען.

בערעכענט נור אליין: אין יעדער טראפען וואסער געפינען זיך עטליכע מיליאנען מיקראבען, און יעטווידער מיקראב בעשטעהט ווידער פון עטליכע מיליאנען חלקים—לעך, דארף מען דאך די מיקראבען פארגרעססערען אין עטליכע מיליאן מאל, כדי מען זאל קענען זעהן די חלקים־לעך, פון וועלכע זיי בעשטעהען— און אזעלכע שטארקע מיקראסקאפען האבען מיר נאך ניט. לאמיר זיך אומקערען צו אונזער פריערדיגען משל: מיר האבען גערעדט, אז אויב איהר וועט, למשל אוועק געהען פאר א ווארסט 5 פון מיר, וועל איך אייך שוין ניט זעהען. נור ווען איהר וועט מיט א מאל אויס וואקסען און ווערען אזוי גרויס, ווי א גרויסער בוים, וואלט איך אייך פאר אזא ווייטקייט אויך גיזעהען. נור אבער די פעדים, פון וועלכע אייער העמד איז אויס געוועבט, וועל איך דאך דעמאלט אויך ניט זעהען. אויף אזא ווייטקייט קען איך נור דער זעהען, אז עס שטעהט, למשל, א דעמבע בוים. אבער איך קאן ניט בעמערקען יעדער בלאטטעל בעזונדער. איך קען ניט דערזעהען די אדערלעך, וואס בעדעקען דורך אוים דאס גאנצע בלאטטעל. נור פון דעם וואס איך זעה ניט די בלאטטער אין די אדערלעך, איז נאך ניט געדרונגען אז אויפען בוים איז ניט דא קיין בלעטער. און אויף די בלאטטער—קיין אדערען. דאס בעווייזט אונז נור, אז זיי זיינען אזוי קליין, אז מען קען זיי פאר אזא מרחק— אויף אזא ווייטקייט ניט דערזעהען.

— נו, אז קיינער האט נאך אין זיין לעבען ניט גיזעהען אט

דִי קְלֵיינֶע חֲלָקִים־לֶעךְ זַייעֶרֶע, טו פוּן וַואנֶען וַוייס מֶען אַז זֵיי זֵיינֶען בֶּאֱמֶת גָאר פַארְאַנֶען? הָאט מֶלֶךְ גֶעפְרֶעגְט, דִי בְּלֶעטְטֶער וַוייס אִיךְ אַז זֵיי זֵיינֶען פַארְאַנֶען, וַוייל אַז אִיךְ גֶעה צוּ נֶאנְטֶער, זֶעה אִיךְ זֵיי; אָבֶּער דִי חֲלָקִים־לֶעךְ, וָואס אִיר זָאגְט, קֶען אִיךְ דָאךְ קַיין מָאל נִיט זֶעהֶען?

— פַארְשְׁטֶעהְט אִיהְר מִיךְ, דִי גֶעלֶעהֶערְטֶע זֵיינֶען, וִוי ר׳ בֶּערֶל זָאגְט, גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסִים אוּנ זֵיי גְלוֹיבֶּען אִין קַיין זַאךְ נִיט, וואוּ זֵיי הָאבֶּען אוֹיף דֶעם נִיט קַיין שְׁטַארְקֶע רַאְיוֹת. אַז דִי חֲלָקִים־לֶעךְ זֵיינֶען בֶּאֱמֶת פַארְאַנֶען, אוּנ אוֹיךְ דָא אַסַךְ רַאְיוֹת, נוּר דָאס זֵיינֶען אַלְץ אַזֶעלְכֶע רַאְיוֹת, וָואס כְּדֵי זֵיי צוּ פַאר שְׁטֶעהֶען דַארְף מֶען קָאנֶען אַסַךְ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען, וָואס אִיהְר קֶענְט עֶס נִיט. אִיהְר וַוייסְט דָאךְ אַז מִיט אַמָאל קֶען מֶען קַיין לַמְדָן נִיט וֶוערֶען, מֶען קֶען נִיט אוֹיס לֶערְנֶען כּוּלָה תּוֹרָה אוֹיף אֵיין פוּס. אִיהְר וַוייסְט אַז דֶער רָב וַוייס גֶעווִיס פַאר וָואס עֶר מַאכְט טְרֵף אָדֶער כָּשֵׁר דִי שַׁאֲלָה, נוּר אִיהְר קֶענְט דֶעם טַעַם דֶערפוּן נִיט פַארְשְׁטֶעהֶען, וַוייל דֶער צוּ דַארְף מֶען קָאנֶען אַסַךְ לֶערְנֶען. אַזוֹי אִיז אִין וִויסֶענְשַׁאפְט אוֹיךְ פַארְאַנֶען אַסַךְ זַאכֶען, וָואס אַ מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶער הָאט קַיין זַאךְ נִיט גֶעלֶערְנְט, אִיז עֶס שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֶעהֶען דָאךְ וֶועל אִיךְ פְּרוּפֶען בְּרֶענְגֶען אַייךְ אַ פָּאר רַאְיוֹת, וֶועלְכֶע אִיהְר וֶועט יָא פַארְשְׁטֶעהֶען.

נֶעמְט אַ גְלָאז וַואסֶער מִיט אַ גְלָאז סְפִּירְט אוּנ צֶערְמִישְׁט זֵיי צוּזַאמֶען, וֶועט אִיהְר בֶּעקוּמֶען וֶועניגֶער וִוי 2 גְלֶעזֶער בְּרָאנְפֶען. פַאר וָואס אִיז דָאס? בֵּיידֶע גְלֶעזֶער זֵיינֶען דָאךְ גֶעוֶוען פוּלֶע, פַאר וָואס זְשֶׁע פֶעלְט עֶס אִיצְטֶער דִי 2 גְלֶעזֶער? וואוּ אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען דָאס בִּיסֶעל, וָואס פֶעהלְט? פַארגָאסֶען הָאט זִיךְ, דוּכְט זִיךְ נִיט. דִי מַעֲשֶׂה דֶערפוּן אִיז גַאנְץ אֵיינְפַאךְ: אִי סְפִּירְט, אִי וַואסֶער בֶּעשְׁטֶעהֶען בֵּיידֶע פוּן קְלֵיינֶע חֲלָקִים־לֶעךְ — אוּנ צְווִישֶׁען דִי חֲלָקִים־לֶעךְ זֵיינֶען פַארְאַנֶען לֶעדִיגֶע עֶרְטֶער, שְׁפֶּאלְטֶעלֶעךְ. אִיצְטֶער, אַז אִיהְר צֶערְמִישְׁט דֶעם סְפִּירְט מִיט דֶעם וַואסֶער גֶעהֶען אַסַךְ חֲלָקִים־לֶעךְ סְפִּירְט הֶעריין אִין דִי שְׁפֶּאלְטֶעלֶעךְ, וָואס צְווִישֶׁען דִי חֲלָקִים־לֶעךְ פוּן דִי וַואסֶער, דֶערוּם דַארְפֶען זֵיי שׁוֹין קַיין בֶּעזוּנְדֶערֶען אָרְט נִיט פַארְנֶעמֶען. דִי זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ גֶעהֶען אוֹיךְ אַסַאךְ וַואסֶער חֲלָקִים־לֶעךְ הֶעריין אִין

די שפאלטעלעך פון דעם ספירט, דערום פארנעמט עס איצטער קיין 2 גלעזער ניט.

— הייסט עס, — האט חוקע אבגערופען: אז יודעל דער קרעטשמער צערמישט א קווארט בראנפען מיט א קווארט וואסער, האט ער נעבאך, אפשר, א גאנצע גלאזעל הזק. א רחמנות אויף איהם! אללע האבען זיך צולאכט.

— אודאי אזוי! — האט ישראל געזאגט לאכענדיג: — אט זעהט, חנה שאקעלט אויך צו מיטן קאפ אויף יע. יע, חנה?

אללע האבען זיך פון דאס ניי שטארק צולאכט. חנה איז שוין טאקי א לאנגע צייט געזעססען אונ האט געפיקט מיטן נאז.

נאך א ראיה: דאס ווייסט איהר דאך מסתמא אללע. אז ווען מען ווארעמט אן א זאך, ווערט עס בּרייטער. דאס הייסט, עס פארנעמט מערער ארט, ווי פריער. פארקערט, ווען מען קילט אב א זאך, ווערט עס צונויפגעקוועטשט. ד. ה. עס פארנעמט וויינייגער ארט. נעמט, למשל, א טשוואק, ברענט איהם שטארק אן אונ שלאגט איהם הערייִן אין א ברעט. שפעטער, ווען דער טשוואק וועט זיך אבקיהלען, וועט מען איהם לייכט קענען הערויס נעמען פון ברעט, חאטש איהר האט איהם פריער שטארק הערייִנגעשלאגען. דאס איז דעריבער, ווייל די אייזען האט זיך אב געקיהלט אונ איז געווארען קלענער, שמאלער, דער טשוואק איז איצטער געווארען דינער, אונ די לאך אין ברעט איז געבּליבען די זעלביגע וואס פריער, בעת איהר האט דען הייסען טשוואק הערייִנגעשלאגען. דעריבער נעמט זיך דער טשוואק גרינג הערויס. אויב איהר ווילט זיך עס בעסער ערקונדיגען, געהט אין קוזנע אונ קוקט זיך איין, ווי דער שמיד בעציהט די ראד מיט איין אייזערנעם רייף, א שינע, אדער ווי מען זאגט, ער שמידט די ראד. אפריער ברענט ער אן די שינע ביז רויט אונ דער נאך ציהעט ער זי הערויף אויפן ראד. פריער איז די שינע אביסעלע צו בּרייט, זי געהט הערויף פריי אויפן ראד; נור אז זי קיהלט זיך אב ציהט זי זיך איין, זי ווערט שמאלער אונ נעמט הערום שטייף די ראד.

— טאקי, אזוי איז דאס! האט זיך חוקע דעם שמידס מאדיל אבגערופען.

—א כשר־ער עדות! האט ישראל געזאגט מיט א שמייכעל,
—אקוראט אזוי—האט דער לעהרער ווייטער גערעדט:
ווירקט די ווארעמקייט אויף אללע קערפערס אין דער נאטור: אויף הארטע (דהיינו אייזען, האלץ, שטיין) אויף פליססיגער דהיינו וואסער, ספירט, אלקאהול אויף גאזען, אדער ווי מען רופט זיי אנדערש אן לופטארטיגע, ד. ה. אזעלכע קערפערס, וואס זיינען אזוי גרינג, דורכזיכטיג און רירענדיג, אזוי ווי די לופט, וואס איז הערום אונז, דהיינו די לופט, וואססער פארע און דאס גלייכען. נו אויך, אפילו אזא הארטער קערפער, וויא אייזען, ווערט פון קעלט צונויפ־געקוועטשט, איז דען דאס ניט די בעסטע ראיה, אז אייזין בעשטעהט אויך, ווי אללע אנדערע קערפערס פון פיציקע חלקים־לעך — און צווישען די חלקים־לעך איז פאראנען קליינינקע שפאלטעלעך. האטש אי די חלקים־לעך אייזען. אי די שפעלטעליך, וואס צווישען זיי זיינען אזוי קליין אז מיר קאנען זיי ניט זעהען, פון דעסט וועגען זיינען זיי פארט פאראנען; ווארום אויב מיר וועלען אין דער אמתן זאגען, אז עס איז גאר ניט דא קיין שום צווישענשייד, קיין שום שפאלטעלעך אין דעם גאנצער קערפער, למשל, דער גאנצער אייזערנער טשוואק, בעשטעהט פון איין דורכאויסיגע שטיק אייזען, אויב אזוי איז דאך א קשיא: ווי זשע קען ער זיך צינויפקוועטשען, בעת מיר קיהלען איהם אב? פארוואס פארנעמט ער דאמאלט ווייניגער ארט? דאס אייזען האט דאך ניט גיקענט זיך העריינרוקען אין זיך אליין; דאס איז דאך אונמעגליך, וואו איין קערפער ליגט, קען מען קיין אנדער קערפער ניט אוועקלייגען, כל זמן מיר האבען דעם ערשטען ניט צוגענומען. אז מיר וועלען אנגיסען א פולע גלאז וואססער, נאכהער וועלען מיר אין גלאז העריינשיטען זאמד, אדער מיר וועלען אריינווארפען א שטיין, וועט זיך דאך א טהייל פון די וואססער געוויס אויסגיסען, ווייל אין איין ארט קען מען ניט אין דער זעלבער צייט אוועקלעגען אי דאס וואססער, אי דעם שטיין. דעריבער אז מיר האבען העריינגעווארפען דעם שטיין, האט זיך הערויס געגאסען אקוראט אזוי פיעל וואססער, וויפיעל עס איז געוועזן אויף דעם ארט, וואו דער שטיין ליגט איצטער, דאס זעלביגע זאך איז אויך ביים אייזען: ווען דער טשוואק וואלט בעשטאנען נור פון איין

געדיכטער, דורכבאויסיגער שטיק אייזען, טא ווי וואלט ער זיך קענען
צונויפקוועטשען בעת מען קילט אים אב, און ווערען ברייטער ביי דעם
אנוואַרעמען. ווי מיר האבען שוין גערעדט קען דאך דער טשוואק
ניט העריין אין זיך אליין, דאס הייסט איין שטיקעל טשוואק קען
ניט פארנעמען דעם ארט פון דעם אנדערן שטיקעל. אבער אויב
דער טשוואק בעשטעהט ניט פון איין דורכבאויסיגע שטיק אייזען,
נור פון אסך קליינינקע טהיילכעלעך, פון א מאססע פיצעלעך אייזן,
וועלכע זענען אבגעטהיילט איינער פון דעם אנדערן מיט פיצינקע
צווישענשיידען, שפעלטעלעך — אויב מיר וועלען אזוי זאגען — וועט
זיין רעכט. איצטער, ווען מיר וועלען אבקיהלען די זאך, וועלען
זיך נור די טהיילכאלעך צו רוקען נעהנטער — שטייפער איינער צום
אנדערן, די שפעלטעלעך, וואס צווישען זיי, וועלען ווערען קלענער,
און דער פון וועט זיך דער גאנצער קערפער צונויפקוועטשען,
ד. ה. ווערען דינער און קירצער. מיר וועלען אננעמען איין אנדער
זאך. איהר ווייסט דאך אז אין אויר איז אלע מאל פאראנען וואסער —
פארע, און פון דעסטוועגען זעהען מיר זיי ניט נור ווען מיר קוקען
מיט א פראסטע אויג, נור ווען מיר קוקען אפילו מיט א מיקראסקאפ,
זעהען מיר זיי אויך ניט. אין וואס פאר א געשטאלט, געפינט זיך
די וואססער אין לופט און פאר וואס קענען מיר זיי מיטען אויג
ניט בעמערקען? די מעשה דער פון איז אזוי: די וואססער, וועלכע
טראגט זיך אין דער לופטען, די פארע, בעשטייט איצטער אויך
פון די זעלביגע קליינינקע טהיילכעלעך, פון וועלכע די וואססער
איז פריער בעשטאנען; נור דא זענען די טהיילכאלעך אזוי ברייט
פון אנדער גערוקט, אז יעדער פון זיי איז ווייט פון דעם אנדערן
פון איהם, און וויל די טהיילכעלעך זענען אזוי קליין, אז מיר
קענען זיי נור זעהען ווען מיר האבען מיליאנען צוזאמען, אבער
יעדערען בעזונדער קענען מיר ניט זעהען, דערום זעהען מיר אויך
ניט די וואססער פאר. נור דאך ווייסען מיר געוויס אז זי איז פאר-
אנען אין אויר. אין פליססיגע וואססער אבער זענען די טהיילכעלעך
א סך נאהנטער איינער צו דעם אנדערן; מיר זעהען דא אויך ניט
יעדער טהיילכעלע בעזונדער, נור מיר זעהען זיי אלעמען צוזאמען,
און ניט נור וואס מיר זעהען זיי, מיר קענען זיי אויך מיט די האנד

אנטלאפען, הייסט עס, אז מען קען גלויבען, אז יעדער קערפער בעשטעהט פון א זעלכע קליינינקע חלקים־לעך. אט די חלקים־לעך רופען די געלעהרטע אן מאלעקולען.

איהר זאלט דעם ווארט גוט געדענקען, ווייל ווייטער, ווען איך וועל דארפען דערמאנען די קליינע חלקים׳לעך, פון וועלכע יעדער קערפער בעשטעהט, וועל איך זיי אנרופען מיט דעם איין ווארט „מאלעקולען”, וועט איהר געדענקען?

— ווי דען? האט חוקע געזאגט מיט א שמייכעל: מעהל־קוגלען: טפו מאלעקולען, מיין איך.

— דאס, וואס איך האב אייך דא ביז אהער דערצאהלט, איז ביי אייך געוועזן א נייעס, נור דאס איז נאך גאר ניט. איהר וועט זיך נאך מעהר פערוואונדערען, ווען איך וועל אייך זאגען, אז די מאלעקולען שטעהען ניט אויף איין ארט, אונ די ווייטקייט פון איין מאלעקול ביז דעם אנדערן איז ניט אללע מאל די זעלביגע; די מאלעקולען רוהען איין רגע ניט, זיי רירען זיך שטענדיג נאכאנאנד הין אונ צוריק, אקוראט אזוי ווי דער פערפענדיקעל, אדער אומרוה פון זייגער, חאטש ווייט געהען זיי איינער פון אנדערן ניט אוועק. אט דאס רירען זיך פון די מאלעקולען איז אזוי שווער צו בעמערקען, זיי געהען אזוי ווענינג אוועק איינער פון דעם אנדערן, דאס מען קען גיכער זאגען, ניט אז זיי רירען זיך, נור אז זיי וויגען זיך, זיי ציטערען, זיי טרייסלען זיך אויף איין ארט, אזוי ווי, למשל, די סטרונע פון פידעל, בעת מען דערלאנגט איבער איהר א קלאפ מיטן פינגער, אדער אזוי ווי עס ציטערט, למשל, די מעש פון גאפעל, ווען איהר דערלאנגט איהם א קלאפ איבערן טיש אונ לייגט איהם גלייך צו, צו די ציינער. נור דאס ציטערען פון די מאלעקולען זענען מיר ניט אום שטאנדע צו זעהען, ניט צו פיהלען מיטן האנד, דאך ציטערען זיי שטענדיג— אהן איין אויפהער אפילו אין אזעלכע קערפערס, ווי שטיין, אייזען, גאלד אונ ד. ג. וועלכע זעהען אונז אויס פאר דוממים ד. ה. אונז קומט אויס, אז זיי ליגען שטענדיג אונ געבען זיך אליין דעם קלענסטען ריר ניט.

— אבער אלץ ווען מען קען מיטן האנד ניט אנטאפען, האט

מַיְן חָאטְשׁ מִיט'ן אויג גֶעדַארְפְט דֶער זֶעהֶען, ווִי זַיי רִירֶען זִיךְ אִין
יֶעדֶער קֶערְפֶּער? הָאט אַבְרָהָם גֶעפְרֶעגְט.

— דִי אויג פִיהלְט דָאךְ אָבֶּער, אַבְרָהָם, נִיט פִיעל מֶעהר,
ווִי דִי הַאנְד, מִיר קָאנֶען זִיךְ אויף אִיהר אויךְ נִיט פֶערְלָאזֶען. דֶער
עִיקָר דֶער פוּן אִיז, וָואס דִי מָאלֶעקוּלֶען זֶענֶען זֶעהר קְלֵיין, אַזוי
קְלֵיין דָאס מִיר קָאנֶען זַיי בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט זֶעהן מִיט'ן אויג. נוּר
ווֶען זַיי ווָאלְטֶען אֲפִילוּ גֶעווֶעזֶען אַזוי גְרוֹיס, אַז מִיר וָואלְטֶען קֶאנֶען
יֶעדֶער מָאלֶעקוּל דֶערְזֶעהֶען בֶּעזוּנְדֶער, ווָאלְטֶען מִיר זַיי דָאךְ בַּאלְד
אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זֶעהֶען, ווִי זַיי ווָאלְטֶען זִיךְ נוּר אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּע-
ווֶעגֶען: אַזוי גִיךְ אוּנ אָפְט בֶּעווֶעגֶען זַיי זִיךְ. אויךְ אִיז גֶעווִיס אוֹיס-
גֶעקוּמֶען צוּ בֶּעמֶערְקֶען, דָאס ווֶען אַקַארֶעטֶע פָּארְט גִיךְ פַארְבַּיי
אַיְיךְ אוּנ אִיהר דֶערְלַאנְגְט אַ קוּק אוֹיפֶן רָאד, בֶּעמֶערְקְט אִיהר אִין
אִיהר נִיט דִי סְפִּיצֶעט; אִי דֶער רֵייף פוּן רָאד (אָבָאד), אִי דִי
זַאווֶעסְטְקֶע, אִי דִי סְפִּיצֶעס — אַלְץ גִיסְט זִיךְ צוּנוֹיף אִין אֵיין דוּרְכְ-
אוֹיסִיגֶען עִגוּל. אוּנ אוֹיבּ דָאס אִיז אַייךְ נִיט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זֶעהֶען,
זָאלְט אִיהר אָט וָואס טְהוּן:

גֶעמְט אַ שְׁטִיקֶעל ווַייסֶען טֶאקְטוּר אוּנ שֶׁערְט אִיהר אַרוּם
קַיילֶעכְדִיג, ד. ה. אִיהר זָאלְט מַאכֶען אֵיין עִגוּל. אִין דֶעם עִגוּל
שְׁנַיידְט אוֹיס 4—3 שְׁפַּאלְטֶען אַזוי, אַז זַיי זָאהלֶען גֶעהן פוּן מִיט'ן
צוּ דִי בְּרֶעגֶעס, אַזוי ווִי דִי סְפִּיצֶעס גֶעהֶען אִין רָאד. אָט דֶעם
טַאקְטוּרֶענֶעם עִגוּל טוּט דֶער נָאךְ אָן אויף אַ טְשְׁוָואק, אָדֶער אויף
אַ נָאדֶעל. נוּר אִיהר זָאלְט עֶס דוּרְכְשְׁטֶעכֶען פוּנְקְט דוּרְכֶען מִיטֶען
טֶאקְטוּר. דֶער נָאךְ הֵייבְּט עֶס אָן גִיךְ צוּ דְרֶעהֶען מִיט'ן הַאנְד.
אוֹיבּ אִיהר ווֶעט זִיךְ אִיצְטֶער אַיין קוּקֶען אוֹיפֶען טֶאקְטוּרֶענֶעם עִגוּל,
ווֶעט אִיהר שׁוֹין אַייעֶרֶע אוֹיסְגֶעשְׁנִיטֶענֶע שְׁפַּאלְטֶען נִיט זֶעהֶען; עֶס
ווֶעט אוֹיסְזֶעהֶען ווִי אַ גְלַייכֶער דוּרְכְאוֹיסִיגֶער עִגוּל; נוּר דֶעמָאלְט,
בְּעֵת עֶר ווֶעט זִיךְ אָנְהֵייבֶּען אָבּ צוּ שְׁטֶעלֶען, ווֶעט אִיהר ווִידֶער
אָנְהֵייבֶּען צוּ בֶּעמֶערְקֶען אִין אִיהר דִי שְׁפַּאלְטֶען הַיינְט וָואס אִיז
דָאס פַאר אַ וואוּנְדֶער, וָואס מִיר זֶעהֶען נִיט אוּנ פִיהלֶען נִיט ווִי דִי
מָאלֶעקוּלֶען בֶּעווֶעגֶען זִיךְ. אִיהר גֶעדֶענְקְט, אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין
גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ אַ מִיקְרָאסְקָאפּ קֶען מֶען זֶעהֶען אִין שְׁטֶעהֶענְדִיגֶע
נִיט פְרִישֶׁע ווַאסֶער אַפוּלֶע פֶערְשִׁידֶענֶע לֶעבֶּעדִיגֶע בֶּעשֶׁעפֶּענֶעסֶען.

מיקראבען אט די אללע מאנעלעך, די פיצעלעך לעבען, בעוועגען זיך, פלאדערן זיך און שטארבען. און מיר זעהען דאס גאר ניט מיט'ן אויג און פיהלען ניט מיט'ן אנטאפען. די וואסער קומט ביי אונז אויס פאר ריינע, רוהיגע און אונבעוועגטע. אהן דעם מיקראסקאפ וואלט אונז דאס גאר אופען רעיון ניט ארויף, אז דארטען לעבען און בעוועגען זיך לעבעדיגע בעשעפענעסען, און אין יעדע טראפען וואסער געפינען זיך מיליאנען אזעלכע ברואים'לעך.

בעקלעהרט נור, אין יעדער מיקראב בעשטעהט דאך נאך אויך פון זעהער א פולע קליינינקע חלקים'לעך — מאלעקולען. שטעלט זיך נור דאס פאר, וועט אייך שוין קיין וואונדער ניט זיין, וואס מיר זעהען ניט ווי אט די ברעקעלעך, די קליינינקע חלקים'לעך רירען זיך.

— דאס איז טאקי אזוי — האט אברהם פערקלערטערהייט געזאגט, און דאך פאטופעט זיך מיר דאס אלץ אין מח ניט: אז זיי רירען זיך, אט די קליינינקע חלקים'לעך — און עס קומט עפעס אויס אקוראט ווי זיי רירען זיך ניט — מען זעהט ניט און מען פיהלט ניט אנטאפעדיג. איך קען דאס אלץ עפעס ניט פארשטעהן. אפשר וועט איהר דאס מיר קענען עפעס בעססער ערקלעהרען?

— איך ווייס ניט, ווי איך זאל אייך דאס ערקלעהרען, אברהם, האט זיך דער לעהרער אויף א מינוט פארקלערט. נו הערסטו. איהר האט ווען געזעהען, ווי אין א שיינעם זומער טאג שפילען זיך אין וואלד די קליינינקע פליגעלעך אויפין זון? אז איהר וועט זיך צוקוקען באהענטער צו אזא קופקע פליגעלעך, וועט איהר זעהען אז יעטוועדער פליגעלע אין קופקע שטעהט איין רגע ניט אויף איין ארט, דאס הייבט זי זיך אויף אין דער הייך, דאס לאזט זי זיך הערעב אונטען, און אין א רגע ארום הייבט זי זיך ווידער אויף אין דער הייך, און אזוי אן איין אויפהער. נור קיין פליגעלע שטעהט ניט אב ווייט פון דער קופקע, זיי לויפען אללע הערום אלץ אויף איין ארט. איצטער פרובט, טרעט אב אויף א טריט 30 ווייטער און דער לאנגט אקוק אויף די קופקע פליגעלעך. דאמאלסט וועט איהר שוין יעדער פליגעלע בעזונדער ניט זעהען, נור די גאנצע קופקע וועט אייך אויס זעהען אזוי, ווי אין דער לופטען וואלט עפעס הייגען אונבעוועגט

אַ קליינע דורכאוסיגע סיטקע, אַקוראט אזוי רירען זיך אויך די קליינינקע טהיילכעלעך — די מאלעקולען אין יעדער קערפער, נור די מאלעקולען ליגען אַסך געדיכטער, נאהנטער איינער צו דעם אַנדערען און זיי בעוועגען זיך אַסך גיכער און אָפטער, פיר די פליגעלעך. דעריבער קומט ביי אונז דער קערפער, וועלכער בעשטעהט פון די ציטערענדע מאלעקולען אויס. ניט פאַר איין דורכזיכטיגע סיטקע, ווי די שיטערע קופּקעלע פליגעלעך, נור ווי אַ דורכאויסיגער האַרטער שטח.

—נו אַט טאַקי אזוי!... האָט זיך אַברהם דערפרעהט. ער האָט אַם ענדע דאָך פערשטאַנען, ווי די מאלעקולען רירען זיך אין יעדער קערפער.

— און איצט ער פאַרשטעהט איהר שוין, אַברהם? האָט דער לעהרער געפרעגט.

— איך האָב פערשטאַנען! פאַר וואָס זאָל איך עפּעס ניט פאַר שטעהען; אַט ווי איהר האָט דאָס מיר גוט געגעבען צו פאַרשטעהען הייסט דאָס, אַז די טהיילכעלעך רירען זיך פאָרט, נור ביי מיר אין די אויגען קומט דאָס אזוי ווי זיי וואָלטען שטעהען אויף איין אָרט, האָט אַברהם געפרופט אויף זיין אופן דערקלערען דאָס, וואָס ער האָט איצטער פערשטאַנען.

— אימענא אזוי! גוט! האָט איהם דער לעהרער געלויבט. הייסט עס, האָט איהר שוין אַללע פערשטאַנען, ווי די מאלעקולען פון יעדער קערפער בעוועגען זיך?

— אַללע, אַללע! — האָבען געענטפערט אַללע אין איין קול.

— נור איין זאַך וואָלט איך ביי אייך וועלען פרעגען, האָט זיך מלך אָבגערופען: אַז יעדער קערפער בעשטעהט פון אַסך קליינינקע חלקים־לעך, פון מאלעקולען, פאַר וואָס האָבען מיר גאַנצע קערפערס? פאַר וואָס צושיטען זיך די מאלעקולען ניט, אָדער צו פליהען זיך ניט אין דער לופטען? וואָס בינדט זיי צונויף אין איין קערפער?

—די מאלעקולען פון יעדער קערפער ציהען זיך צו איינער צו דעם אַנדערען; אין יעדער קערפער ציהט יעדער מאלעקול צו זיך צו אַללע איבעריגע מאלעקולען, און ווערט צוגעצויגען פון די איבעריגע: ער ציהט צו אַלעמען, און אַללע ציהען אים צו. אַט דער

כח אדער די איינגענשאפט, דורך וועלכע די מאלעקולען פון יעדער קערפער בינדען זיך צונויף אין איין קערפער, קייטלען זיך צו זאמען, האבען די געלעהרטע א נאמען געגעבען: קייטונגס קראפט.

— איך פערשטעה ניט, האט ווידער מלך געפרעגט: אויב אז די מאלעקולען ציהען זיך צו איינער צו דעם אנדערען, פאר וואס איז פאראנען צווישען זיי לעדיגע ערטער — שפאלטעלעך, ווי איהר האט פריער געזאגט? זיי האבען זיך דאך געדארפט הארט צו ציהען איינער צו דעם אנדערען, אז צווישען זיי זאל קיין שום שפאלטעלע ניט בלייבען?

— צו ציהען זיך הארט איינער צו דעם אנדערען קענען זיי ניט דארום, ווייל זיי בעוועגען זיך, זיי ציטערען און דערווייטערען זיך א ביסעל איינער פון דעם אנדערען. נור צערפאלען זיך קענען זיי אויך ניט, ווייל זיי ציהען זיך צו איינער צו דעם אנדערען. ווען מען ווארעמט אן א קערפער, הייבען זיך זיינע מאלעקולען אן צו בעוועגען געשווינדער, געהען זיך ווייטער פארנאנדער איינער פון דעם אנדערען, און וואס די מאלעקולען זיינען אלץ ווייטער איינער פון דעם אנדערען, ציהען זיי זיך אלץ שלאפער צו. די קייטונגס קראפט ווערט שלאפער, און דער קערפער ווערט אויס געברייטערט. פארקערט, ווען א קערפער קילט זיך אב, בעוועגען זיך זיינע מאלעקולען שלאפער, זיי ווערען דערום נאהנטער איינער צו דעם אנדערען; די קייטונגס קראפט ווערט שטארקער און דער קערפער ווערט צונויף געקוועטשט. ווען ניט די קייטונגס קראפט, וואלטען אויף דער וועלט ניט געווען, ניט קיין הארטע, ניט קיין פליססיגע קערפערס: אלע מאלעקולען וואלטען זיך צערפלויגען אין פער־שידענע זייטען, און וואלטען זיך צערמישט איינער מיט דעם צווייטען, אקוראט אזוי ווי די וואססער פארע צערמישט זיך מיט דער לופט. ביים אנווארעמען וואססער, איז דאס דאך שטענדיג אזוי.

וואס מעהר מיר ווארעמען דאס וואססער אן, בעוועגען זיך איהרע מאלעקולען אלץ גיכער. די קייטונגס קראפט ווערט אלץ שוואכער, און דאס וואססער ווערט אלץ מעהרער אויסגעברייטערט, ביז לסוף הייבען איינינע מאלעקולען, וועלכע זיינען מעהר אנ־געווארעמט, זיך צו בעוועגען אזוי גיך, דאס די קייטונגס קראפט

קען זי שוין ניט צונויף בינדען צוזאמען מיט די איבעריגע מאלע-קולען, אונ זיי רייסען זיך אב פון זייערע חברים — פון דער גאנצער מאסע וואסער מאלעקולען; זיי פליהען אוועק אין דער הייך אין דעם געשטאלט פון פארע אונ צערמישען זיך מיט די מאלעקולען פון לופט.

— פאר וואס זשע האט איהר פריער געזאגט, אז די מאלעקולען קאנען מיר ניט זעהען? האט חוקע געפרעגט: פארע זעהען מיר דאך יא; ווען מען מאכט דעם סאמאוואר, זעצט דאך פון איהם א פארע אוש אין באלקען העריין.

— די פארע, וואס איהר זעהט, בעת דער סאמאוואר זידט, איז ניט קיין אמת'ע פארע, ניט די, וועגען וועלכע איך האב מיט אייך גערעדט. דא זעהט איהר ניט די מאלעקולען; דא איז גאר איין אנדער מעשה. די פארע, וואס איהר זעהט, איז שוין ניט קיין איינצעלטע מאלעקולען, נור א סך צוזאמען. די מאלעקולען פון דער וואסער פארע רייסען זיך אב פון די זידיגע וואסער אונ זיי הויבען זיך אויף אין דער הייך, נור אויפן וועג בעגעגענען זיי זיך מיט דעם קאלטען לופט אונ קיהלען זיך אב. זיי הייבען זיך אן צו בעוועגען לאנגזאמער, די קיטונגס קראפט ווערט גרעססער, אונ עטליכע מאלעקולען פער אייניגען זיך איבער אנייעם; עס ווערט פון זיי פיצינקע טראפענס וואסער, וועלכע זיינען נאך אזוי גרינג, אז זיי קאנען זיך נאך האלטען אין דער לופטען. דאס איז די פארע וואס איהר זעהט, בעת דער סאמאוואר זידט. אז איהר וועט זיך גוט צוקוקען, וועט איהר זעהען, אז די פארע הייבט זיך ניט אן גלייך, ביי דער אפענונג פון סאמאוואר, נאר צווישען דער אפענונג פון סאמאוואר, אונ צווישען די פארע איז פאראנען, אזוי ווי א ליידיגער, א דורכזיכטיגער ארט. דארטען געפינט זיך די אמת'ע, נאך ניט אבגעקיהלטע פארע, וועלכע מיר זעהען ניט, דערום קומט עס ביי אונז אויס ווי איין ליידיגער ארט. ווען זי געהט אבער העריוף א ביסעל העכער אונ קיהלט זיך אב. ווערען פון איהר קליינינקע וואסער טראפענס, וועלכע מיר זעהען אין דעם געשטאלט פון א טומאן. דאס זעלביגע זאך זעהען מיר ניט אז עס זאל גיין א פארע פון א זידיגען טאפ, בעת ער שטעהט אין אויווען, וויל די פארע

צֶערְמִישְׁט זִיךְ מִיט דֶער וַוארֶעמֶער לוּפְט פוּן אויוֶוען, אוּנ מִיר קָאנֶען זִי נִיט זֶעהֶען. וֶוען מִיר נֶעמֶען אָבֶּער דֶעם טָאפּ הֶערוּים פוּן אויוֶוען. זֶעהֶען מִיר, וִוי פוּן טָאפּ זֶעצְט אַ פַּארֶע; דָא הָאט זִיךְ דִי פַּארֶע בֶּעגֶעגֶענְט מִיט דֶער קַאלְטֶער לוּפְט אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעקִיהְלְט, צוּנויפְגֶעקְוֶועטְשְׁט אִין פִּיצִינֶקֶע גְרִינְגֶע וַואססֶער טְרָאפֶּענְס, דֶערוּם זֶעהֶען מִיר זִי שׁוין יֶע. ווִינְטֶער אִין אַ קַאלְטֶען צִימֶער גֶעהְט בַּיי אַייךְ הֶערוּיס אַ פַּארֶע פוּן מויל, בְּעֶת אַז אִיהְר רֶעדְט, אָדֶער אִיהְר אָפֶּענְט אויף דֶען מויל צוּ אָטְהֶעמֶען. אִין דֶער לוּפְט וָואס מִיר לָאזֶען הֶערוּיס פוּן מויל גֶעפִינְט זִיךְ, וִוי אִין יֶעדֶער אַנְדֶער לוּפְט, וַואססֶער פַּארֶע. זוּמֶער בְּעֶת דִי פַּארֶע גֶעהְט הֶערוּיס פוּן מויל אִין דִי וַוארֶעמֶע לוּפְט הֶערַיין, צֶערְמִישְׁט זִי זִיךְ מִיט דֶער לוּפְט, אוּנ מִיר זֶעהֶען זִי נִיט. ווִינְטֶער אָבֶּער וֶוען דִי פַּארֶע גֶעהְט הֶערוּיס אִין אַ קַאלְטֶע לוּפְט, וֶוערְט זִי אָבְּגֶעקִיהְלְט אוּנ צוּנויפְגֶעקְוֶועטְשְׁט אִין פִּיצִינֶקֶע וַואססֶער טְרָאפֶּענְס, וֶועלְכֶע מִיר זֶעהֶען מִיט דִי אויגֶען. וֶוען מִיר דֶער לַאנְגֶען אַ בְּלָאז מִיטֶן מויל אויף אַ שְׁפִּיגֶעל, קִיהְלְט זִיךְ דִי וַואססֶער פַּארֶע, וָואס אִיז הֶערוּיס פוּן מויל אָב, בְּעֶת זִי רִירְט זִיךְ אָן אָן דֶער קַאלְטֶער שְׁפִּיגֶעל גְלָאז; פוּן דֶער וַואססֶער פַּארֶע וֶוערֶען פִּיצִינֶקֶע טְרָאפֶּענְס וַואססֶער, דָאס אִיז דִי זֶעלְבִּיגֶע פַּארֶע, וָואס אִיהְר זֶעהְט, בְּעֶת דֶער סַאמָאוַואר זִידְט; דִי שְׁפִּיגֶעל גְלָאז וֶוערְט בֶּעדֶעקְט אַזוי וִוי מִיט אַ פַּארֶע, אַזוי וִוי מִיט אַ טוּמַאן פֶערְצויגֶען.

אַז אִיהְר וֶועט אַרַיין טְרָאגֶען פוּן דְרויסֶען אַ גְלָאז קַאלְטֶע וַואססֶער אִין שְׁטוּבּ הֶערַיין. וֶועט אִיהְר זֶעהֶען, אַז אַפְרִיהֶער וֶועלֶען דִי וֶוענְדְלֶעךְ פוּן גְלָאז פֶערְצויגֶען וֶוערֶען אַזוי וִוי מִיט אַ טוּמַאן, נָאכְהֶער וֶועלֶען זִיךְ אויף דִי וֶוענְדְלֶעךְ בֶּעוַוייזֶען פִּיצִינֶקֶע טְרָאפֶּענְס וַואססֶער, אַקוּרַאט אַזֶעלְכֶע, וִוי דִי טְרָאפֶּענְס טְהוי, וָואס בֶּעוַוייזֶען זִיךְ אִין דִי שֶׁאנֶע זוּמֶער נֶעכְט אויף גְרָאז, בְּלוּמֶען, בְּלֶעטֶער פוּן בּוימֶער אוּנ ד. ג. פַארְפְלַאנְצוּנְגֶען. נָאכְהֶער וֶועלֶען שׁוין אָנְהֵייבֶּען צוּ רִינֶען גְרויסֶע טְרָאפֶּענְס וַואססֶער. דָאס אִיז נִיט דָאס זֶעלְבִּיגֶע וַואססֶער, וָואס אִינֶעוֵוייניג אִין גְלָאז: יֶענֶע וַואססֶער קֶעהְן נִיט דוּרְךְ גֶעהְן דוּרְךְ דִי וֶוענְדְלֶעךְ פוּן גְלָאז. דִי טְרָאפֶּענְס וַואססֶער וָואס מִיר זֶעהֶען אויף דִי וֶוענְדְלֶעךְ פוּן דְרויסֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דֶער וַואססֶער פַּארֶע, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער לוּפְט פוּן שְׁטוּבּ. אָנְרֶעדֶענְדִיג זִיךְ

אין די קאלטע וואנטלעך פון גלאז, האט זיך די לופט אבגעקיהלט. אונ די פארע איז צונויפגעקוועטשט געווארען אין פיצינקע וואססער טראפענס, וועלכע מיר האבען געזעהען אין דעם געשטאלט פון טומאן אויף די ווענטלעך פון גלאז. נאכהער האבען זיך די טראפענס נאך מעהרער אבגעקיהלט אונ עטליכע טראפענס האבען זיך צונויפגעקוועטשט אין איינעם, דעמאלט האבען מיר זיי שוין געזעהען אין דעם געשטאלט פון קליינע פליססיגע וואססער טראפענס; נאכהער האבען זיך אט די קליינע טראפענס צוזאמענגעריגען אונ עס זיינען געווארען שוין גרויסע טראפענס וואססער. פערשטעהט איהר שוין איצטער, אז דאס, וואס מיר רופען אן מיט דעם נאמען פארע, איז דאס ניט קיין אמת׳ע פארע. די אמת׳ע פארע בעשטעהט פון איינצילטע מאלעקולען אונ מיר קאנען זיי ניט זעהען; אונ דאס, וואס מיר רופען אן פארע, בעשטעהט שוין פון איינינע צונויפגעבונדענע מאלעקולען, וועלכע האבען זיך צונויפגעקוועטשט אין פיצינקע, זעהר גרינגע וואססער טראפענס, אונ די פארע קאנען מיר יע זעהן. ווידער ווייסט איהר שוין איצטער, אז בעת וואסער פארע קיהלט זיך אב, ווערט פון איהר ניט גלייך קיין פליססיגע וואססער. אפריער ווערען פון איהר פיצינקע וואססער טראפענס, וועלכע האלטען זיך נאך אין דער לופטען, אונ מיר זעהען זיי אין דעם געשטאלט פון טומאן, אדער פון די פארע, וואס זעצט פון זידענדען סאמאוואר. נאכהער ווען זיי ווערען נאך מעהרער אבגעקיהלט אדער ווען זיי קלויבען זיך צונויף זעהר אפולע, אונ אין לופט איז פאר זיי מעהר קיין ארט ניט דא, ערשט דעמאלט בינדען זיי זיך צינויף אין טראפענס פון געוואהנליכע פליססיגע וואססער. איצטער, רעכען איך, וועט אייך שוין לייכט זיין צו פערשטעהן אזעלכע נאטור ערשיינונגען, ווי טהוי, טומאן, וואלקענס, רעגען אונ שנייא.

איהר ווייסט דאך אללע, וואס טהוי איז. זומער פון אווענד אונ ביי נאכט ווערען די בלעטטער, גראז, בלומען אונ שטיינער בעדעקט מיט א פייכטקייט. אויפן פריה מארגען, בעת די זונן געהט אויף, גלאנצען די טראפענס טהוי, ווי בריליאנטען. נור ווי די זונן געהט הערויף העכער ווערען די טהוי טראפענס פערשוואונדען. פון וואנען האט זיך דער טהוי גענומען? אין די שאנע לויטערע נאכט,

ווען דער הימעל איז ריין, קלאר, און קיין ווינד איז ניט דא, קיהלט זיך די ערד גיך אב. איהר קענט עס בעמערקען, ווען איהר וועט צו לייגען די האנד אין איין זוממער נאכט צו דער גראז אדער צו בלאטטער. די לופט קיהלט זיך ני. אזוי גיך אב, דערום בלייבט נאך אין דער לופט די זעלביגע מאס וואססער פארע, וועלכע איז אין איהר געוועזען ביי טאג. די אונטערסטע לופט אבער, וואס ביי דער ערד, קיהלט זיך אב דורך דעם, וואס זי רירט זיך אן דער ערד. דערום קאן שוין די אונטערסטע לופט איינהאלטען אין זיך אזוי פיל פארע ווי פריער, און א טהייל וואססער פארע ווערט צונויפגעקוועטשט אין וואססער טראפענס, וועלכע קאנען זיך אין דער לופטען מעהר ניט האלטען און פאלען העראב אויף די ערד, אויף די גראז, אויף די בלאטטער און ד. ג. דאס איז טהוי בעת די זונן געהט אויף טריקענען זיך די טהוי טראפענס אויס, ד. ה. פון זיי ווערט ווידער פארע. אין יעסען און אין ווענטא: ווערט דער טהוי פארפראהרען, און די ערד שטיינער, בוימער און ד. ג. ווערען דעמאלט בעדעקט אזוי ווי מיט א ווייסקייט, וועלכען מיר רופען אן ווייסער פראסט. די ווייסקייט בעווייזט זיך אפילו, בעת עס איז ניט דא קיין שניי, ווייל דאס איז ניט קיין שניי, דאס זייגען נור פערפראהרענע טהוי טראפענס. ווען אין דער לופט איז דא א סך וואססער פארע, און דורך א קאלטען ווינד ווערט פלוצלינג אבגעקיהלט, ניט נור די ערד אליין, ווי אין א שאנע ניט קיין ווינדיגע נאכט, נור די לופט ווערט אויך אבגעקיהלט, דעמאלט קען דאך שוין די לופט ניט איינהאלטען אין זיך אזוי פיעל וואססער פארע, ווי פריער און א טהייל פון וואססער פארע ווערט צונויפגעקוועטשט אין קליינינקע טראפענס ניט אין פליססיגע וואססער טראפענס, נור אין קליינינקע גרינגע טראפענס, וואס האלטען זיך נאך אין דער לופטען, אקיראט אזעלכע. וואס מיר זעהען בעת דער סאמאוואר זידט, דעמאלט ווערט א טומאן אין דער פריה, בעת די זונן געהט אויף, ווארעמט זיך די לופט אן, און פון דעם טומאן ווערט ווידער אמת ע פארע, וועלכע מיר קאנען ניט זעהען. דער טומאן ווערט פערשוואונדען. דעריבער טרעפט זיך דאס רוב טומאנען אין די פייכטע צייטען פון יאהר — אין יעסען און אין ווענטא, ווייל די לופט האט אין זיך א סך וואססער פארע.

און ווען עס איז אפט ווינטען . דאס רוב טרעפט זיך א טומאן אדער אויפן פריה מארגען , איידער די זונן ווארעמט זיך איין , אדער שפעט אין דער נאכט , ד. ה. אין די קעלטסטע צייטען .

די וואלקענס , וואס מיר זעהן אויפן הימעל זיינען אויך טומאן — אבגעקיהלטע וואסער פארע ; נור דער טומאן געפינט זיך דאך אין דער לופט , וואס נעבען אונז , און די וואלקינס זיינען שטיקער טומאן , וועלכע געפינען זיך אין דער הייך , זעהר הויך אין דער לופטען . אויב איהר דערלאנגט ווען אקוק אויפן הימעל , האט איהר געוויס בעמערקט , אז א מאל . איז אין דער פריה אויפן הימעל פאראנען א סך קליינע ווייסע שטיקלעך וואלקין , און נאכהער , ביי טאג , ווען די זונן ווארעמט זיך איין , ווערען זיי פערשוואונדען — דער הימעל ווערט לויטער . און א מאל מאכט זיך פארקערט : אין דער פריה איז דער הימעל לויטער , עס זעהט זיך א בראקיל וואלקען ניט , און נאכהער שפעטער , ווען די זונן ווארמט זיך איין , בעוויזען זיך אין עטליכע ערטער קליינע שטיקלעך וואלקען — זיי געהען צונויף אין איין גרויסען וואלקען , וועלכער וואקסט פון מינוט צו מינוט און פערדעקען דעם הימעל מיט א שווארצער חמארע : עס געהט א רעגען . די לופט שטעהט קיין מאל ניט אויף איין ארט . זי בעוועגט זיך שטענדיג . דערום טרעפט זיך אמעטום , סיי אונטען אין דער לופט , סיי אויבען אמאל א קאלטער שטראם לופט , און א מאל א ווארעמער . די וואסער פארע הייבט זיך אויף מיט דער ווארעמער לופט אין דער הייך . ווען די ווארעמע לופט בעגעגענט דארטען א קאלטען ווינד , ווערט זי אבגעקיהלט , און די פארע , וואס אין איהר ווערט צונויף געקוועטשט אין פיצינקע , גרינגע וואסער טראפענס — אין טומאן אויפן הימעל , ד. ה. זייער הויך אין דער לופט , בעוויזט זיך א וואלקען . דער וואלקען שווימט איבערן הימעל , ד. ה. ער טראגט זיך אין דער לופטען . אויב ער בעגעגענט אויף זיין וועג א ווארעמען ווינד — א ווארעמען לופט שטראם — ווארעמט ער זיך אן : פון דעם טומאן , ווערט ווידער פארע , וועלכע מיר קאנען ניט זעהען , און דער וואלקען ווערט פערשוואונדען . פארקערט אבער , ווען דער וואלקין קיהלט זיך נאך מערער אב , אדער ווען ער בע-געגענט אויפין וועג א קאלטען ווינד — אדער ווען עס טרעפט זיך אז

ער בעגעגנט זיך מיט נאך אפולע וואלקענס, מיט נאך אפולע אזעלכע שטיקער טומאן אונ זיי נעמען זיך צונויף אונ קוועטשען זיך אויך איין אין אגרויססע חמארע — דעמאלט קוועטשען זיך נאך מערער צונויף די פיצינקע גרינגע טראפענס אונ זיי פארבינדען זיך אין גראססערע שווערערע טראפינס. די טראפענס זיינען שוין אזוי שווער, אז זיי קענען זיך שוין אין דער לופטען ניט איינהאלטען — עס איז שוין פליססיגע וואססער, אונ זיי פאלען העראב אויף דער ערד. דאס איז דער רעגען. בעת די טראפענס הייבען אן צו פאלען זיינען זיי נאך אלץ זעהר קליינע; נור וואס נידעריגער זיי לאזען זיך העראב, ווערען זיי אלץ גראססער, ווייל עטליכע טראפענס גיססען זיך צונויף אין איין טראפען. דערום פאלען אויף דער ערד גראססערע טראפענס רעגען, ווי אויף דעם דאך.

— הייסט עס — האט העשעל געזאגט — אז דער וואלקען דארף זיך ניט אנטרינקען, ער איז אליין וואססער . . . .

— אוודאי אזוי — האט מלך גיענטפערט: — מען קען אויף איהם זאגען ווי אויף דעם מענשען: ער איז גענומען געווארען פון דער ערד אונ ער מוז זיך אומקערען צו דער ערד, ער איז געוועזן וואססער — אונ ער מוז איבער אנייעס ווערען וואססער.

— שאדע, וואס ר' בערל שלאפט — האט דער לעהרער ווידער אנגעהויבען צו ריידען: — איך האב פאר איהם א פסוק. אין בראשית שטעהט: ואד יעלה מן הארץ והשקה את פני האדמה, ד. ה. פון דער ערד געהט העראויף אין דער הויך א פארע אונ די פארע טרינקט נאכהער אן די ערד. בעת אז אויבען אין דער לופטען איז זעהר קאלט, ווערט פון דעם וואלקען ניט קיין רעגען, נור שניי. בעת די פיצינקע טומאן טראפענס קוועטשען זיך צונויף, ווערען זיי באלד פארפרארען, זיי ווערען פיצינקע אייז נאדלען, אונ עס פאלט העראב א שניי. א מאל מאכט זיך, אז פון וואלקען געהט העראויס איין רעגען, אונ אויפן וועג — בעת די פיצינקע טראפענס האבען זיך שוין צוזאממענגענומען אין גראססערע, בעגעגענען זיי זייער א קאלטען ווינד אונ זיי ווערען פערפרארען. דעמאלט ווערען זיי שוין ניט קיין אייז נאדלען — נור קליינע שטיקלעך אייז: עס פאלט העראב א האגעל. שפעטער, בעת איהר וועט גוט פארשטעהן די צוזאמענשטעלונג

און אופבינדונג פון די קערפערס; בעת איך וועל אייך דערצעהלען וועגען די מאלעקולען און איהר וועט געוואר ווערען, וואס איז אזוינס א ווארעמקייט — דעמאלט וועלען מיר נאך א סך רעדען וועגען וואסער פארע, און די וואכען, וואס קומען הערוים פון איהר: טומאן אין וואלקען. איך וועל אייך דאס דעמאלט ערקלעהרען פארדראבנער. דער ווייטע פאר היינט איז גענוג. מיר איז שוין טרוקען געווארען אין האלז רעדענדיג. אזוי פיעל צו רעדען האט מען זיך געדארפט אן עסען מיט באב. ניט מיט קירבעס יאדרעס. איבער אכטטאג פרייטאג צו נאכט, אדער א מאל אין מיל, אויב עס וועט אוים קומען, וועלען מיר ווייטער רעדען וועגען דעם. דער ווינטער איז נאך גרוים.

— אהן מיר זאלט איהר ניט דערצעהלען! איהר הערט? האט חוקע געזאגט.

— ווי הייסט, ווי דען! — האט ישראל געוויצעלט — מען וועט נאך אייך שיקען א שמש!

— וואס איז דאס? איהר שמועסט דאס נאך אלץ וועגען אייער פהיזיקע, אדער וועגען די חעמי? האט דער קאראבעלניק געזאגט גאנעצענדיג — ער האט זיך אקערשט אויפגעחאפט און האט שוין אויסגעריבען די אויגען.

— אט די גלייכסטע זאך וואלט איצטער געווען, ווען אונזער טהיר וואלט אויף א ווייטע פערלארען די קייטונגס קראפט, און די מאלעקולען וואלטען זיך צערשיטען, וואלט אין פערשפארען קלאפען. ביי אונז שלאפט מען שוין לאנג האט חוקע געזאגט.

— איהר ווילט זיך דאך דורכגעהען, לעהרער! האט העשעל געזאגט — קומט! וועלען מיר שוין אין איין גאנג בעלייטען חוקען אויך.

— גוט! האט דער לעהרער געענטפערט: און איהר לעגט זיך שוין שלאפען? קיינער פון אייך וויל זיך ניט דורכגעהען? די נאכט איז וועהר א שאנע: די לבנה שיינט און עס איז אוים געשטערנט!

— מיר וועלען געהען אביסעל! מיר וועלען נור נעמען די פלאשטשען — האבען זיך אבגערופען העשעל מיט ישראלן.

זיי האבען זיך אנגעטהאן און זיינען אללע הערוים געגאנגען.

ענדע דאס ערשטע אבענד.

דֶער צְווייטֶער אַבֶענְד

I

דָאס דְרִיטֶע לִיכְטֶעל.

חֲנוּכָּה אִיז בַּיי דִי יִשׁוּבְנִיקֶעס אַ גַאנְצֶער יוֹם טוֹב. אַ גַאנְץ יָאר לִיגְט מֶען וִוי דֶער בֶּער אִין נָארֶע, זֶעלְטֶען וֶוען מֶען זֶעהט אַ לֶעבֶּעדִיגֶען נֶפֶשׁ. אוֹיפֶען גַאס אִיז נִיט אַרוֹיסצוּגֶעהן, פוּן אוֹיבֶען גִיסְט אוּנ אוּנטֶען אִיז דִי בְּלָאטֶע בִּיז דִי קְנִיה. אוֹיסֶער וֶוען דֶער גִישֶׁעפְט נֶאטְה נִיט אַנְדֶערְשׁ צוּ פָאהרֶען, רוּקְט קֵיינֶער אַ נָאז פוּן שְׁטוּבּ נִיט הֶערוֹיס. דִי נֶעכְט זַיינֶען מוֹרָאדִיג לַאנְג אוּנ פִינְסְטֶער. דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים לֵייגֶען זִיךְ שְׁלָאפֶען אַ זֵייגֶער נַיין. בִּיז זִיבֶּען אִין דֶער פְרִיה קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערֶען לִיגֶענְדִיג. נוּר אָט קוּמְט חֲנוּכָּה. דֶער וֶועג שְׁטֶעהט שׁוֹין, אוּנ אִין שְׁלִיטֶען אִיז אַ מְחַיֶה זִיךְ דוּרְךְ צוּפָאהרֶען; פָארְט מֶען טַאקִי צוּ גַאסְט. מֶען פָאהרְט זִיךְ צוּנוֹיף פוּן עֶטְלִיכֶע וֶוירְסְט אַרוּם יֶעדֶער אָוֶוענְד צוּ אֵיין אַנְדֶערֶען אוּנ בַּיי אַ גוּטֶען בָּרוּךְ הַבָּא מַאכְט מֶען אֵיין אָקָא גְדוֹלָה. בַּיי דִי קָארְטֶען רֶעדְט מֶען: דִי מַאנְסְלַייט וֶועגֶען גֶעשֶׁעפְט, דִי וַוייבֶּער וֶועגֶען בַּעֲלָה בַּתִּישְׁקַייט אוּנ אַלֶע צוּזַאמֶען וֶועגֶען לַייטֶען — אַ יוּד אִיז דָאךְ אַ בַּעַל רְכִילוּת. אָט פַאראֵיינִיגְט נוּצְט מִיט פֶערגֶענִיגֶען, מֶען עֶסְט אוּנ טְרִינְקְט, מֶען שְׁפִּילְט אִין קָארְטֶען, נוּר דֶערוַויל דֶערלַאנְגְט מֶען אַ טָאפּ. אֶפְשַׁר

זועט מען ניט קענען קויפען א וואגאן קארען אדער איין אנדער סחורה אין גלייכען געלד. מען ווארפט אויגען אויף די יונגוואַרג, אפשר איז פאראנען עפעס ארעכטע סחורה, אחתן פאר א טאכטער אדער א כלה פאר א זוהן. זעהר אפט פארט מען טאקי אוממישנע נור צו בעקוקען אזא סארט לעבעדיג סחורה. און די יונגוואַרג האט זיך איהרע אייגענע אינטערעססען, מען מאכט זיך לוסטיג, מען זאגט קאמפלימענטען, מען שטרענגט אן אללע קרעפטען צו ריידען קלוג און אויסצוזעהן שאן...

עס איז א זייגער 8 פון אבענד. די בעלי בתים מיט די קינדער זיינען אוועק גיפארען צו גאסט אין א פאססעסיע פאר א ווערסט 5 פון קראסנע וואליע. מען האט דעם לעהרער אויך גיבעטען, נור ער האט זיך אבגיזאגט. ער זיצט איצט ביי זיך אין צימער איבער א בוך, נור דאס לעזען קריכט איהם אין קאפ ניט. אויפען הארצען איז אונמוטהיג, עס וואלט זיך איהם וועלען אויסריידען דאס הארץ פאר א לעבעדיגען מענשען, וואס זאל איהם מיטפיהלען און פער־שטעהן, נור וואו נעמט מען עס אין א דארף, א העק, ווען אין שטאדט צווישען טויזענדער מענשען איז עס אויך שווער צו געפינען. אין קיך איז ליכטיג. דער מיהל שטעהט היינט ווידער. א גאנצע וואך איז דער מיהל גיגאנגען ווי טאג אזוי נאכט, און מען האט גיארבייט ווי די אקסען. נור היינט האט אויסגיפעהלט וואססער און די ארבייטער רוהען. זיי האבען זיך אויך גימאכט א שטיקעל יום טוב. ליידיג איז מען און היינט איז דאך דאס דריטע ליכטעל, דער פרעהליכסטער אבענד פון חנוכה; נו, פאר וואס זאלל מען אביסעל ניט פערברייגען? ביין טיש זיצען די בחורים און שפילען אין אקא א קאפייקע א קאן; אויפען טיש שטעהט א פלאש בראנפען מיט א טעלער הייסע לאטקעס. מען נעמט צו קאפעלעך און מען פער־בייסט. חנה, דאס דינסטמיידיל, דערלאנגט פון אויווען פרישע לאטקעס, שטעלט זיך אפ און קוקט העריין אין די קארטען דא ביי דעם, דא ביי יענעם; לאכט, זאגט שטילערהייד אונטער א גאנג און קעהרט זיך ווידער אום צום אויווען. אללע זיינען פרעה־ליך. אין קיך איז אריין גילאפען חוק'ע מיט א ברייטען גוטען אבענד א״: איז צוגעלאפען צום טיש.

— א שקאצעל קומט ! חוקע ! האט זיך הערשעל דערפרעהט — חאס ווילסט דו : אקארט צו א לאטקע ?

— בעססער א לאטקע . קיין קארטען האב איך ניט ליעב , עס ווארפט אויף מיר א שלאף . האט חוק׳ע גיענטפערט .

— חו׳קע וויל בעססער טאנצען איידער שפילען , האט ישראל געוויצעלט .

— נו איך רעכען , אז רב ישראל וואלט זיך אויך פון טאנצען ניט אבגיזאגט , האט חו׳קע גיענטפערט . נור היינטיגען מאל בין איך גראדע ניט געקומען טאנצען . איך האב גימיינט , דער לעהרער דערציילט דא וועגען העמי .

— אז ער וואלט אריין גיגאנגען וואלט איך איהם טאקי גיבעטען דערציילען , האט הערשעל גיזאגט — עס איז טאקי זעהר גוט צו וויסען דאס , וואס ער דערצעהלט . בפרט עס איז גאר ניט אזוי שווער צו פערשטעהן : ער האט זעהר א גוטען הסבר . ער צוקיט , קען מען זאגען , אונ לייגט אין מויל העריין . א מחיה פראסט צו הערען .

— איך ווייס ניט פון וואנען אונזער בעלה׳חוואסטע האט זיך דערוואוסט , וואס דער לעהרער האט דא פרייטיג צו נאכט גירעדט ; האט זיך חנה הערייננימישט — דער קאראבעלניק האט איהר מסתמא דערצאהלט , נור איך האב גיהערט , ווי זי האט שבת נאך מיטאג גיזאגט צום בעל הבית : ווי גיפעהלט דיר אויף דיין לעהרער ? ער האט נעכטען ביז די האהנער אבגיטענעהט מיט די יונגען פהיזיקע אונ דער שווארץ יאהר ווייס נאך וועגען וואס . אט א נארר ! ער מיינט , אז די גראבע יונגען קענען מיט זייער פערדישען מח פערשטיין איין אנדער זאך ווי עססען , טרינקען אונ שלאפען . אגעבילדעטער , אונ קיין שכל איז ניט דא !

— אונ זי אליין האט דאך א קאפ פון א מיניסטער ! האט הערשעל גיזאגט מיט כעס . שרייבט מיט צרות אויף א יודישען בריפעל אונ זיא רעדט נאך וועגען לייטען !

— מיר דאכט — האט חו׳קע גיזאגט — אז מען וואלט אונז אזוי פיעל לעהרנען ווי פיל מען האט זי אין דער יוגענד געלערענט .

וָואלְטֶען מִיר קֶענֶען אַסַךְ מֶעהר פַאר אִיהר, חָאטְשִׁי מִיר הָאבֶּען פֶּערְדִישֶׁע קֶאפּ.

— מִיר קֶענֶען אִיצְטֶער אויךְ מֶעהרֶער — הָאט זִיךְ אָבְּגֶירוּפֶען יִשְׂרָאֵל — וֶוער רֶעדְט וֶועגֶען חַוְקֶען, זִי אִיז גָאר אַגַאנצֶע פְּרָאפֶּעסְסָארְקֶע.

— אֶפְשַׁר וָואלְט וֶוער עֶס אִיז גִיגַאנְגֶען בֶּעטֶען דֶעם לֶעהרֶער צוּ אוּנְז אִין קָאמְפַּאנִיֶע? הָאט מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט. גֶעה דוּ, הֶעשֶׁעל! עֶר וֶועט זִיךְ נִיט אָבְּזָאגֶען. אָט וֶועט זַיין פְרֶעהלִיכֶער! אוּנ אֶפְשַׁר וֶועט עֶר אוּנְז טַאקִי ווִידֶער דֶערצֵיילֶען וֶועגֶען כֶעמִי אוּנ פְּהִיזִיק. בַּיי דִי וֶוערְטֶער אִיז דֶער לֶעהרֶער אַרַיין אִין קִיךְ.

— אַז מֶען וָואלְט דֶערמַאנֶען מְשִׁיחַ'ן, וָואלְט עֶר אויךְ קוּמֶען. הָאט חַוְקֶע גִיזָאגְט. מִיר הָאבֶּען אַייךְ! אָקָארְסְט דֶערמַאנְט.

— צוּ גוּטֶען? הָאט דֶער לֶעהרֶער גֶעפְרֶעגְט.

— אָט מִיר הָאבֶּען דָא גִירֶעדְט, אַז עֶס וָואלְט גִיוֶוען זֶעהר אִינְטֶערֶעסְסַאנְט צוּ הֶארֶען דֶעם סוֹף פוּן אַייֶער פְּרַייטִיגְצוּנַאכְטִיגֶען שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דִי נַאטוּר.

— אַזוֹי הָאט עֶס אַייךְ פֶּערְאִינְטֶערֶעסִירְט? מִיךְ פְרֶעהט עֶס זֶעהר! אויבּ אִיהר ווִילְט וֶועלֶען מִיר אִיצְטֶער ווִידֶער רֵיידֶען וֶועגֶען דָאס זֶעלְבֶּע, חָאטְשֶׁע עֶנְדִיגֶען וֶועלֶען מִיר הַיינְט נִיט. עֶס וֶועט נָאךְ גֶענוּג אִיבֶּערבְּלַייבֶּען. נוּ, וָואס, אִיהר ווִילְט?

— אַ קַשְׁיָה אַבִּיסֶעל צוּ מִיר ווִילֶען! דֶערצֵיילְט נוּר. מִיר וֶועלֶען אָנְשְׁטֶעלֶען מוֹיל אוּנ אוֹיעֶרֶען!

— גֶעדֵיינְקְט אִיהר נָאךְ אַלְץ, וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ דַאמָאלְס עֶרְקְלֶעהרְט?

— מִיר גֶעדֵיינֶקֶען! הָאבֶּען אַללֶע גִיעֶנְטְפֶערְט.

— מֶעהר ווִי אַללֶע וֶועט דָאס הָאבֶּען צוּ גֶעדֵיינֶקֶען חַוְקֶע, הָאט אַבְרָהָם גִיזָאגְט לַאכֶענְדִיג — זִי הָאט זִיךְ שַׁבָּת צוּ נַאכְט אַוֶועקְגִיזֶעצְט מִיט חַנָּה'ן, הָאט זִי אִיהר אִיבֶּערדֶערצֵיילְט וָוארְט אִין וָוארְט אַלְץ, וָואס אִיהר הָאט דָא גִירֶעטְט. חַנָּה הָאט פְרַייטִיג צוּנַאכְט נִיט אִין גַאנְצֶען גִיהֶערְט. זִי אִיז אִין מִיטֶען אַנְטְשְׁלָאפֶען גִיוָוארֶען. נוּ, אִיז חַוְקֶע גִיוָוארֶען בַּיי אִיהר אַ פְּרָאפֶעסְסָארְקֶע. חַנָּה הָאט גִיוַואשֶׁען דִי גֶעפֶּעס, גִישָׁאבֶּען בּוּלְבֶּע, אוּנ חַוְקֶע הָאט גִימָאהלֶען.

דֶערנָאךְ הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ נָאדֶעל אוּנ הָאט גִידְרֶעהְט, זִי הָאט זִיךְ צוּשְׁטָאכֶען דִי פִינְגֶער בִּיז בְּלוּט. אִיךְ הָאבּ גְרַאדֶע דַאמָאלְס גֶעגֶעסֶען װֶעטְשֶׁערֶע, הָאבּ אִיךְ גֶעקְוָואלֶען אוֹיף אִיהר מַפָּלָה. וָואס גֶעטְרוֹיט זִי נִיט? מֶען זָאגְט, אַז אַזוֹי, מִסְתָּמָא אִיז אַזוֹי! וָואס דַארְף מֶען דָא נָאךְ דִי פְּרָאבֶּעס?

— חַוֶ'קֶע אִיז גֶערֶעכְט, הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶעזָאגְט. וָואס מֶען קֶען פְּרוּפֶען, מוּז מֶען פְּרוּפֶען. בֶּעסֶער זִיךְ אַלֵיין עֶרקוּנְדִיגֶען, אֵיידֶער גְלוֹיבֶּען אוֹיפֶען וָוארְט. נוּ, חַוֶ'קֶע, וִוי אִיז בַּיי אַייךְ אַרוֹיס דִי פְּרָאבֶּע?

— חַנָה הָאט גֶעדְרֶעהט דִי נָאדֶעל אוּנטֶער מַיין פִינְגֶער. פְרִיהֶער אִיז נִיט גוּט אַרוֹיס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאךְ דִי פִינְגֶער צוּשְׁטָאכֶען. דֶערנָאךְ אָבֶּער הָאבּ אִיךְ טַאקִי נִיט גֶעפִיהְלְט, וִוי עֶס דְרֶעהט. אִיךְ הָאבּ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעקֶענְט טְרֶעפֶען וֶוען זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ דְרֶעהֶען אוּנ וֶוען זִי הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט.

— נוּ, אוּנ אִיהר הָאט וֶוער גֶעפְּרוּפְט? הָאט זִיךְ דֶער לֶעהְרֶער גֶעוֶוענְדֶעט צוּ דִי בַּחוּרִים.

— וֶוער הָאט דָאס צַייט גֶעהַאט? דִי מִיהל אִיז אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעגַאנְגֶען בַּיי נַאכְט, הָאט הֶעשֶׁעל גֶעזָאגְט. — נוּ, וָואס, לֶעהְרֶער, אִיהר וֶועט אֶפְשַׁר אוֹיסשְׁוֶוענְקֶען דִי הַאלְדְז? בַּיי דִי וֶוארְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶענָאסֶען אַ גְלֶעזֶעל בְּרַאנְפֶען.

— מֶהֵיכָא תֵּיתֵא, פַאר וָואס נִיט? הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט. נָאר וָואס זִיצְט דָאס עֶפֶּעס יִשְׂרָאֵל אַרָאפְּגֶעלָאזֶען דִי נָאז?

— אַט מֶען רֶעדְט, רֶעדְט מֶען זִיךְ אוֹיס נַארֶעשְׁקַייט, אוּנ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶס גְרָאד אָנְגֶערִיהְרְט, אִיז עֶר אוּנמוּטְהִיג.

— וֶועגֶען וָואס הָאט אִיהר דָאס דָא גֶערֶעדְט?

— וֶועגֶען וָואס מֶען זָאל נִיט רֵיידֶען קוּמְט מֶען אַלְץ אַרוֹיף אוֹיפֶען טוֹידְט אוּנ אוֹיף דַלוּת. מִיר הָאבֶּען גֶערֶעדְט וֶועגֶען דֶעם, וָואס מִיר זַיינֶען פֶערגְרָאבְּט, אוּנ מִיר ווֵייסֶען גָאר נִיט וָואס אוֹיף דֶער וֶועלְט טְהוּט זִיךְ. נוּ, זַיינֶען מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שְׁמוּעֶס וֶועגֶען אָרֶעמְקַייט, קְרַאנְקְהַייט אוּנ סִבּוֹת. גָאט זָאל הִיטֶען אַלֶע יוּדֶען דֶערְפוּן!

— אַיי דִי אָרֶעמְקַייט אוּנ אוּנְוִויסֶענְהַייט! — הָאט דֶער לֶעהְרֶער

געזאגט מיט א זיפץ, — אן דעם איז שווער צו פערגעסען! וועגען וואס מען זאל ניט ריידען, אויף וואס מען זאל ניט אקוק טאהן, קומען באלד די צוויי מלאכי חבלה אויפ'ן זינען ארויף. נו, לחיים, ברידער! גאטט זאל געבען, אז דער יודעשער המון זאל בעססער לעבען אונ מעהרער וויססען.

— הלואי! זאל גאטט געבען! א דאנק פאר א גוט ווארט! האבען אללע געענטפערט.

II

די דריי צושטאנדען פון די קארפער.

— איצטער — האט אנגעהויבען דער לעהרער, — ווייסט איהר שוין, אז יעדער קארפער בעשטייט פון פיצינקע טהיילכאלעך, מאלעקולען, ווי די געלעהרטע רופען זיי. איהר ווייסט ווידער אז די מאלעקולען ליגען ניט הארט איינער נעבען דעם אנדערען, נאר צווישען זיי זיינען פאראנען פיצינקע בלויזען, שפעלטעלעך. אפשר געדיינקט איהר נאך ווער, פאר וואס די מאלעקולען צושיטען זיך ניט, וואס בינדט זיי צוזאמען אין איין קארפער?

— די מאלעקולען קאנען זיך דארום ניט פאנאנדערפאלען, האט מלך געענטפערט — ווייל זיי ציהען זיך צו איינער צו דעם אנדערען, יעדער מאלעקול ציהט צו זיך צו אללע זיינע חברים, די איבעריגע מאלעקולען, וואס זיינען מיט איהם אין איין קארפער, אונ זיי ווידער פון זייער זייט ציהען איהם צו. איהר האט נאך געזאגט, אז דאס, וואס די מאלעקולען ציהען זיך צו איינער דעם אנדערען רופט מען — קייטונגסקראפט.

— יא, ריכטיג! האט דער לעהרער געענטפערט. די קייטונגס-קראפט פערדבינדט אללע איינצעלטע מאלעקולען אין איין קארפער, פערקייטעלט זיי צוזאממען, זיי זאלען זיך ניט פאנאנדערפאלען. אפשר וועט מיר נאך ווער עס איז קאנען ענטפערען אויף נאך א פראגע: פאר וואס ציהען זיך די מאלעקולען ניט צו הארט איינער

צו דעם אנדערען, אזוי, אז עס זאל קיין שום שפעלטעלע צווישען זיי ניט בלייבען? פאר וואס קאנען זיי דורך די קייטונגסקראפט זיך אין גאנצען ניט צונויפציהען?

— איך געדענק, האט העשעל געענטפערט. די מאלעקולען שטעהען ניט אויף איין ארט, זיי רירען זיך אום, ציטערען און, רירענדיג זיך טרעטען זיי דאך אביסעלע אפ איינער פון דעם אנדערען, דארום בלייבען צווישען זיי קליינע בלויזען.

— ווי איך פערשטיי דאס, איז דא די מעשה אזוי — האט זיך ווידער מלך אריינגעמישט. — די מאלעקולען האבען אין זיך עפעס צוויי... איך ווייס ניט, ווי איך זאל אייך דאס אנרופען, נו, זאל זיין צוויי מדות, צוויי נאטורען...

— רופט עס אן איינגעשאפטען, האט דער לעהרער געזאגט.

— נו, זאל זיין איינגעשאפטען. פון איין זייט האבען זיי איין איינגעשאפט זיך צוציהען איינער צו דעם אנדערען — די קייטונגס-קראפט, פון אנדער זייט האבען זיי איין איינגעשאפט זיך פאנאנדער צו פליהען — די בעוועגונג, דאס וואס זיי רירען זיך אום. נו, אין יעדען קערפער ראנגלען זיך שטענדיג אט די ביידע מדות, אדער ווי איהר רופט זיי, איינגעשאפטען; אקוראט אזוי ווי אין מנורת המאור, איז אין מענשען ראנגלען זיך דער יצר הרע מיט דעם יצר טוב: איינער שלעפט איהם אהין און דער אנדערער אהער. אקוראט אזוי ווי דארטען גייט דאס ריב מענשען אין מיטעל וועג: אביסעל זינדיגט מען און אביסעל ראוועט מען; אזוי איז דאס אויך מיט די מאלעקולען אין יעדען קערפער. הארט צונויפציהען זיך קאנען זיי ניט, ווייל די בעוועגונג ערווייטערט זיי איינער פון דעם אנדערען; פארנאנדער פליהען קאנען זיי זיך ווידער ניט, ווייל די קייטונגסקראפט ציהט זיי צו איינער צו דעם אנדערען. דארום בלייבען זיי שטעהן ניט אהין, ניט אהער. זיי בלייבען צונויפגע-בונדען אין איין קערפער, און צווישען זיי שטעלען זיך אב בלויזען.

— זעהר גוט! האט דער לעהרער געזאגט. — אייער משל געפאלט מיר, און איך וועל זיך מיט איהם בענוצען אייך צו ער-קלעהרען די דריי צושטאנדען פון די קערפער. איהר האט געזאגט אז דער יצר הרע מיט'ן יצר טוב האבען גלייכע כחות, איינער איז

ניט שטארקער פון דעם אנדערען. ווי וועט אבער זיין, אז איינער פון זיי וועט זיין שטארקער און ער וועט ציהען דעם מענשען מיט מעהר כח אויף זיין וועג, דאמאלס וועט דאך שוין דער מענש ניט בלייבען קיין מיטעלער: אויב דער יצר הרע וועט זיין ביי איהם שטארקער, וועט ער טאהן מעהר עבירות און אויב דער יצר טוב — וועט ער טאהן מעהר מצוות. אזוי איז עס אויך מיט די קערפער. ניט אין אללע קערפער ווירקען אט די ביידע אייגענשאפטען: די קיטונגסקראפט און די בעוועגונג מיט גלייכע שטארקייט. אין א הארטען קערפער, ווי למשל אין אייזען, האלץ און דער גלייכען, איז די קיטונגסקראפט זעהר גרויס, דארום, אז ווען מיר הייבען אויף א הארטען קערפער, א שטיק האלץ, למשל, פאר איין זייט, הייבט זיך דער אנדערער זייט אויך מיט. אז מיר ווילען א הארטען קערפער צוברעכען, צושניידען אדער צורייסען, בכלל צוטהיילען, מוזען מיר דערצו צולייגען מעהר אדער ווייניגער כח, ווייל די קיטונגסקראפט לאזט עס ניט און מיר מוזען זי בייקומען. איהר דארפט וויסען, אז די געלעהרטע רופען אן הארטע קערפער ניט נור אייזען, שטיין אדער האלץ; וואטע, פאפיר אדער וואקס, רופען זיך ביי זיי אויך אן הארטע קערפער. אייזען איז זעהר הארט און מען דארף האבען א גרויסע קראפט איהם צו צוטהיילען, האלץ איז ווייכער און אויף צוהאקען, צוזעגען אדער צוברעכען האלץ דארף מען צולייגען ווייניגער כח. וואקס איז נאך ווייכער, וואטע און פאפיר נאך ווייכער; נור זיי אללע זיינען דאך הארטע קערפער, ווייל יעדער קערפער, וועלכער צערריננט זיך ניט און וועלכען מען קאן ניט פארנאנדער גיסען אין עטליכע כלים, הייסט איין הארטער קערפער.

— הייסט עס — האט חייקע געפרעגט — אז זאמד איז ניט קיין הארטער קערפער, ווייל מען קאן איהם לייכט פאנאנדער שיטען אין עטליכע כלים און ער צושיט זיך אויפען טיש?

— ניין! האט דער לעהרער געענטפערט: זאמד איז א הארטער קערפער. דאס, וואס א מולטער זאמד קען זיך צושיטען איז קיין בעווייז ניט. אין א מולטער זאמד קענען זיך געפינען מילליאנען קערפער, ניט איינער, ווייל יעדער קערענדעל זאמד איז פאר זיך

אַ בעזונדער קארפּער. די קייטונגסקראַפט ציהט נור צונויף זיינע מאָלעקולען אין איין קאָרנדעל; מיט די מאָלעקולען פון די איבריגע קערענדליך, קאָנען זיך זיינע מאָלעקולען ניט אויפציהען; אַקוראַט ווי אין אַ קאסטער איז איין שטיק האָלץ מיט דאס אַנדערע ניט אויפגעבונדען. אַז איהר צושיט אַ מולטער זאַמד, צושיט איהר ניט איין קארפּער, נור איהר שיט פאַנאַנדער אַ סך קערפּער; און אַ בינדעל האָלץ קען מען דאך אויך צוואַרפען. זעהט איהר, צוטהיילען איין איינצעלנען קערענדעל זאַמד, וועט אייך שוין ניט אַזוי גרינג אָנקומען. איין איינצעלנדען קערענדעל וועט איהר ניט פאַנאַנדער שיטען. הייסט עס, אַז זאַמד איז אַ האַרטער קערפּער.

אין אַ פליסיגען קערפּער איז די קייטונגסקראַפט אַסך שוואַכער. די מאָלעקולען בעוועגען זיך גיכער. דאַרום קענען זיך דורך די קייטונגסקראַפט צונויפציהען נור אַ קליינע מאַססע מאָלעקולען אין איין טראָפּען, אָבער, אַז אַ גרויסע מאַססע מאָלעקולען זאָל זיך אויפציהען אין איין קערפּער — דאס קען בּיי איין פליסיגען קערפּער ניט זיין: די קייטונגסקראַפט איז ניט אַזוי שטאַרק. די טראָפּען זיינען איינער מיט דעם אַנדערען ניט אויפגעבונדען און צערינען זיך אין דער לאַנג און אין דער ברייט. אַ קערנדעל זאַמד צערינט זיך ניט אויף 2 קערענדליך. אַ טראָפּען וואַססער אָבער, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, צערינט זיך נאָך אויף עטליכע קלענערע טראָפּענס, און די טראָפּען אויף נאָך קלענערע, ווייל די מאָלעקולען אין יעדען טראָפּען זיינען זעהר שוואַך צונויפגעבונדען. דעריבער קאָן מען אַ פליססיגען קערפּער, ווי למשל, וואַססער, קעראָסין, ספּירט א. ד. ג. גרינג צוטהיילען, מען קאָן איהם לייכט פאַנאַנדער־גיסע אין עטליכע כלים. אַ פליססיגען קערפּער מוז מען האַלטען אין אַ כלי מיט וואַנדליך הערום, ווען ניט, וועט ער זיך צערינען. פון אויבען אָבער פאַרשפּאַרט מען איהם צו צודעקען, ער וועט אין דער הויך ניט פליהען, ווייל ווי שוואַך די קייטונגסקראַפט איז, חאָטש זי קאָן ניט פעראייניגען אפילו וואַססער מאָלעקולען אין איין גאַנצען קערפּער, דאָך ווירקט זי נאָך אויף אַזוי פיעל צו פעראייניגען אַ קליינע צאָהל אין איין טראָפּען, און די טראָפּען זיינען נאָך גענוג שווער און קאָנען דאַרום אין דער לופט ניט פליהען.

— אויפען הימעל וועלען זיי ניט פאלען, האט ישראל געוויצעלט.

— אין לופטפארמיגע קערפער אבער — האט דער לעהרער ווייטער געערדט: — דהיינו ווי וואססער פארע, לופט אונ דער גלייכען, אין אזעלכע קערפער איז די קיטונגסקראפט נאך אסך קלענער ווי אין פליססיגע. די מאלעקולען בעוועגען זיך אזוי גיך, אז די קיטונגסקראפט קען זיי ניט צוזאממען בינדען, ניט נור אין א גרויסע מאססע, ווי אין הארטע קערפער, זי קאן זיי אפילו ניט צונויפציהען אין קליינע טראפען, ווי אין פליססיגע קערפער. די מאלעקולען פון אזאלכע קערפער טראגען זיך אין דער לופטען איינציגוויים. אזאלכע קערפער האבען די געלעהרטע א נאמען געגעבען גאזען. א גאז איז זעהר א גרינגער קערפער, זיינע מאלעקולען בעוועגען זיך זעהר גיך, אונ אפט, אויב קיין זאך האלט זיי ניט אב, פליהען זיי גיך פאנאנדער איינציגוויים אין אללע זייטען. א גאז איז א דורכזיכטיגער, אונזיכטבארער קערפער, אקוראט אזוי ווי די לופט, וואס איז ארום אונז, דארום רופט מען די גאזען אויך לופטפארמיגע קערפער. א גאז איז אונזיכטבאר, דאס הייסט, מען קאן איהם ניט זעהן, ווייל ער טראגט זיך אין דער לופטען איינצעלטע מאלעקולען וויים, אונ איינצעלטע מאלעקולען איז דאך, ווי איהר ווייסט, אונמעגליך צו זעהן צוליעב זייער מורא־דיגע קליינקייט. א גאז מוז מען האלטען אין א כלי, וועלכע זאל זיין גוט פערמאכט פון אללע זייטען, ווייל ווען ניט, וועט ער זיך צערפליהען. איין איינצעלטער מאלעקול איז דאך זעהר גרינג. די פארע, וועלכע מיר זעהען בעת א טאפ זידט, איז דאך, ווי איהר ווייסט שוין, ניט קיין אמת'ע פארע, ניט קיין איינצעלטע מאלעקולען, דארט זיינען שוין פאראייניגט עטליכע מאלעקולען צוזאממען, דאך קאן אזא פארע אויך פליהען, בפרט אמת'ע גאזען, וועלכע זיינען פאנאנדער געטהיילט אויף איינצעלטע מאלעקולען, דהיינו, אט די פארע, וועלכע מיר זעהען ניט, זיי קאנען דאך געוויס פליהען אין דער לופטען.

— הייסט עס, אז א גאז קאן יא פאלען אויפ'ן הימעל! האט ישראל ווידער געוויצעלט.

— אֶפְשַׁר וַויים וֶוער פון אַייך עֶפֶּעס אַ קֶארְפֶּער, וֶועלְכֶער זָאל זִיךְ קָאנֶען גֶעפִינֶען אִין אַללֶע דְרַיי צוּשְׁטַאנְדֶען? הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶעפְרֶאגְט.

— וַואססֶער, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט חַנָה. גֶעוֶואהְנְלִיךְ אִיז עֶס אַ פְלִיסְסִיגֶער קֶארְפֶּער. אוֹיפ'ן פְרָאסְט וֶוערְט עֶס אַייז — אַ הַארְטֶער קֶארְפֶּער, אוּנ פוּן הִיטְץ וֶוערְט עֶס פַּארֶע — אַ לוּפְטְפָארְמִיגֶער קֶארְפֶּער, אַ גַאז.

— רִיכְטִיג! הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶעזָאגְט — וָואס שְׁטַארְקֶער מִיר וַוארֶעמֶען אָן אַ קֶארְפֶּער, בֶּעוֶועגֶען זִיךְ זַיינֶע מָאלֶעקוּלֶען אַלְץ גִיכֶער, אוּנ דִי קֵייטוּנְגְסְקְרַאפְט וֶוערְט אַלְץ שְׁוַואכֶער, דַארוּם וֶוערְט פוּן וַואססֶער בֶּעת מֶען וַוארֶעמְט עֶס אָן — פַּארֶע. פַארְקֶעהרְט, בֶּעת וַואססֶער וֶוערְט שְׁטַארְק אָבְּגֶעקִיהלְט, בֶּעוֶועגֶען זִיךְ זַיינֶע מָאלֶעקוּלֶען זֶעהר שְׁוַואךְ, דִי קֵייטוּנְגְסְקְרַאפְט וֶוערְט שְׁטַארְקֶער אוּנ דִי מָאלֶע־קוּלֶען קָאנֶען זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט צוּנוֹיפְבִּינְדֶען נִיט אִין טְרָאפֶּען וִוי פְרִיהֶער, נוּר אִין אַ גְרוֹיסֶער מַאססֶע. דָאס וַואססֶער וֶוערְט פֶער־פְרָארֶען, עֶס וֶוערְט אַייז — אַ הַארְטֶער קֶארְפֶּער. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט הַאנְטֶע קֶארְפֶּער. וֶוען מֶען וַוארֶעמְט שְׁטַארְק אָן אַ הַארְטֶען קֶארְפֶּער, וִוי, לְמָשָׁל, וַואקְס, סְטֶעאַרִין, בְּלַיי א. ד. ג. הֵייבֶּען זִיךְ זַיינֶע מָאלֶעקוּלֶען אָן צוּ בֶּעוֶועגֶען גִיכֶער; דִי קֵייטוּנְגְס־קְרַאפְט וֶוערְט שְׁוַואכֶער; זִי קָאן שׁוֹין אִיצְט נִיט צוּנוֹיפְבִּינְדֶען דִי גַאנְצֶע מַאססֶע מָאלֶעקוּלֶען וִוי פְרִיהֶער אִין אֵיין קֶארְפֶּער; זִי קָאן נָאר שְׁוַואךְ צוּנוֹיפְבִּינְדֶען אַ קְלֵיינֶע צָאהל מָאלֶעקוּלֶען אִין אַ טְרָא־פֶּען. דֶער קֶארְפֶּער שְׁמֶעלְצְט זִיךְ, עֶר צוּגֶעהט, עֶר וֶוערְט פְלִיסְסִיג. וֶוען מֶען זָאל דֶען קֶארְפֶּער נָאכְדֶעם, וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארֶען פְלִיסְסִיג, נָאךְ וַוייטֶער וַוארֶעמֶען, הֵייבְּט דֶער פְלִיסְסִיגֶער קֶארְפֶּער אָן אִיבֶּערצוּגֶעהן אִין אַ פַּארֶע, עֶר וֶוערְט אַ גַאז, דָאס הֵייסְט, זַיינֶע מָאלֶעקוּלֶען הֵייבֶּען זִיךְ אָן אַזוֹי גִיךְ צוּ בֶּעוֶועגֶען, אַז דִי קֵייטוּנְגְסְקְרַאפְט קָאן זֵיי שׁוֹין אֲפִילוּ אִין קְלֵיינֶע טְרָאפֶּען אוֹיךְ נִיט אוֹיפְהַאלְטֶען; זֵיי טְהֵיילֶען זִיךְ אָב אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען אוּנ פְלִיהֶען זִיךְ פַאנַאנְדֶער אִין דֶער לוּפְטֶען. פֶערְשְׁטֵייט זִיךְ, אַז וָואס אַ קֶארְפֶּער אִיז הַארְטֶער, דַארְף מֶען אַלְץ הָאבֶּען מֶעהר וַוארֶעמְקַייט צוּ מַאכֶען אִיהם פְלִיסְסִיג אוּנ נַאכְהֶער לוּפְטְפָארְמִיג. סְטֶעאַרִין

הייבט זיך אן צו שמעלצען און ווערען פליססיג, בעת מען ווארעמט איהן אן אויף 70 גראד; וואקס צו 68—61 גראד; בליי הייבט זיך אן צו שמעלצען צו 326 גראד; קופער צו 1054 גראד; און אייזען צו 1200 גראד היטץ. הײנט וואס פאר א מוראדיגע גיהנום, היטץ דארף מען נאך האבען, אום צו מאכען אייזען אין א לופטפארמיגען געשטאלט, ד. ה. דאס אייזען זאל איבערגעהן אין פארע? די געלעהרטע קאנען שוין איצט בעקומען אזא שטארקע היטץ, אזא הויכען גראד ווארעמקייט, ביי וועלכען די הארטסטע און געדיכטסטע קארפער, ווי צום ביישפיל זילבער, קופער, אייזען, געהען איבער אין פארע. הייסט דאס אייגענטליך, אז אזאלכע קארפער, וועלכע זאלען שטאנדיג, ביי אללע אומשטאנדען בלייבען אין איין שטאנד: אללע מאהל הארטע, אללע מאל פליססיגע אדער אללע מאל לופטפארמיגע -- אזאלכע קארפער איז באמת ניט דא. יעדער קארפער קען זיין הארט, פליססיג און לופטפארמיג, עס ווענדט זיך נור, ווי שטארק ער איז אנגעווארעמט, ד, ה. ווי גיך זיינע מאלעקולען בעוועגען זיך: בעוועגען זיי זיך לאנגזאם, קומט ביי אונז אוים דער קארפער הארט; הייבען זיי זיך אן צו בעוועגען גיכער, ווערט דער הארטער קארפער פליססיג; נאך גיכער, ווערט פון דער פליססיגקייט א פארע, א גאז, ד. ה. די מאלעקולען הערען אויף צו זיין צונויפגעבונדען און זיי צופליהען זיך אין אללע זייטען. פארקעהרט, מען זאל שטארק אבקיהלען און אויפקוועטשען א גאז, מוז ער ניט אנדערש ווערען פליססיג. פאר וואס איז דאס אזוי, מלך?

— די סברא איז מחייב, האט מלך געענטפערט. ווען מיר קיהלען אב א גאז, הייבען זיינע מאלעקולען זיך אן צו בעוועגען לאנגזאמער, די קייטונגסקראפט ווערט גראססער און ציהט זיי צונויף נאהנטער איינער צו דעם אנדערען; דאס זעלבע ווערען די מאלעקולען נאהנטער איינער צו דעם אנדערען, ווען מיר קוועטשען זיי צונויף. זיי קאנען זיך שוין דאמאלס ניט פאנאנדערפליהען, פערייניגען זיך אין טראפען און ווערען פליססיג. פערשטעהן פערשטעה איך דאס, נאר איך וואלט וועלען וויססען: צו דאס איז נור א סברא, אדער מען האט עס טאקי דערגאנגען

בפעל, מען קאן דאס טאקע מאכען אויך.

— דאס איז ניט קיין סברא, נאר א געוויסער פאקט — האט דער לעהרער געענטפערט. — ערשטענס ווייסט איהר דאך שוין, אז ווען מען קיהלט אב וואססער־פארע, ווערט זי איבער א נייעם פליכסיגע וואססער; צווייטענס האט זיך די געלעהרטע איינגע־געבען צו מאכען אונזערע לופט און אנדערע גאזען פליסיג — דורך דעם וואס זיי האבען אט די גאזען שטארק אבגעקיהלט און צונויפגעקוועטשט. פערשטעהט איהר שוין איצטער, אז אין דער אמת'ען איז ניט דא ניט קיין הארטע קארפער, ניט קיין פליססיגע, ניט קיין לופטפארמיגע: יעדער קארפער קאן זיין אין אללע דריי צושטאנדען, דאס ווענדט זיך נור אן זיין טעמפעראטור, ד. ה. אן דעם גראד ווארעמקייט, ביז וועלכען ער איז אנגעווארעמט. ווען מיר זאגען, אז אייזען, למשל, איז א הארטער קארפער און וואססער איז א פליססיגער, מיינען מיר דערמיט אט וואס: ביי דעם גראד ווארעמקייט, וועלכען מיר זעהען געוואהנליך ביי אונז אויף דער ערד, זיינען מיר געוואהנט צו זעהן אפטער ווי האלץ אייזען אין א הארטען צושטאנד און וואססער אין א פליססיגען. דאריבער רופען מיר אן אייזען — א הארטער קארפער, און וואססער — א פליססיגער. נור יעדער ווייס גאנץ גוט, אז אייזען קאן ביי א גרויסע היטץ זיך שמעלצען און ווערען פליססיג; וואססער ווידער קאן ביי איין פראסט ווערען הארט און ביי היטץ — לופטפארמיג. ווען, למשל, אויף דער ערד וואלט צוליעב וועלכע עס איז א סבה ווערען צעהן מאל אזוי ווארעמער ווי איצטער, וואלטען אסך בעוואוסטע קארפער גאר אין גאנצען אומגעביטען זייער געוועהנליכע געשטאלט. חלב, למשל, סמאלע, וואקס און נאך אסך אזאלכע קארפער וואלטען געווען צושמאלצען; קיינער וואלט זיי דאמאלס ניט רופען הארטע קארפער, אלע וואלטען זיי רופען פליססיגע. דאגעגען וואססער, קעראסין, ספירט און אסך אנדערע פליססיגע קארפער וואלטען זיך שטענדיג געטראגען אין דער לופטען אין געשטאלט פון פארע; מיר וואלטען זיי געהאלטען פאר גאזען. און מיר וואלטען זיי טאקי אזוי אנגערופען, אט אזוי ווי מיר רופען היינט אן אונזער לופט — גאז. אויף דער זונן, וואו די היטץ איז

מוֹרָאדִיג גְרוֹיס, גֶעפִינֶען זִיךְ אֲפִילוּ דִי הַארְטְסְטֶע מֶעטַאלֶען, ווִי לְמָשָׁל קוּפֶּער, זִילְבֶּער אוּנ אַייזֶען אִין אַ לוּפְטְפָּארמִיגֶען צוּשְׁטַאנְד.

III.

עֶטְלִיכֶע ווֶארְטֶער אִיבֶּער לוּפְט.

— אִיךְ הֶער — הָאט גֶעזָאגְט הֶעשֶׁעל — ווִי אִיהר טַעֲנֶה'ט דָא אַלֶץ ווֶעגֶען לוּפְט. אִיהר זָאגְט, אַז לוּפְט אִיז אַ קֶארְפֶּער, אַ גַאז. אִיךְ הֵייבּ דָאס נִיט אָן פֶּערְשְׁטֵיין. פוּן ווַאנֶען ווֵייסְט אִיהר דָאס, אַז עֶס אִיז גָאר פַאראַנֶען לוּפְט? דוּכְט זִיךְ, אַז לוּפְט אִיז גָאר נִישְׁט. אַז עֶס אִיז קֵיין זַאךְ נִיט דָא, עֶס אִיז פּוּסְט, רוּפְט מֶען דָאס לוּפְט.

דֶער לֶעהְרֶער הָאט אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אוֹיפ'ן טִישׁ אַ פָּאר שְׁטִיקְלֶעךְ פַאפִּירָאסְ־פַּאפִּיר אוּנ הָאט אִיבֶּער זֵיי אַ פָּאךְ גְעטָאהן מִיט אַ בּוּךְ. דִי פַּאפִּירָאסְ־פַּאפִּיר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלֶען פוּן טִישׁ. נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַ פָּאךְ גֶעטָאהן מִיט'ן בּוּךְ הֶעשֶׁעלֶען אִיבֶּער'ן פָּנִים.

— וָואס פִיהלְט אִיהר? הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶעפְרֶעגְט.

— אַ ווִינְדֶעל הָאט אַ בְּלָאז גֶעטָאהן, הָאט הֶעשֶׁעל גֶעעֶנְטְ־פֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל.

— אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאךְ צוּ דִי פַּאפִּירָאסְ־פַּאפִּיר נִיט צוּגֶערִיהְרְט, פַאר וָואס אִיז זִי אַרָאבְּגֶעפַאלֶען? אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאךְ אִיצְטֶער קֵיין ווִינְד נִיט דָא, פַאר וָואס פִיהלְט אִיהר אַ ווִינְדְט'ל בְּעֵת אִיךְ דֶערלַאנְג אַ פָאךְ מִיט'ן בּוּךְ אִיבֶּער אַייֶער פָּנִים? מִסְתָּמָא מוּז זַיין, אַז צְווִישֶׁען מִיר אוּנ דָאס שְׁטִיקֶעל פַּאפִּירָאסְ־פַּאפִּיר גֶעפִינְט זִיךְ עֶפֶּעס אַיין אוּנזִיכְטְבַּארֶער קֶארְפֶּער. ווֶען אִיךְ דֶערלַאנְג אַ פָּאךְ מִיט'ן בּוּךְ, גִיבּ אִיךְ דֶעם קֶארְפֶּער אַ שְׁטוֹיס, אוּנ עֶר ווִידֶער גִיט אַ שְׁטוֹיס דָאס שְׁטִיקֶעל פַּאפִּיר, דַארוּם פַאלְט עֶס אַרָאפּ פוּן טִישׁ. דֶער זֶעלְבֶּער קֶארְפֶּער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ צְווִישֶׁען אַייךְ אוּנ צְווִישֶׁען מִיר. כָּל זְמַן דֶער קֶארְפֶּער אִיז רוּהִיג, פִיהלֶען מִיר אִיהם נִיט; אַז אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פָּאךְ גֶעטָאהן מִיט'ן בּוּךְ, הָאבּ אִיךְ אָט דֶעם קֶארְפֶּער

אשטויס געטאהן, ער האט זיך אבגעריהרט פון זיין ארט און איך א שטויס געטאהן אין פנים, א בלאז געטאהן, ווי ... זאגט. איהר ווייסט, אז א מענש און אללע אנדערע לעבעדיגע זאכען מוססען אטהעמען. וואס טהוט איהר, בעת איהר אטהעמט? איהר ציהט עפעס אריין אין זיך און בלאזט ארוים פון זיך. פרופט, האלט איין אויף א ווייליע דעם אטהעם, וועט איהר פיהלען ווי עס שטיקט אייך; איהר וועט לאנג ניט קאנען אויסהאלטען, איהר וועט מוזען באלד ווידער אנהייבען צו אטהעמען. ווען מען פער־מאכט איינעם מיט געוואלד דעם מויל מיט'ן נאז אויף עטליכע מינוט, ווערט ער דערשטיקט. ווען ארום אייך איז קיין זאך ניט דא, הייסט עס, אז איהר ציהט גאר נישט אריין אין זיך און בלאזט גאר נישט ארוים פון זיך, טא פאר וואס קאן א מענש אן אטהעם ניט לעבען? וואס שטיקט איהם, בעת ער האלט איין דעם אטהעם? גאר נישט שטיקט איהם? אהן גאר נישט קען מען ניט לעבען? דאס אלץ בעווייזט אונז, אז ארום אונז איז אומעטום פאראנען איין אונזיכטבארער קארפער, א גאז, וועלכען מיר רופען לופט.

בעת די לופט איז רוהיג פיהלען מיר זי ניט, אקוראט ווי מיר פיהלען ניט די קליידער וועלכע מיר טראגען, ווייל מיר זיינען צו איהר צוגעוואהנט פון אונזער ערשטער מינוט אן. ווען מיר קלאפען זיך אבער גיך אב אן די לופט, אדער די לופט אן אונז, דאמאלס פיהלען מיר א ווינד. בעת אז מיר לויפען, פיהלען מיר א ווינדט'ל אפילו אין א שטילען וועטטער, ווייל מיר קלאפען זיך אב דאמאלס גיכער ווי געוואהנליך אן די לופט; מיר האקען זי גיך איבער מיט אונזער קארפער. וואס גיכער מען לויפט, פיהלט מען אלץ א שטארקערען ווינד.

אז מען געהט ארוים אויפען גאנעק פון וואגאן, בעת דער צוג געהט גיך, פיהלט מען אפילו אין א שטילען וועטטער אויך א שטארקען ווינד; זאל זיך דער צוג אבשטעלען, וועט איהר שוין קיין ווינד ניט פיהלען. דאס זעלבע איז אויך, בעת אז איהר זיצט רוהיג, נור די לופט בעוועגט זיך גיכער ... געוואהנליך. א

מָאל בֶּעוֶועגְט זִיךְ דִי לוּפְט נִיט פִיעל גִיכֶער וִוי גֶעוֶואהנְלִיךְ, זִי טְרֶעסֶעלְט קוים דִי בְּלֶעטֶער אויף דִי בּוימֶער, דַאמָאלְס פִיהלֶען מִיר אַ ווינְטֶעל. וֶוען דִי לוּפְט טְרָאגְט זִיךְ אָבֶּער גִיךְ, חְוַואלְיֶעס וַוייס, דַאמָאלְס פִיהלֶען מִיר אַ וִוינְט. אויב דִי לוּפְט, וֶועלְכֶע בֶּעוֶועגְט זִיךְ גִיכֶער וִוי גֶעוֶואהנְלִיךְ, אִיז אַ וַוארֶעמֶע, פִיהלֶען מִיר אַ וַוארֶעמֶען ווינְט. וֶוען דִי לוּפְט אִיז אָבֶּער אַ קַאלְטֶע פִיהלֶען מִיר אַ קַאלְטֶען ווינְט, עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַיין אַנְדֶערְס מָאל, אַז דִי לוּפְט בֶּעוֶועגְט זִיךְ זֶעהר גִיךְ, אַיין עֶרֶךְ פוּן 17 קְלַאפְטֶער אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע — דָאס אִיז שׁוין אַ שְׁטוּרֶעם, אַ בּוּרֶע. אִיהר וֵוייסְט, אַז אַ ווינְט דְרֶעהט רֶעדֶער פוּן מִיהלֶען; אַ שְׁטַארְקֶער ווינְט — אַבּוּרֶע רַייסְט אוֹיס הוּנְדֶערְטְיָאהרִיגֶע בּוימֶער מִיט דִי וָוארְצְלֶען, טְרָאגְט אַרָאפּ דֶאכֶער. גָאר נִישְׁט דְרֶעהט דִי מִיהל־רֶאדֶער, גָאר נִישְׁט רַייסְט אויס דִי בּוימֶער? בֶּעקְט נִיט קֵיין אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶעם פֶּענְחֶער, לִיגְט עֶר אַצוּנוֹיפְגֶעצוֹיגֶענֶער, זַיינֶע וָואנְדְלֶעךְ זַיינֶען אַיינְגֶעפַאלֶען; בְּלָאזְט אִיהם אָבֶּער אָן, וֶוערְט עֶר בַּאלְד אויסְגֶעצוֹיגֶען אִין אַלֶע זַייטֶען, קַיילֶעכְדִיג; דִי וֶואנְדְלֶעךְ זַיינֶע פַאלֶען שׁוין מֶעהר נִיט אַיין, אַקוּרַאט אַזוֹי וִוי דֶער פֶּענְחֶער וָואלְט גֶעוֶוען פוּל מִיט עֶפֶּעס. וָואס אַזוֹינְס גֶעפִינְט זִיךְ אִיצְטֶער אִינְוֶוענְדִיג אִין פֶּענְחֶער, וָואס עֶר אִיז פוּלל, וָואס הַאלְט אַיין זַיינֶע וָואנְדְלֶעךְ זֵיי זָאלֶען נִיט אַיינְפַאלֶען? פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אַז דִי לוּפְט, וָואס אִיהר הָאט אִין אִיהם אַרַיין גֶעבְּלָאזֶען. עֶס זַיינֶען פַאַרַאנֶען לֶעדֶערְנֶע לוּפְטְקִישֶׁעלֶעךְ, אויף וֶועלְכֶע מֶען קָאן שְׁלָאפֶען אַזוֹי וִוי אויף גֶעוֶואהנְלִיכֶע קִישֶׁעלֶעךְ, דִי וֶואנְדְלֶעךְ פַאלֶען נִיט אַיין: זֵיי הַאלְטֶען זִיךְ וַוייט אֵיינֶע פוּן דֶער אַנְדֶערֶער. וָואס הַאלְט זֵיי אַיין? אִינְוֶוענְדִיג אִיז דָאךְ קֵיין פֶעדֶערֶען נִיט דָא? אִינְוֶוענְדִיג אִין קִישֶׁעלֶע אִיז דָא לוּפְט. אוּנ נָאךְ זָאגְט אִיהר אַז קֵיין לוּפְט אִיז נִיט דָא, לוּפְט אִיז גָאר נִישְׁט?

דִי לוּפְט רִינְגֶעלְט אַרוּם אוּנְזֶער עֶרְד פוּן אַלֶע זַייטֶען; זִי צִיהט זִיךְ אִין דֶער הוֹיךְ אִיבֶּער דִי עֶרְד, וֶועדְלִיג וִוי דִי גֶעלֶעהרְטֶע הָאבֶּען אויסְגֶערֶעכֶענְט, אַיין עֶרֶךְ פוּן 300 ווְיָארְסְט. וָואס הֶעכֶער פוּן דֶער עֶרְד, וֶוערְט דִי לוּפְט אַלְץ שִׁיטֶערֶער. אויף דִי שְׁפִּיצֶען פוּן דִי הוֹיכֶע בֶּערְג אִיז דִי לוּפְט אַזוֹי שִׁיטֶער, אַז אַ מֶענְשֶׁען אִיז דָארְטֶען שְׁוֶוער צוּ אָטְהֶעמֶען, אוּנ אויף דִי גַאנְץ הוֹיכֶע בֶּערְג קֶען מֶען זִיכֶער

דערשטיקט ווערען, ווייל עס פעהלט אוים לופט. מען קאן לייכט פערשטיין פאר וואס דאס איז אזוי. איהר ווייסט דאך שוין, אז די מאלעקולען פון א גאז זיינען ניט אויפגעבונדען צוזאממען דורך די קיטונגסקראפט, נאר זיי ציהען זיך צו פאנאנדערפליהען אין אללע זייטען. אויף די אונטערשטע פאכען (סלאיעס) לופט דריקט די גאנצע לופט וואס געפינט זיך איבער זיי, אונטען, נאהענט צו דער ערד, מוזען זיך די לופט-מאלעקולען צונויפגעהן נאהנטער איינער צו דעם אנדערען, ווייל די אייבערשטע לופט קוועטשט זיי צונויף מיט איהר שווערקייט; די לופט איז אונטען דארום געדיכטער. נאר וואס ווייטער פון דער ערד ווערט אלץ די שווערקייט פון אויבען וועניגער, ווייל פון אויבען געפינט זיך שוין אלץ וועניגער פאכען לופט; די לופט מאלעקולען זיינען דארום אלץ וועניגער צונויפגעדריקט און זיי קאנען זיך דארום אלץ ווייטער פאנאנדערפליהען איינער פון דעם אנדערען; די לופט ווערט שיטערער; אין איין קוביקען קלאפטער 1) לופט אויבען וועט זיין אסך וועניגער מאלעקולען, ווי אין א קוביקען קלאפטער אונטען. אום צו דערהאלטען אונזער לעבען מוזען מיר אריינאטהעמען א בעשטיממטע צאהל לופט. וואס די לופט איז שיטערער, דארפען מיר אלץ אפטער אטהעמען, ווייל מיט איין מאל נעמען מיר שוין איצטער ניט אריין אין זיך אזוי פיעל לופט, וויפיעל עס איז נעטהיג. די לופט ווערט אין דער הויך אזוי שיטער, דאס ווי אפט מיר זאלען ניט אטהעמען, וועלען מיר אלץ ניט בעוויזען אריינציהען אין זיך אזוי פיעל לופט, וויפיעל עס איז נאטהיג אום דאס לעבען צו דערהאלטען, און מיר וועלען ווערען דערשטיקט.

די גאנצע מאססע לופט, וועלכע רינגעלט ארום אונזער ערד, רופט זיך די אטמאספערע פון דער ערד.

— איהר זאגט, אז די לופט איז א קארפער? האט מיך געפרעגט — איהר האט דאך אונז געזאגט אז א קארפער מוז פערנעהמען איין ארט, אז אויף דעם ארט, וואס איין קארפער פער-

1) איין קוביק קלאפטער איז א קלאפטער די לאנג, א קלאפטער די ברייט און א קלאפטער די הויך.

גֶעהמְט קָאן מֶען קֵיין אַנְדֶער קָארְפֶּער נִיט אַוֶועקְלֵייגֶען כָּל זְמַן מֶען הָאט דֶעם עֶרְשְׁטֶען נִיט צוּגֶענוּמֶען. הַיינְט וְוִי אַזוֹי שְׁטֶעלֶען מִיר עֶפֶּעס אַוֶועק; וְוִי אַזוֹי גֶעהֶען מִיר; מִיר פֶּערְנֶעמֶען דָאךְ דֶעם אָרְט פוּן דִי לוּפְט?

— וָואס פֶּערְשְׁטֶעהט אִיהר דָא נִיט? אַז אִיהר שְׁלָאגְט אַרַיין אַ נָאגֶעל אִין אַ בְּרֶעט וואו קוּמְט אַהִין דָאס הָאלְץ, וָועלְכֶע אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס דֶער נָאגֶעל פֶּערְנֶעהמְט אִיצְטֶער? עֶס קְוֶועטְשְׁט זִיךְ צוּנוֹיף אוּנ מַאכְט אַיין אָרְט פַאר דֶעם נָאגֶעל. אַזוֹי אִיז דָא אוֹיךְ. וֶוען אִיהר שְׁטֶעלְט אַוֶועק וָועלְכֶען עֶס אִיז אַ קָארְפֶּער, שְׁטוּיסְט עֶר אָב דִי לוּפְט אוּנ פֶּערְנֶעהמְט אִיהר אָרְט. דִי לוּפְט קְוֶועטְשְׁט זִיךְ צוּנוֹיף. נֶעהמְט צוּ דֶעם קָארְפֶּער וֶועט דִי לוּפְט זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְבְּרֵייטֶען אוּנ פֶּערְנֶעהמֶען דֶעם לֵיידִיגֶען אָרְט. דָאס זֶעלְבֶּע גֶעשֶׁעהט אוֹיךְ, בְּעֵת מִיר גֶעהֶען. אִיךְ וֶועל אַייךְ בְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע רְאָיוֹת, אַז דִי לוּפְט פֶּערְנֶעהמְט אַיין אָרְט.

גִיט מִיר אַ לֵייקֶע, חַנָה!

חַנָה הָאט דֶערְלַאנְגְט אַ לֵייקֶע. דֶער לֶעהֶרֶער הָאט אַרוּם גֶעווִיקֶעלְט דָאס הֶעלְדְזֶעל פוּן לֵייקֶע מִיט אַ טִיכֶעלֶע אוּנ הָאט עֶס אַזוֹי אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ לֵיידִיגֶע פְלַאשׁ. דִי לֵייקֶע אִיז הַארְט צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּם הֶעלְדְזֶעל פוּן פְלַאשׁ, צְווִישֶׁען אִיז קֵיין בְּלֵייז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען. דֶער לֶעהֶרֶער הָאט אַרַיינְגֶעגָאסֶען אִין לֵייקֶע אַ בִּיסֶעל וַואסֶער; דָאס וַואסֶער אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין לֵייקֶע; עֶס אִיז אִין פְלַאשׁ נִיט אַרַיין.

— אִיהר וֵוייסְט, פַאר וָואס דָאס וַואסֶער גֶעהט נִיט אַרַיין אִין פְלַאשׁ? וַוייל דִי לוּפְט הָאט נִיט דוּרְךְ וַואנֶען אַרוֹיס צוּ גֶעהֶן אוּנ זִי לָאזְט נִיט אַרַיין דָאס וַואסֶער אִין פְלַאשׁ.

דֶער לֶעהֶרֶער הָאט אָבְּגֶעווִיקֶעלְט דִי טִיכֶעלֶע פוּן לֵייקֶע אוּנ הָאט זִי ווִידֶער אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין פְלַאשׁ, אִיצְטֶער אִיז זִי הַארְט אִין פְלַאשׁ נִיט אַרַיין; צְווִישֶׁען דָאס הֶעלְדְזֶעל פוּן לֵייקֶע אוּנ דָאס הֶעלְדְזֶעל פוּן פְלַאשׁ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ בְּלֵייז. דֶער לֶעהֶרֶער הָאט אַרַיינְגֶעגָאסֶען אַ בִּיסֶעל וַואסֶער אִין לֵייקֶע אוּנ דָאס וַואסֶער אִיז אִיצְט גְלַייךְ אַרַיין אִין פְלַאשׁ.

— אִיצְטֶער אִיז פוּן דֶעם הֶעלְדְזֶעל פוּן לֵייקֶע אוּנ דֶעם הֶעלְדְזֶעל

פון פּלאַש גֶעבּלִיבֶּען אַ בְּלֵייז, דוּרְךְ דֶעם בּלייז אִיז אַרוֹיס דִי לוּפְט

פוּן פְּלַאש אוּנ דָאס וַואססֶער הָאט פֶערנוּמֶען אִיהר אָרְט.

דֶער לֶעהרֶער הָאט אָנְגֶענָאמֶען אַ שִׁיסֶעל וַואססֶער, נַאכְהֶער הָאט עֶר אוּמְגֶעקֶעהרְט אַ גְלָאז מִיט דֶעם דֶעק אַרוֹיף אוּנ הָאט זִי אַזוֹי אַרָאבְּגֶעלָאזֶען אִין שִׁיסֶעל. אִין גְלָאז אִיז אַרַיין אַבִּיסֶעל וַואססֶער בַּיי דִי בְּרֶעגֶעס; וַוייטֶער אִיז דָאס וַואססֶער אִין גְלָאז נִיט גֶעגַאנְגֶען, חָאטְשֶׁע אִין שִׁיסֶעל אִיז עֶס גֶעשְׁטַאנֶען הֶעכֶער אִיבֶּערן גְלָאז. אַז מֶען הָאט דִי גְלָאז אַרוֹיסגֶענוּמֶען אִיז זִי אִינְוֶוענְדִיג גֶעוֶוען טְרוּקֶען.

— אִיהר פֶערשְׁטֶעהט פַאר וָואס דָאס אִיז? דָאס וַואססֶער אִיז דַארוּם נִיט אַרַיין אִין גְלָאז, וַוייל דִי לוּפְט הָאט נִיט גֶעהַאט דוּרְךְ וואנֶען אַרוֹיסצוּגֶעהְן. אַבִּיסֶעל אִיז יָא אַרַיין, וַוייל דִי לוּפְט הָאט זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקְוֶועטְשְׁט, אָבֶּער וַוייטֶער הָאט דָאס וַואססֶער גֶעהְן נִיט גֶעקָאנְט.

דֶער לֶעהרֶער הָאט נָאךְ אַמָאל אַרָאפְּגֶעלָאזֶען דִי גְלָאז אִין שִׁיסֶעל אוּנ דָאס וַואססֶער אִיז וִוידֶער נִיט אַרַיין אִין גְלָאז. נַאכְהֶער הָאט עֶר דִי גְלָאז אַבִּיסֶעל אַיינְגֶעבּוֹיגֶען, נִיט אַרוֹיסְנֶעהמֶענְדִיג זִי פוּן שִׁיסֶעל. עֶס הָאט זִיךְ דֶערהֶערְט אַ פְּלִיוּסְק; פוּן אוֹיבֶּען אוֹיפֶען וַואססֶער הָאבֶּען זִיךְ בֶּעוִויזֶען עֶטְלִיכֶע בְּלֶאזֶלֶען, אוּנ אִין גְלָאז אִיז אַרַיין אַ טְהֵייל וַואססֶער. דֶער לֶעהרֶער הָאט נָאךְ מֶעהר אַיינְגֶע־בּוֹיגֶען דִי גְלָאז, אוּנ עֶס אִיז אַרַיין נָאךְ וַואסטֶער.

— אִיצְטֶער אִיז אַ טְהֵייל לוּפְט אַרוֹיס דוּרְךְ דֶער אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער זַייט; דָאס זַיינֶען דִי בְּלֶאזֶלֶען, וָואס אִיהר הָאט גֶעזֶעהן, אוּנ אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן דֶער לוּפְט אִיז אַרַיין וַואססֶער. אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶעהר אַיינְגֶעבּוֹיגֶען אִיז אַרוֹיס פוּן גְלָאז נָאךְ אַ טְהֵייל לוּפְט אוּנ אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז אַרַיין נָאךְ וַואססֶער. זֶעהט אִיהר שׁוֹין, אַז דִי לוּפְט פֶערנֶעהמְט אַיין אָרְט אוּנ וֶוען זִי הָאט נִיט דוּרְךְ וַואנֶען אַרוֹיסצוּגֶעהְן, קָאן קֵיין וַואססֶער אוֹיף אִיהר אָרְט נִיט אַרַיין.

— נוּ, אוּנ דִי לוּפְט הָאט אַ וָואג אוֹיךְ? הָאט וִוידֶער מֶלֶךְ גֶעפְרֶעגְט.

— גֶעוִויס דִי גֶעלֶעהרְטֶע הָאבֶּען אֲפִילוּ אוֹיסגֶעוָואגֶען אוֹיךְ. אִיהר וֵוייסְט דָאךְ, אַז עֶס זַיינֶען דָא פָּאמְפֶּעס, מִיט וֶועלְכֶע מֶען פָּאמְפֶּעט אוֹיס וַואססֶער. דִי גֶעלֶעהרְטֶע הָאבֶּען צוּגֶערִיכְט אוֹיךְ

זאַ פּאָמפּע, מיט וועלכע מען קען די לופט אויספּאָמפּען פון וועלכע עס איז אַ כלי. אום אויסצוזוואַגען די לופט האָבען זיי גענומען אַ געלעזערנע קויל: אונ האָבען זי אָבגעוואָגען. די פּוסטע קויל איז, ווי יעדע אַנדער פּוסטע כלי, געוועזען פול מיט לופט. נאָכדעם האָבען זיי מיט אַ לופטפּאָמפּע אַרויסגעצויגען די לופט פון קויל אונ האָבען זיהם איבעראַנייעם אָבגעוואָגען. מיט וויפיעל די קויל האָט איצטער אָהן דער לופט געווייגען ווייניגער ווי פריהער מיט דער לופט, אַזוי פיעל, פערשטייט זיך, האָט גע־וואָגען די אויסגעפּאָמפּעטע לופט. אויף אַזאַ־נ־אופן האָבען זיך די געלעהרטע דערוואוסט די וואָג פון דער לופט. זיי האָבען אויס־געגרעכענט אַז אַ קאַסטעל לופט, וועלכע האַלט די לענג, די ברייט אונ די הויך אָנדערהאַלבען אַרשין, וועגט אין גאַנצען 40 לויט. די לופט איז 770 מאָהל גרינגער פאַר וואַססער.

איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז בעת מיר לעגען אַוועק וועלכען עס איז אַ קאָרפּער, שטויסט ער אָב די לופט אונ פער־נעהמט איהר אָרט. די לופט דריקט זיך דאַביי צונויף. אַז מיר נעהמען דעם קאָרפּער, צושפּרייט זיך די לופט ווידער אונ פער־נעהמט דעם לעדיגען אָרט. די לופט קאָן זיך צונויפדריקען אונ צוריק זיך פאַנאַנדערציהען. צונויפגעדריקטע לופט איז, פערשטעהט זיך, געדיכטער פון געוואָהנליכע; איהרע מאָלעקולען זיינען נאָהנטער איינער צום אַנדערען. לופט איז אַ גאַז; איהרע מאָלעקולען זיינען ניט אויפגעבונדען איינער מיט'ן אַנדערען; זיי בעוועגען זיך גיך אונ צופליהען, אויב קיין זאַך שטערט זיי ניט, אין אַללע זייטען. הייבט אָן אַריינצובלאָזען לופט אין אַ פענחער; וואָס מעהר לופט איהר בלאָזט אַריין, ציהט זיך דער פענחער אַלץ מעהר פאַנאַנדער. די מעשה דערפון איז אַזוי: די לופט וואָס פון דרויס'ן ציהט זיך צו פערנעהמען וואָס מעהר אָרט; איהרע מאָלעקולען קלאַפּען זיך אָב אָן די וואַנדליך פון פענחער, זיי שטויסען זיי; ווען אינווענדיג אין פענחער וואָלט קיין לופט גאָר ניט געוועזען, וואָלט די אויס־ווענינסטע לופט צונויפדריקען די וואַנדליך האַרט איינע צו די אַנדערע; צווישען זיי וואָלט קיין בלויז ניט בלייבען. אין אמת'ן אָבער קומען די וואַנדליך פון ניט קיין אָנגעבלאָזענעם פענחער

נִיט צוּ הַארְט אֵיינֶע צוּ דֶער אַנְדֶערֶער, צְווִישֶׁען זֵיי בְּלַייבְּט אַ צְווִישֶׁענְשֵׁייד, אַ בְּלֵייז. דָאס אִיז דַארִיבֶּער, וַוייל אִין נִיט קֵיין אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶעם פֶּענְחֶער אִיז אוֹיךְ פַּארַאנֶען לוּפְט, וֶועלְכֶע צִיהט זִיךְ אוֹיךְ צוּ פַאנַאנְדֶערפְלִיהֶען אִין אַללֶע זַייטֶען. אוֹיף דִי וֶואנְטְלִיךְ פוּן פֶּענְחֶער דְרִיקְט דִי לוּפְט פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען: אֵי פוּן דְרוֹיסֶען, אֵי פוּן אִינְוֶוענְדִיג, אוּנ אַזוֹי וִוי דִי לוּפְט אִיז פוּן דְרוֹיסֶען נִיט גֶעדִיכְטֶער וִוי אִינְוֶוענְדִיג, דְרִיקְט זִי פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען מִיט גְלַייכֶע קְרַאפְט; דִי אוֹיסְוֶוענִיגְסְטֶע לוּפְט דְרִיקְט אוֹיף דִי וֶואנְדְלִיךְ אוּנ שְׁטוֹיסְט זֵיי אֵיינֶע צוּ דֶער אַנְדֶערֶער; דִי אִינְוֶוענִיגְסְטֶע לוּפְט וִוידֶער צִיהט זִיךְ אוֹיךְ פַאנַנְדֶער צוּ פְלִיהֶען אוּנ שְׁטוֹיסְט מִיט אַ גְלַייכֶע קְרַאפְט אָב דִי וֶואנְדְלִיךְ אֵיינֶע פוּן דֶער אַנְדֶערֶער, דַארוּם בְּלַייבְּט צְווִישֶׁען דִי וֶואנְדְלִיךְ אַ בְּלֵייז, דָאס אָרְט, וָואס דִי אִינְוֶוענִיגְסְטֶע לוּפְט פֶערְנֶעהמְט. בְּעֵת אַז אִיהר בְּלָאזְט אַרַיין אִין פֶּענְחֶער לוּפְט, וֶוערְט אִינְוֶוענְדִיג דִי לוּפְט גֶעדִיכְטֶער אוּנ מֶעהר צוּנוֹיפְגֶעדְרִיקְט וִוי פוּן דְרוֹיסֶען. אוֹיף יֶעדֶער פִּינְטֶעלֶע פוּן וֶואנְדְטֶעל דְרִיקְען פוּן אִינְוֶוענְדִיג מֶעהר מָאלֶעקוּלֶען וִוי פוּן דְרוֹיסֶען; פֶערשְׁטֶעהט זִיךְ, אַז בֵּייקוּמֶען וֶועלֶען דִי אִינְוֶוענִיגְסְטֶע אוּנ זֵיי וֶועלֶען דֶעם פֶּענְחֶער פַאנַאנְדֶערצִיהֶען בִּיז וַואנֶען דִי גֶעדִיכְטַקֵייט פוּן דֶער לוּפְט וֶועט זַיין אִינְוֶוענְדִיג אוּנ פוּן דְרוֹיסֶען דִיזֶעלְבֶּע. פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען וֶועלֶען זִיךְ אָן דִי וֶואנְדְלִיךְ אָבְּקְלַאפֶּען אַ גְלַייכֶע צָאהל מָאלֶעקוּלֶען, דַאמָאלְס וֶועלֶען דִי וֶואנְדְלִיךְ בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהֶן אוֹיף אֵיין אָרְט: זֵיי וֶועלֶען זִיךְ מֶעהר נִיט פַאנַאנְדֶערצִיהֶען אוּנ נִיט אַיינְפַאלֶען. בְּלָאזְט אַרַיין נָאךְ לוּפְט אִין פֶּענְחֶער, וֶועט אִיצְטֶער אִינְוֶוענְדִיג דִי לוּפְט וִוידֶער וֶוערֶען גֶעדִיכְטֶער אוּנ מֶעהר צוּנוֹיפְגֶעדְרִיקְט וִוי פוּן דְרוֹיסֶען אוּנ דִי וֶואנְדְלִיךְ וֶועלֶען זִיךְ וִוידֶער פַאנַאנְדֶערצִיהֶען. בְּעֵת אַז אִיהר הֶערְט-אוֹיף אַרַיין צוּבְּלָאזֶען לוּפְט אִין פֶּענְחֶער, דַארְפְט אִיהר זַיין אֶפֶּענוּנְג פֶערבִּינְדֶען, כְּדֵי דִי לוּפְט, וָואס אִיהר הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזֶען זָאל נִיט אַרוֹיס צוּרִיק. בִּינְדְט אָב דִי אֶפֶּענוּנְג פוּן פֶּענְחֶער, וֶועט דִי לוּפְט, וָואס אִיהר הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזֶען, גְלַייךְ אַרוֹיס; פוּן דְרוֹיסֶען וֶועט וֶוערֶען דִי לוּפְט גֶעדִיכְטֶער אוּנ וֶועט דְרִיקֶען מִיט מֶעהר קְרַאפְט וִוי פוּן אִינְוֶוענְדִיג אוּנ דִי וֶואנְדְלִיךְ וֶועלֶען זִיךְ וִוידֶער אַיינְפַאלֶען. אַז אִיהר בְּלָאזְט

אין דעם פענחער, ווערט ער קיילעכדיג. ער ברייט זיך אויס אין אללע זייטען גלייך; דערפון זעהען מיר אז די לופט דריקט פון אללע זייטען גלייך, איהרע מאלעקולען ציהען זיך צו פאנאנדער-פליהען אין אללע זייטען. ווען די לופט וואלט דריקען אויף איין זייט מעהר ווי אויף דער אנדערען, וואלט זיך יענע זייט מעהר אויסציהען און דער פענחער וואלט שוין מעהר ניט געווען קיילעכדיג. די וואנטליך פון א פענחער לאזען זיך ציהען, דארום ציהט זיך דער פענחער בעת מען בלאזט איהם אן. בלאזט אן לופט אין א פוסטע גלעזערנע קויל, וועט אין איהר אויך ווערען די לופט געדיכטער און זי וועט דריקען מיט מעהר קראפט אויף די וואנדליך פון אינוועניג ווי פון דרויסען, דאך וועט זיך אזא קויל ניט פאנאנדערציהען. די לופט דריקט טאקי אויף די וואנטליך, איהרע מאלעקולען קלאפען זיך אללע וויילע אב אן זיי, נאר זיי מוזען אבשפרינגען צוריק, ווייל גלאז לאזט זיך ניט פאנאנדערציהען. עס איז גענוג שטארק און דריקט אויף די לופט צוריק. דאס זעלבע קען מען פון א גלאזערנער קויל אין גאנצען ארויסציהען די לופט פון אינוועניג וועט איצט אויף די וואנדליך קיין זאך ביט דריקען; פון דרויסען אבער וועט דריקען א זייל לופט פון א וויארסט 300 די הויך און דאך וועלען די וואנדליך בלייבען שטעהן ווי געוועזן; זיי וועלען ניט איינפאלען און וועלען זיך ניט צוברעכען, ווייל די גלאז פון דער קויל וועט דריקען אויף די לופט צוריק.

דער לעהרער האט גענומען די לייקע מיט'ן שמאלען רעהרעל אין מויל און אויף די ברייטע אפענונג האט ער ארויפגעלעגט א שטיקעל פאפיר פאר א דעקעל. פון אנהייב האט ער דאס פאפירענע דעקעל צוגעהאלטען מיט'ן האנד; נאכדעם האט ער אנגעהויבען אריינציהען אין זיך די לופט פון לייקע' און די האנד פון פאפיר האט ער צוגענומען; דאס פאפירענע דעקעל האט זיך איצט אליין געהאלטען און איז ניט אראבגעפאללען.

— פריהער ביז די לופט אין לייקע אינוועניג האט געדריקט אויפ'ן פאפירעל מיט די זעלבע קראפט ווי פון דרויסען, האט זיך דאס פאפירעל אליין ניט געהאלטען; איך האב איהם געמוזט

צוּהַאלְטֶען מִיט'ן הַאנְד. אַז אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַרַיינְגֶעצוֹיגֶען אִין זִיךְ אַבִּיסֶעל לוּפְט פוּן לֵייקֶע, אִיז שׁוֹין דִי לוּפְט אִינְוֶוענְדִיג גֶעוָוארֶען שִׁיטֶערֶער וִוי פוּן דְרוֹיסֶען; דִי לוּפְט פוּן דְרוֹיסֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דָאס פַּאפִּירֶעל צוּם לַייקֶע מִיט מֶעהר קְרַאפְט וִוי דִי לוּפְט פוּן אִינְוֶוענְדִיג הָאט עֶס גֶעדְרִיקְט פוּן לֵייקֶע, דַארוּם הַאלְט זִיךְ דָאס פַּאפִּירֶעל; דִי אוֹיסוֶוענִיגְסְטֶע לוּפְט פְּרֶעסְט אִיהם צוּ.

דֶער לֶעהְרֶער הָאט אָנְגֶענָאסֶען אַ פוּלֶע גְלָאז וַואסֶער אוּנ הָאט עֶס צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַ פַּאפִּיר אַזוֹי שְׁטַייף, אַז עֶס אִיז קֵיין שְׁפָּאלְטֶעלֶע נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אָפֶען, נַאכְהֶער הָאט עֶר גֶעשְׁוִינְד אוּמְגֶעקֶעהְרְט דִי גְלָאז מִיט'ן מוֹיל אַרָאבּ אוּנ דָאס פַּאפִּיר הָאט עֶר צוּגֶעהַאלְטֶען מִיט'ן הַאנְד. אַז דִי גְלָאז אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוּמְגֶעקֶעהְרְט, הָאט עֶר דִי הַאנְד פוּן פַּאפִּיר צוּגֶענוּמֶען, דָאס וַואסֶער הָאט זִיךְ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט אוֹיסְגֶעגָאסֶען.

— דָאס וַואסֶער גִיסְט זִיךְ דַארוּם נִיט אוֹיס, וַוייל דִי אוֹיסְוֶוענִיגְסְטֶע לוּפְט דְרִיקְט אוֹיפ'ן פַּאפִּירֶעל אוּנ קְוֶועטְשְׁט עֶס צוּ צוּם גְלָאז.

אַבְרָהָם הָאט גֶעפְרוּפְט נָאכְמַאכֶען דֶעם לֶעהְרֶערְס פְּרָאבֶּע, נָאר אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט דִי גְלָאז אוּנ צוּגֶענוּמֶען דִי הֶאנְד פוּן פַּאפִּירֶעל הָאט זִיךְ מִיט אַמָאל דָאס וַואסֶער אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוּנ הָאט אַלֶעמֶען פֶערְשְׁפְּרִיצְט דִי פֶּנִי'סֶער. אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ צוּלַאכְט.

— אִיהר הָאט דָאס פַּאפִּירֶעל נִיט הַארְט צוּגֶעלֶעגְט צוּם גְלָאז, הָאט דֶער לֶעהְרֶער גֶעזָאגְט. — צְוִוישֶׁען אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ שְׁפַּאלְט אוּנ דוּרְךְ דֶעם אִיז אַרַיין אִינְוֶוענְדִיג אִין גְלָאז לוּפְט. אִיצְטֶער הָאט שׁוֹין דִי לוּפְט פוּן דְרוֹיסֶען נִיט גֶעקָאנְט צוּדְרִיקֶען דָאס פַּאפִּירֶעל צוּם גְלָאז, וַוייל אִינְוֶוענְדִיג אִין גְלָאז אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען לוּפְט, וֶועלְכֶע הָאט גֶעדְרִיקְט צוּרִיק; דָאס פַּאפִּירֶעל אִיז אַרָאבְּגֶעפַאלֶען אוּנ דָאס וַואסֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסֶען. פְּרוּפְט נָאךְ אַמָאל, נָאר דֶעקְט צוּ דִי גְלָאז מִיט'ן פַּאפִּירֶעל שְׁטַייף, וֶועט זִיךְ דָאס וַואסֶער נִיט אוֹיסְגִיסֶען.

אַבְרָהָם הָאט גֶעמַאכְט דִי פְּרָאבֶּע נָאךְ אַמָאל אוּנ דָאס וואסער הָאט זִיךְ נִיט אוֹיסְגֶעגָאסֶען.

— אַהַא! וָואס לַאכְט אִיהר אִיצְטֶער נִיט? הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ שְׁמֵייכֶל פוּן נִצָּחוֹן.

— פוּן אַלְץ וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָא עֶערקְלֶעהרְט, הָאט דֶער לֶעהרֶער ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען. — זֶעהט אִיהר, אַז דִי לוּפְט דְרִיקְט אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ, וָואס אוֹיף דֶער עֶרְד, פוּן אַלֶע זַייטֶען מִיט גְלַייכֶער קְרַאפְט. אִיצְטֶער פְרֶעגְט זִיךְ: וִוי גְרוֹיס אִיז דִי לוּפְט־דְרִיקוּנְג, ד. ה. אַז מִיר וֶועלֶען נֶעהמֶען אַנְשְׁטָאט דִי לוּפְט וֶועלְכֶען עֶס אִיז אַיין אַנְדֶער קֶערְפֶּער, וִויפִיעל דַארְף יֶענֶער קֶערְפֶּער וֶועגֶען, אוּם עֶר זָאל דְרִיקֶען אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ מִיט דִי זֶעלְבֶּע קְרַאפְט וִוי אַ זַייל לוּפְט פוּן דֶער הֶאכְסְטֶער פִּינְטֶעל פוּן אַטְמָאסְפֶערֶע אָן.

פיגור 1



א פּאַמפּע

דִי גֶעלֶעהרְטֶע הָאבֶּען זִיךְ דָאס דֶערוָואוּסְט מִיט אַ פְּרָאבֶּע; אִיךְ וֵויים נִיט צוּ אִיהר וֶועט זֵייעֶר פְּרָאבֶּע פֶערְשְׁטֵיין; דַארוּם וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶס עֶרְקְלֶעהרֶען אוֹיף אַ זַאךְ, וֶועלְכֶע אִיהר הָאט, מִסְתָּמָא, אַלֶע גֶעזֶעהן. אַ פָּאמְפֶּע הָאט אִיהר דָאךְ גֶעוִויסְט וֶוען עֶס אִיז גֶעזֶעהן. אָט וִוי זִי מַאכְט זִיךְ. אִין אַ טַייךְ, אָדֶער אִין אַ בְּרוּנֶען לָאזְט מֶען אַרָאבּ אַ פוּסְטֶע רֶאהר, אַיין אָפֶענֶע פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען, אִין רֶאהר אִיז אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אַ צַאפֶּען, וֶועלְכֶער קוּמְט צוּ הַארְט צוּ דִי וֶואנְדְלִיךְ פוּן רֶאהר אוּנ רוּקְט זִיךְ אַרוֹיף אוּנ אַרָאבּ. צוּם צַאפֶּען פוּן אוֹיבֶּען אִיז צוּגֶערִיכְט אַ הַאנְד.

אַז מִיר הֵייבֶּען אוֹיף דִי הַאנְד פוּן פָּאמְפֶּע. לָאזְט זִיךְ דֶער צַאפֶּען אַרָאבּ אִין רֶאהר בִּיז דֶעם וַואסֶער. דִי לוּפְט גֶעהט אַרוֹיס פוּן רֶאהר מִיט

א גערויש אין וואסער, און אונטערן צאפען איז שוין מעהר קיין לופט ניט דא. איצטער לאזען מיר אראפ די האנד פון פאמפע, דערמיט הייבט זיך דער צאפען אויף אין דער הויך. אט דא טרעפט זיך אנס, דאס וואסער געהט נאך דעם צאפען אין דער הויך וואס האכער מיר הייבען אויף דעם צאפען, הייבט זיך אלץ העכער אויף דאס וואסער. אין דער אמת'ן איז דא קיין שום גס ניט דא. דאס וואסער הייבט זיך אויף אליין אין ראהר; די אויסווענינגסטע לופט שטופט עס אהין אריין. אויף דאס וואסער אין ברונען דריקט די גאנצע לופט וואס אויף דער ערד, די גאנצע אטמאספערע, אונטער'ן צאפען איז אבער איצט קיין לופט ניט דא און קיין זאך דריקט ניט צוריק; דארום שטופט די אויסווענינגסטע לופט אריין דאס וואסער אין ראהר. ווען מען זאל נעהמען א לאנגע ראהר פון א קלאפטער 6 למשל און א צאפען מיט א לאנגע האנד, וועט דאס וואסער געהן נאכ'ן צאפען און וועט זיך מיט א מאל אבשטעלען; ווייטער וועט עס ניט געהן, ווען מיר וועלען אפילו דעם צאפען אויפהייבען העכער. אז מיר וועלען אויסמעסטען די הויך, ביז וואנען דאס וואסער האט זיך אויפגעהייבען, וועלען מיר זעהן, אז עס האט זיך אבגעשטעלט ביי 34 פוס *), פינף קלאפטער אהן עפעס. פאר וואס קאן די אויסווענינגסטע לופט ניט שטופען דאס וואסער העכער? ווייל אין ראהר שטעהט שוין א זייל וואסער פון 34 פוס, וועלכער דריקט צוריק מיט זיין שווערקייט אויף דעם וואסער וואס אין ברונען. די אויסווענינגסטע לופט דריקט אויפ'ן וואסער, וואס איז אין ברונען און שטופט עס אין ראהר; דער זייל וואסער, וואס אין ראהר, דריקט צוריק און שטופט עס צוריק אין ברונען. כל זמן אין ראהר איך נאך געווען וואסער נידריגער ווי 34 פוס, האט נאך די אויסווענינגסטע לופט געדריקט מיט א גראססערע קראפט ווי דער זייל וואסער און האט אריינגעשטופט נאך וואסער אין ראהר. ווי דאס וואסער האט זיך אבער אויפגעהייבען העכער ווי 34 פוס, דריקט שוין דער זייל וואסער מיט זיין שווערקייט פון אינווענדיג אקוראט אזוי שטארק ווי די

1) א קלאפטער איז 7 פוס.

אטמאספערע פון דרויסען, קאן שוין דארום מעהר קיין וואסער פון ברונען אין ראהר ניט אריין. הייסט עס, אז א זייל וואסער פון 34 פוס די הייך דריקט אויף יעדער זאך מיט די זעלבע קראפט ווי די גאנצע אטמאספערע אדער ווי א זייל לופט פון א ווערסט 300 בערך די הויך. די וואג פון וואסער איז בעוואוסט, און די געלעהרטע האבען דארום לייכט אויסגערעכענט, אז די אטמאספערע דריקט אויף יעדער קוואדראט צאלל *) אזוי שטארק, ווי אויף איהם וואלט ליגען א משא פון איבער 16 פונט. אויף דעם מענשענס קארפער דריקט די אטמאספערע פון אללע זייטען אזוי ווי א משא פון 931 פוד.

— וואס רעדט איהר לעהרער? האט מלך געפרעגט פערחדוש'ט. איך טראג קוים א זאק'ל פון 2 פוד, און דא זאגט איהר, אז די לופט דריקט אויף דעם מענשענס קארפער ווי א משא פון 931 פוד! ווער וואלט דאס קאנען אויסהאלטען? דער שטארקסטער מענש וואלט געוויס באלד געפאלען.

— דעם זאק'ל — האט דער לעהרער געענטפערט — טראגט איהר נור אויפ'ן רוקען, דארום דריקט ער אייך צו דער ערד, און איהר פאלט פון די פים. די לופט דריקט אבער אויף אונזער קארפער פון אללע זייטען גלייך; פון אויבען, פון אונטען און פון די זייטען מיט גלייכער קראפט; אונזערע לונגען זיינען אויך פול מיט לופט, וועלכע דריקט אויף אונזער קארפער פון אינוועניג אקוראט אזוי ווי די אויסווענינגסטע לופט. דארום פאלען מיר ניט, אונז און מיר בעוועגען זיך לייכט אין איהר.

IV.

די צאטאמען.

— איהר האט פרייטיג צו נאכט געזאגט, האט זיך חי'קע

---

1) א קוואדראט צאלל האלט א צאלל די לאנג און א צאלל די בריט.

אָבְגֶערוּפֶען — אַז פוּן דֶעם פַארבְּרֶענְטֶען לִיכְט קָען מֶען צוּרִיק קֵיין סְטֶעאַרִין נִיט בֶּעקוּמֶען : פֶערְשְׁטֶעה אִיךְ נִיט, פַאר וָואס אִיז דָאס . דָאס סְטֶעאַרִין וֶוערְט צוּשְׁמָאלְצֶען ; נַאכְהֶער מוּז דָאךְ דוּרְךְ דִי וַוארֶעמְ־קַייט פוּן דֶעם צוּשְׁמָאלְצֶענֶעם פְלִיסְסִיגֶען סְטֶעאַרִין וֶוערֶען פַארֶע ; וֶוען מֶען זָאל אוֹיבֶּען אִיבֶּער דָאס בְּרֶענֶענְדֶע לִיכְט הַאלְטֶען אַ קַאלְטֶע שִׁיסְסֶעלֶע, דַארְף זִיךְ דִי סְטֶעאַרִין־פַּארֶע אָבְּקִיהלֶען אוּנ אוֹיפֶען שִׁיסְסֶעלֶע דַארְפֶען זִיךְ בֶּעוַוייזֶען קְלֵיינֶע טְרָאפֶען פְלִיסְסִיגֶען סְטֶעאַרִין ; וֶוען מֶען זָאל עֶס נָאךְ מֶעהר אָבְּקִיהלֶען, דַארְפֶען דִי פְלִיסְסִיגֶע טְרָאפֶען סְטֶעאַרִין פֶערקִיהלְט וֶוערֶען אִין פִיצִינְקֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ הַארְטֶען סְטֶעאַרִין . פַאר וָואס זָאגְט אִיהר, אַז פוּן דֶעם פֶערבְּרֶענְטֶען לִיכְט קֶען מֶען קֵיין סְטֶעאַרִין נִיט בֶּעקוּמֶען ?

— פַארְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ, הָאט גֶעזָאגְט דֶער לֶעהרֶער, וֶוען דָאס לִיכְט בְּרֶענְט, וָואלְט זִיךְ דֶער סְטֶעאַרִין צוּפַאלֶען נוּר אוֹף מָאלֶעקוּלֶען ; דִי מָאלֶעקוּלֶען אַלֵיין וָואלְטֶען אָבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען גַאנְץ וִוי גֶעוֶועזֶען, וָואלְט טַאקִי דֶערנָאךְ, בְּעֵת'ן אָבְּקִיהלֶען, גֶעוִויס גֶעוֶוען . וִוי אִיהר זָאגְט ; אֵיינִיגֶע מָאלֶעקוּלֶען וָואלְטֶען זִיךְ גֶעוִויס פֶערְאֵיינִיגֶען אִין טְרָאפֶען פְלִיסְסִיגֶען אוּנ נַאכְהֶער בְּרֶאקְלֶעךְ הַארְטֶען סְטֶעאַרִין . דָאס וָואלְט אַלְץ גֶעוֶוען, וֶוען דִי מָאלֶעקוּלֶען אַלֵיין וָואלְטֶען בְּלֵייבֶּען גַאנְץ, זִיךְ נִיט צוּפַאלְלֶען ; אִין דֶער אֶמֶת'ן אָבֶּער צוּטְהֵיילֶען זִיךְ דִי מָאלֶעקוּלֶען בְּעֵת'ן בְּרֶענֶען נָאךְ אוֹיף קְלֶענֶערֶע טְהֵיילְכֶעלֶעךְ .

— וָואס זָאגְט אִיהר ? דִי מָאלֶעקוּלֶען זֶענֶען נָאךְ אוֹיךְ נִיט קֵיין דוּרְכְאוֹיסִיגֶע גַאנְצֶע ; זֵיי זַיינֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּזַאמֶענְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אוּנ מֶען קָאן זֵיי צוּטְהֵיילֶען ? הָאט חַיְקֶע גֶעפְרֶעגְט פֶערְחִדוּשְׁ'ט .

— יָא, הָאט דֶער לֶעהרֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט . דִי גֶעלֶעהרְטֶע מֵיינֶען דָאס וִוי קְלֵיין דִי מָאלֶעקוּלֶען זַיינֶען, דָאךְ בֶּעשְׁטֶעהֶען זֵיי פוּן נָאךְ אַסַךְ קְלֵיינֶערֶע טְהֵיילְכֶעלֶעךְ, אָט פוּן וֶועלְכֶע דִי מָאלֶעקוּלֶען זַיינֶען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, זֵיי זַיינֶען שׁוֹין דוּרְכְאוֹיסִיגֶע גַאנְצֶע, זֵיי קָאן מֶען שׁוֹין בְּשׁוּם אוֹפֶן מֶעהר נִיט צוּטְהֵיילֶען, דַארוּם רוּפְט מֶען זֵיי טַאקִי אַ טָ א מֶ ע ן . דָאס אִיז אַ גְרִיכִישֶׁע'ס וָוארְט . אַ טָ א ם הֵייסְט אוֹיף גְרִיכִישׁ נִיט קֵיין טְהֵיילְבַּארֶע, דָאס וָואס מֶען קָאן שׁוֹין מֶעהר נִיט צוּטְהֵיילֶען . נֶעמְט־שְׁוֶע זִיךְ גוּט אַרַיין אִין זִינֶען דָאס וָוארְט אַטָאם, וַוייל אוּנְז וֶועט וַוייטֶער אָפְט אוֹיסְקוּמֶען צוּ־

רעדען וועגען איהם. זעהט איהר זאלט קיין טעות ניט האבען אונ ניט פערבייטען די מאלעקולען אויף אטאמען. צווישען זיי איז א גרויסע נפקא מינה. די טהיילכעלעך, פון וועלכע יעדער קארפער בעשטעהט רופען זיך מאלעקולען, א מאלעקול איז ניט קיין דורכ־אויסיגע גאנצע זאך; מען קאן איהם צוטהיילען נאך אויף קלענערע טהיילכעלעך. די קלענערע טהיילכעלעך, פון וועלכע די מאלעקולען בעשטעהן, ריפען זיך אטאמען. איין אטאם קען מען שוין בשום אופן מעהר ניט צוטהיילען, געדענקט עס גוט.

איך פערשפאר אייך צו זאגען, אז די אטאמען זיינען משונה'דיג קליין: ניט נור וואס מיר קאנען זיי ניט זעהן אדער אנטאפען מיט'ן האנד, מיר קאנען זיך גאר אפילו ניט פארשטעלען, ווי קליין זיי זיינען; מיר קאנען גאר קיין בעגריף פון זייער קליינקייט ניט האבען. אונ דאך רוהען אט די משונה פיצינקע ברעקעלעך אויך ניט: די אטאמען בעוועגען זיך אויך שטענדיג אהן איין אויפהער, אקוראט אזוי ווי די מאלעקולען, אין וועלכע זיי געפינען זיך. נור די אטאמען בעוועגען זיך נור אינוועניג אין די מאלעקולען צו וועלכע זיי געהערען; קיין אטאם געהט ניט אריבער דעם גרענץ פון זיין מאלעקול, אונ די אטאמען פון איין מאלעקול צומישען זיך ניט מיט די אטאמען פון די איבריגע מאלעקולען, וואס נעבען איהם. כדי איהר זאלט דאס בעססער פערשטעהן, וועל איך אייך דאס ערקלעהרען מיט א משל.

איהר, העשעל, האט געדיענט אין אדעס ביי'ע שווארצען ים; האט איהר דאך דארטען געוויס געזעהן גרויסע שיפען: אקרענטען אונ דאמפשיפען, פאראחאדען הייסט עס. אויפ'ן אטלאנטי־שען אצעאן (דער גרויסער ים, איבער וועלכען מען פארט אין אמעריקא) שווימען נאך גראססערע אקרענטען אונ דאמפשיפען; זיי האלטען איין אנדערם מאל עטליכע צעהנדליג קלאפטער די לאנג; אט אז א־נ־אקרענט קומט אוים עפעם ווי א מין שווימענד קליין שטאדטעל אדער דארף. ניט אין יעדען דארף איז נאך פאראנען אזוי פיעל איינוואהנער וויפיעל אין אזא שיף, אויף וועלכען עס געפינען זיך איין אנדערם מאל עטליכע הונדערט מענשען: מאטראסען אונ פאסאשירען. אונ אט די אללע מענשען

גֶעהֶען אַרוּם, בֶּעוֶועגֶען זִיךְ הִין אוּנ צוּרִיק אִיבֶּער'ן שִׁיף אוּנ גֶעהֶען פוּן אִיהם נִיט אַרָאבּ אֵיין אַנְדֶערְם מָאל גַאנְצֶע וָואכֶען לַאנְג אוּנ אַמָאל אֲפִילוּ גַאנְצֶע חֳדָשִׁים. אוּנְזֶער עֶרְד אִיז, וִוי אִיהר וֵוייסְט מִסְתָּמָא, וֶעהר אַ גְרוֹיסֶע קוֹיל, אַ כַּדוּר, קַיילֶעכְדִיג, אָדֶער רִיכְטִיגֶער גֶעזָאגְט, כִּמְעַט אִין גַאנְצֶען קַיילֶעכְדִיג, אָט אַזוֹי וִוי אַיין עֶפֶּעל אָדֶער וִוי אַ קַאוָואן. וֶוען מֶען זָאל אוּנְזֶער עֶרְד דוּרְכְשְׁטֶעכֶען מִיט אַ שְׁפִּיזֶעל אוֹיף דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ, עֶס זָאל דוּרְכְגֶעהֶן דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע גְרָאבּ פוּן אֵיין זַייט בִּיז דֶער אַנְדֶערֶער, וֶועט דֶער שְׁפִּיזֶעל דַארְפֶען הַאלְטֶען אַיין עֶרֶךְ פוּן **11916** וֶוערְסְט. אָט דִי לֶאנְג, פִּיעל עֶס דַארְף הַאלְטֶען אַ שְׁפִּיזֶעל, מִיט וֶועלְכֶען מֶען זָאל קָאנֶען דוּרְכְשְׁטֶעכֶען אוֹיף דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ אַ קוֹיל, אַ קַיילֶעכְדִיגֶע זַאךְ וִוי אַ קִירְבֶּעס אָדֶער וִוי אַ פִּילְקֶע, רוּפְט מֶען אָן: דֶער דוּרְכְמֶעססֶער פוּן דֶער קוֹיל. הֵייסְט עֶס, אַז דֶער דוּרְכְמֶעססֶער פוּן אוּנְזֶער עֶרְד וֶועט הַאלְטֶען לְעֶרֶךְ **11916** וֶוערְסְט. אִיצְטֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, אַז עֶס הָאט זִיךְ מִיט אַמָאל גֶעטְרָאפֶען עֶפֶּעס אַ נֵס אוּנ אוּנְזֶער עֶרְד אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארֶען אִין פִּיעל מָאל קְלֵיינֶער וִוי זִי אִיז אִיצְטֶער; זִי אִיז גֶעוָוארֶען נִיט גְרֶעססֶער פוּן אֵיין הִיהְנֶערְשֶׁער אֵיי אָדֶער פַאר אֵיין עֶפֶּעל. מִיט דִי עֶרְד צוּזַאמֶען אִיז גֶעוָוארֶען קְלֵיינֶער אַקוּרַאט אִין אַזוֹי פִּיעל מָאל אַלֶץ! וָואס אוֹיף אִיהר אִיז פַאראַנֶען. וָואס וָואלְט דַאמָאלְס גֶעשֶׁעהֶן? וֶוען דִי גַאנְצֶע עֶרְד, וֶועלְכֶע אִיז אִיצְטֶער אַזוֹי גְרוֹיס, וָואלְט גֶעוָוארֶען נִיט גְרֶעססֶער וִוי אֵיין עֶפֶּעל; וִוי וָואלְט שׁוֹין דַאמָאלְס גֶעוָוארֶען מִיט דִי אָקְרֶענְטֶען, וֶועלְכֶע הַאלְטֶען אִיצְטֶער אִין גַאנְצֶען מֶעהר נִיט וִוי עֶטְלִיכֶע צֶעהְנְדְלִיג קְלַאפְטֶער דִי לֶאנְג? וִוי גְרוֹיס וָואלְטֶען זֵיי דַאמָאלְס גֶעוֶוען? פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אַז זֵיי וָואלְטֶען דַאמָאלְס גֶעוָוארֶען אַזֶעלְכֶע פִּיצִינְקֶע בְּרֶעקֶעלֶעךְ, אַז מִיר וָואלְטֶען זֵיי אוֹיפ'ן עֶפֶּעל (אוֹיף דֶער עֶרְד הֵייסְט עֶס) דוּרְךְ קֵיין שׁוּם מִיקְרָאסְקָאפּ, דוּרְךְ קֵיין שׁוּם פֶערְגְרֶעסֶער־גְלָאז נִיט גֶעזֶעהֶן. דֶער יַם וָואלְט דַאמָאלְס גֶעוָוארֶען נִיט גְרֶעססֶער פוּן אַ לֶעפֶּעל וַואססֶער; אוֹיף דֶעם קְלֵיינִינְקֶען יַם וָואלְטֶען נָאךְ אַלֶץ גֶעשְׁווּאוּמֶען שִׁיפֶען, פֶערְשְׁטֵייט זִיךְ, אַז דִי שִׁיפֶען וָואלְטֶען גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיךְ קְלֵיין, אוּנ אוֹיף דִי שִׁיפֶען וָואלְטֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּנ זִיךְ בֶּעוֶועגְט פִּיצִינְקֶע, מְשׁוּנֶה פִּיצִינְקֶע מֶענְשֶׁעלֶעךְ. וָואלְט עֶמִיצֶער

דאמאלס היזבען א בעגריף אט פון די מענשעלעך? וואלט גאר עמיצען ארויפקומען אויפ'ן רעיון, אז זיי זיינען פאראנען? אט אזוי איז איוך די מעשה מיט די מאלעקולען און אטאמען, וועגען וועלכע מיר האבען גערעדט; יעדער קארפער בעשטעהט פון אסך פיצינקע טהיילכעלעך, מאלעקולען, וועלכע בעוועגען זיך שטענדיג. מיר זעהען ניט: ניט די מאלעקולען אליין, ניט ווי זיי בעוועגען זיך, אקוראט אזוי ווי מיר וואלטען ניט קאנען זעהן, ווי עס בעוועגען זיך די שיפען אויפ'ן ים, אויף דער קליינינקער ערד, ווי מיר האבען זיך פארגעשטעלט אין אונזער משל. יעדער מאלעקול ווידער בעשטעהט פון אטאמען, וועלכע בעוועגען זיך אינוועגדיג אין מאלעקול און געהען ניט ארוים פון זיינע גרענעצען, אקוראט ווי אין אונזער משל וואלטען זיך בעוועגען די פיצינקע מענשעלעך אויף די פיצינקע שיפעלע, אויך ניט ארויסגעהענדיג פון שיף. איך קאן איצטער ניט בעקלעהרען מיט וואס דאס נאך צו פערגלייכען, אט דאס, וואס די מאלעקולען בעוועגען זיך אין יעדער קארפער, און די אטאמען אין יעדער מאלעקול. אויב איהר האט גוט פערשטאנען, אלץ, וואס איך האב דא מיט אייך גערעדט וועגען די מאלעקולען און אטאמען, וועט אפשר ווער פון אייך אליין ניט בעקלעהרען עפעס א זאך, וואס זאל זיין אהנליך דערצו? נו, מלך! אייך פאלט קיין זאך ניט איין?

— איך ווייס ניט, לעהרער — האט מלך געענטפערט. פערשטאנען האב איך דאס אפילו, נאר געפינען עפעס א משל, מיט וואס דאס צו פערגלייכען, געפין איך ניט. אפשר אזוי: אט די אטאמען מיט די מאלעקולען זיינען אקוראט ווי א גארב. דער גאנצער גארב איז אויפגעבונדען פון איינציגע זאנגען, אקוראט אזוי ווי יעדער קארפער פון איינצעלנע מאלעקולען; און יעדער זאנג איז פול מיט קארנער, אט אזוי ווי די מאלעקולען מיט אטאמען. נור ניין, עס איז ניט אין גאנצען גלייך. אט ווען זיי וואלטען זיך אומריהרען, די זאנגען אין גארב און די קארנער אין יעדער זאנג, אט דאמאלס וואלט עס געוועזען אין גאנצען אהנליך.

— ריכטיג, מלך! קאנטיג, אז איהר האט פערשטאנען. נו, און איהר, ברידער, האט זיך דער לעהרער געווענדט צו די

אִיבְּרִיגֶע: אִיהר הָאט אַלְץ פֶערשְׁטַאנֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ דָא מִיט אַייךְ גֶערֶעדְט? אֶפְשַׁר וֶועט עֶמִיצֶער פוּן אַייךְ בֶּעקְלֶעהרֶען, מִיט וָואס מֶען זָאל נָאךְ קָאנֶען פֶערגְלַייכֶען דִי בֶּעוֶועגוּנְג פוּן דִי מָאלֶעקוּלֶען אוּנ דִי אַטָאמֶען?

— אִיךְ הָאבּ, דוּכְט זִיךְ, פֶערשְׁטַאנֶען, הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען הֶעשֶׁעל, נוּר צוּ וָואס דָאס צוּ פֶערגְלַייכֶען פַאלְט מִיר נִיט אַיין. דִי אִיבֶּערִיגֶע הָאבֶּען גֶעשְׁווִיגֶען.

— אִיךְ, לֶעהרֶער, קְלֶעהר אָט וָואס, הָאט גֶעזָאגְט חַוֶּ'קֶע, נוּר אִיךְ וַוייס נִיט צוּ וֶועט זַיין גוּט אַזוֹי...

— זָאגְט וָואס אִיהר מֵיינְט, הָאט דֶער לֶעהרֶער אִיהר צוּגֶעגֶעבֶּען מוּטָה; אוֹיבּ עֶס וֶועט אֲפִילוּ נִיט אַזוֹי גוּט אַרוֹיסקוּמֶען אִיז אוֹיךְ קֵיין אוּנגְלִיק נִיט. אָט קְלֶעהרֶען מִיר זֶעלְבֶּעפִינְפְט אוּנ מִיר קָאנֶען גָאר נִישְׁט עֶרקְלֶעהרֶען.

— אָט אַזוֹי, דוּכְט מִיר, וֶועט עֶס אַרוֹיסקוּמֶען, הָאט חַוֶּ'קֶע אָנגֶעהוֹיבֶּען. בְּעֵת מֶען זִיפְּט אִיבֶּער מָאן-קָאפְּלֶעךְ, כְּדֵי זֵיי רֵיין צוּ מַאכֶען פוּן עֶרְד אוּנ מִיסְט, שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע קֶאפְּלֶעךְ אִין זִיפּ, אָט אַזוֹי ווִי דִי מָאלֶעקוּלֶען אִין יֶעדֶער קֶארְפֶּער אִינְוֶוענְדִיג; ווִידֶער, אִין יֶעדֶער מָאנקֶאפֶּעל שְׁטֶען זִיךְ דַאמָאלְס אִיבֶּער דִי מָאנקֶערֶענְדֶלעךְ, אַקוּרַאט אַזוֹי ווִי דִי אַטָאמֶען בֶּעוֶועגֶען אִיךְ אִין יֶעדֶער מָאלֶעקוּל.

— בְּרַאוָוא, חַוֶּ'קֶע! רִיכְטִיג צוּגֶעגְלִיכֶען! הָאט דֶער לֶעהרֶער זִי גֶעלוֹיבְּט. וַוייסְט אִיהר שׁוֹין אִיצְטֶער אַלֶע, אַז יֶעדֶער קֶארְפֶּער, וֶועלְכֶען מִיר זָאלֶען נִיט אָנְחַאפֶּען, אִיז אַ פֶערזַאמְלוּנְג פוּן מָאלֶעקוּלֶען, וֶועלְכֶע בֶּעוֶועגֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָהן אַיין אוֹיפְהֶער הִין אוּנ צוּרִיק, חָאטְשׁ מִיט אוּנזֶער אוֹיג בֶּעמֶערְקֶען מִיר עֶס נִיט. יֶעדֶער מָאלֶעקוּל ווִידֶער, פוּן וֶועלְכֶען קֶארְפֶּער מִיר זָאלֶען נִיט אָנְחַאפֶּען, בֶּעשְׁטֶעהט פוּן אַטָאמֶען, אוּנ דִי אַטָאמֶען בֶּעוֶועגֶען זִיךְ אוֹיךְ נָאךְ אַנַאנְד, נָאר זֵיי טְהֵיילֶען זִיךְ דַאבֵּיי נִיט אָבּ פוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע אַטָאמֶען, וָואס אִין זֵייעֶר מָאלֶעקוּל אוּנ צוּמִישֶׁען זִיךְ נִיט מִיט דִי אַטָאמֶען פוּן דִי מָאלֶעקוּלֶען, וָואס נֶעבֶּען זֵיי. אִיהר וַוייסְט דָאךְ, אַז בְּעֵת מִיר וַוארֶעמֶען אָן וַואסֶער הֵייבֶּען זִיךְ דִי מָאלֶעקוּלֶען אָן צוּ בֶּעוֶועגֶען אַלְץ גִיכֶער אוּנ גִיכֶער, דִי קֵייטוּנְגְס-קְרַאפְט זֵייעֶרֶע

װערט װאָס װײטער אַלץ שלאַפּער ; די מאָלעקולען , װאָס זײנען
מעהר אָנגעװאַרעמט , הײבען זיך אָן אָבּרײסען פון די איבּריגע
און פליהען אַװעק אין דער לופטען . דאַמאָלס זאָגען מיר , אַז דאָס
װאַסער הײבּט אָן זידען , עס געהט איבּער אין פּאַרע . חוקע
האָט גוט געזאָגט , אַז די מאָלעקולען אין יעדער קערפּער בּעװעגען
זיך , אַקוראַט אַזױ װי עס שפּרינגען די מאַנ־קאַפּלעך , בּעת מען
זיפּט זײ אױס אין זיפּ ; אָט אַזױ בּעװעגען זיך אױך די מאָלעקולען
אַלץ גיכער און גיכער , װאָס מעהר מיר װאַרעמען אָן דאָס
װאַסער . די זיפּ קאָנען מיר אַזאַ שטאַרקען טרעסעל טהון , אַז
עטליכע מאַנ־קאַפּלעך װעלען פון איהר אַרױסשפּרינגען ; אַזױ
קאָנען מיר דאָס װאַסער אַזױ לאַנג אָנװאַרעמען בּיז װאַנען עס
װעלען זיך אָנהײבען אָבּטהײלען פון איהם מאָלעקולען װאַסער־
פּאַרע . יעדער מאַנ־קאַפּעל , װעלכער איז אַרױסגעשפּרונגען פון
זיפּ , בּלײבּט דאָך דאָס זעלבּע מאַנ־קאַפּעל װאָס געװען און האָט
אין זיך אַלץ דיעזעלבּע מאַן־קערענדליך װאָס פריהער . אַזױ איז
עס אױך מיט יעדער מאָלעקול װאַסער־פּאַרע . ער רײסט זיך
אָבּ פון זײנע איבּעריגע חברים און פליהט אַװעק אין דער לופטען ,
נאָר אַלײן פאַר זיך בּלײבּט ער דאָרטען אױך דערזעלבּיגער װאַסער־
מאָלעקול װאָס געװען ; ער בּײט זיך אױף דאָס מינדעסטע ניט
אום און בּעשטעהט איצט אױך פון דיזעלבּיגע אַטאָמען , פון װעלכע
ער איז פריהער בּעשטאַנען . דער אונטערשײד איז דאָ נור אין
דעם , װאָס אין מאַן־קאַפּעל האַלטען זיך דאַרום די קערענדליך
אײן צוזאַממען , װײל זײ זײנען אײנגעשלאָסען אין אַ האַרטע־
שאַלעכץ , װעלכע לאָזט זײ זיך ניט צושיטען ; אָבּער אין דעם
מאָלעקול פון װאַסער , אָדער פון װעלכען עס איז אײן אַנדער
שטאָף , איז קײן שום האַרטע שאַלעכץ ניט דאָ ; די אַטאָמען פון
יעדער מאָלעקול האַלטען זיך אױף צוזאַממען נור דורך דעם , װײל
יעדער אַטאָם ציהט צו זיך צו אַללע זײנע שכנים , די איבּעריגע
אַטאָמען פון דעם זעלבּען מאָלעקול , און די איבּעריגע אַטאָמען
ציהען איהם צו . דאָ װירקט די זעלבּע קײטונגס־קראַפט , דורך
װעלכע די מאָלעקולען ציהען זיך צונױף אײנער צו דעם אַנדערען
אין יעדער האַרטען און פליסיגען קערפּער . פערשטײט זיך , אַז

די אטאמען אין מאלעקול זיינען הארטער צונויפגעצויגען, ווי די מאלעקולען אין קארפער; די קייטונגסקראפט פון די אטאמען איז שטארקער ווי די קייטונגסקראפט פון די מאלעקולען. אין פארע, בעת די מאלעקולען זיינען שוין איינער פון דעם אנדערען אבגעטהיילט, האלטען זיך נאך די אטאמען פעסט צונויפגעבונדען אין זייער מאלעקול: דער מאלעקול איז נאך אלץ גאנץ, ניט פאנאנדער געטהיילט, ווי געוועזן. די קייטונגסקראפט איז דאך, ווי מיר ווייסען, ניט אלע מאל אויף איין שטאנד. די קייטונגסקראפט פון די מאלעקולען ווערט שוואכער און די מאלעקולען טהיילען זיך אב איינער פון דעם אנדערען דורכ'ן ווארעמען. איצטער פרעגט זיך: צו קאן די קייטונגסקראפט פון די אטאמען אויך שוואכער ווערען? צו קאנען די אטאמען זיך אויך אבטהיילען איינער פון דעם אנדערען? ווען מיר ווילען פון א פליסיגען קארפער מאכען א גאז, דאס הייסט, ווען מיר ווילען זיינע מאלעקולען זאלען זיך אבטהיילען איינער פון דעם אנדערען, דארפען מיר דערצו דעם קארפער אנווארעמען אויף א געוויססען גראד. די אטאמען טהיילען זיך דאך אבער ביי אזא געוויינליכען אנווארעמען ניט אב איינער פון דעם אנדערען, די מאלעקולען בלייבען גאנץ ווי געוועזן. וואס־שוין דארפען מיר טהון, אז מיר ווילען, אז די אטאמען זאלען זיך אויך אבטהיילען איינער פון דעם אנדערען, אז דער גאנצער מאלעקול זאל צופאלען אדער ער זאל זיך איבער אנייס צוזאמענשטעלען, ד. ה. אז די אטאמען זאלען זיך ווידער צונויפציהען? אונ צו טרעפט עס טאקי אין אמת'ן אזוי? יא, עס טרעפט און נאך זעהר אפט, כמעט אויף יעדען טריט. איין אנדערם מאל דארף מען דערצו נאר אנווארעמען שטארקער דעם קארפער, אזוי, אז עס זאלען זיך אנהייבען צו בעוועגען געשווינדער ניט נור די מאלעקולען אליין, נור אויך די אטאמען אין יעדער מאלעקול.

IV.

איינפאכע און צוזאמענגעזעצטע קארפער.

כדי אייך צו בעווייזען, ווען און ווי אזוי די אטאמען טהיילען

זיך אב איינער פון דעם אנדערען און די מאלעקולען צופאלען.
וועל איך אייך, ברידער, ערצעהלען ווי די געלעהרטע צולעגען
וואססער אויף צוויי קערפער, וועלכע זיינען אין קיין זאך ניט אהנליך
איינער צו דעם אנדערען. מען נעהמט א פארצעלייענע ראהרעל.
וואס פארצעליי (פארצעלאן) איז ווייסט איהר דאך, מסתמא. דאס
איז אזא סארט ליים, נאר פארצעליי איז ריינער פאר ליים. איינפאכע
ליים האט אין זיך אביסעל אייזען, דארום איז זי ברוין-ראטהליך
אדער געלב. פארצעליי אבער איז ריינער ליים אהן א שום פרעמדע
צומישונג, דארום איז עס ריין ווייס. פארצעלייענע געפאס ברענט
מען פריהער אויס און דערנאך גלאזט מען עס, ד"ה מען ציהט
דאס איבער פון אויבען מיט גלאזור, ווייל ווען ניט וועט די
פארצעלייענע כלי דורכלאזען דורך זיך ניט נור לופט, נור אפילו
וואססער און אנדערע פליססיגקייטען אויך. דאס קומט דערפון,
ווייל אין די וואנדליך פון אזא כלי איז פאראן פיעל פיצינקע
שפאלטעלעך אדער, ווי די געלעהרטע רופען זיי אן **פארען**, און
אט דורך די פארען זייט זיך דורך וואססער. ווען מען ציהט אבער
די וואנדליך איבער מיט גלאזור, בעדעקט עס די שפאלטעלעך,
און דורך די וואנדליך געהט אפילו קיין לופט אויך ניט דורך,
ניט נור קיין וואססער. אין דאס ברייטע פארצעלייענע ראהרעל
שטעלט מען אריין א שמאלערע, פון פראסטע ליים, ניט קיין
געגלאזטען. דורך דאס אנדער ראהרעל קען יא דורכגעהן וואססער
און לופט. דאס אינוועניגסטע ניט געגלאזטע ראהרעל איז אסך
שמאלער פון דאס אויסוועניגסטע, דארום בלייבט איבער צווישען
ביידע ראהרליך א קיילעכדיגער צווישענשייד, א חלל. ביידע
ראהרלעך פערשמירט מען ביי די ברעגעס פון ביידע זייטען מיט
ליים, כדי די לופט פון דרויסען זאל ניט קאנען אריין אין דעם
חלל, וואס צווישען זיי. אינווענדיג ווידער איז קיין לופט ניט דא,
מען פאמפעט זי אויס פון דארטען פריהער. כדי איהר זאלט
בעססער פערשטיין, ווי מען ריכט דאס אלץ צו, וועל איך אייך
דאס בעססער אויסצייכענען אויפען פאפיר.

דער לעהרער האט גענומען א רייגען בויגען פאפיר אונ האט מיט א בליי‌פעדער אנגעצייכענט אזא פיגור . (פיגור 2



פיגור 2

אללע האבען זיך צוגעבויגען צום טיש אונ דער לעהרער האט אנגעהויבען צו טייטלען מיט'ן פינגער:

— זעהט־שוין, ברידער! דעם אות א האב איך אנגעצייכענט אויף דאס אויסוועניגסטע, ברייטע פארצעלייענע, געגלאזטע ראהרעל; אין איהם איז אריינגעשטעלט א שמאלערע ליימענע ראהרעל, ניט קיין געגלאזטע, ב. ביי די ברעגעס פון די ראהרליך איז דער חלל, וואס צווישען זיי, פערשמירט מיט א ביסעל ליים מ די לופט ציהט מען פון דעם צווישענשייד ארויס מיט א לופט־פאמפע. אין ביידע ראהרלעך, אי אין דאס שמאלע, אי אין דאס ברייטע שטעלט מען אריין איין שמאלינקע ראהרעלע ג אונ ד, יעדערע מיט א קליי־נינקען קראן כ. חוץ דעם נעמט מען א גרויסע לאנגליכע שיסעל אונ מען גיסט אין איהר אריין וואססער אדער, נאך בעססער, קוועקזילבער. די צוויי גלאזער ו אונ ז גיעסט מען אויך אן פול מיט קוועקזילבער אונ מען קעהרט זיי איבער מיט'ן דעק ארויף, נאר אזוי, אז דאס קוועקזילבער זאל זיך ניט אויסגיסען. ביידע גלאזער שטעלט מען אוועק אין שיססעל אויף דעם אונטערשטעל ח. דאס קוועקזילבער וועט זיך פון די גלאזער ניט אויסגיססען, פארקעהרט, עס וועט נאך שטעהן האבער ווי אין שיסעל ה. פאר וואס איז דאס אזוי, העשעל?

— דאס איז דאריבער, האט העשעל געענטפערט, ווייל אין שיסעל דריקט אויף דעם קוועקזילבער די גאנצע לופט פון אויבען; אין גלאז אבער דריקט אויף איהם קיין זאך ניט. ווען דאס קוועקזילבער אין גלאז וואלט זיך אראבגעלאזען, וואלט דאך איבער איהם געבליעבען א לעדיג ארט. אין שיסעל אבער געפינט זיך איבער דעם קוועקזילבער א גאנצער זייל לופט, און אט דער זייל לופט וואלט צוריק אריינגעשטופט דאס קוועקזילבער אין גלאז.

— ריכטיג! האט דער לעהרער געענטפערט. די אויסווייניגסטע לופט מיט איהר דריקונג לאזט ניט דאס קוועקזילבער זיך אויסגיסען פון די גלאזער. די שמאלינקע ראהרלעך ג און ד, וועלכע זיינען אריינגעשטעלט אין פארצעלייענע גרויסע ראהרלעך א און ב, גיעסט מען אויך אן מיט קוועקזילבער פול ביז די קליינינקע קראנען. נאכהער פערקוועטשט מען די אפענונגען פון די קליינע ראהרליך מיט די פינגער, כדי דאס קוועקזילבער זאל זיך ניט אויסגיסען און מען לאזט זיי בעוואכט איינס נאך דאס אנדערע ארונטער אונטער די גלאזער ו און ז. בעת די ראהרלעך זיינען שוין ארונטערגעלאזען אונטער די גלאזער, קאן מען שוין די פינגער צונעהמען: דאס קוועקזילבער וועט זיך שוין אין שיסעל סיי ווי ניט אויסגיסען, די אויסווייניגסטע לופט וועט דאס מיט איהר דריקונג ניט דערלאזען. בעת אז דאס אלץ איז שוין פארטיג, דאמאלס ברענט מען אן דאס ברייטע פארצעלייענע ראהרעל ביז רויטה אין א הארנע אדער אין א נייעם אייוועז, וועלכער גיט אפולע היטץ, דערנאך הויבט מען אן אין דאס אינווייניגסטע ניט געגלאזטע ראהרעל דורך דעם קאנט אריין צו לאזען וואססער-פארע. די קליינע קראנעלעך כ אפענט מען אויף. וואס-שזע זעהען מיר דאמאלס? דאס קוועקזילבער פאלט פריהער אראפ פון די ראהרליך ג און ד, אקוראט אזוי ווי עפעס וואלט עס פון דארטען ארויסגעשטופט; נאכהער הייבט עס אן צו פאלען אלץ נידריגער אין די גלאזער ו און ז.

— ווי אזוי קאן דאס קוועקזילבער אראבפאלען אין די גלאזער? האט מלך געפרעגט. — די לופט, וואס פון דרויסען איבער'ן שיסעל דריקט דאך אויף איהם און טרייבט עס אריין אינווענדיג אין די גלא.ער?

—פריהער, ווען פון אינווענדיג אין ראהרעל האט אויף דעם קוועקזילבער קיין זאך ניט געדריקט—האט דער לעהרער געענטפערט — האט טאקי די אויסווענינגסטע לופט מיט איהר דריקונג עס ניט געלאזען זיך אויסגיסען, איצטער האט איהר דאך אבער אריינגעלאזען אין ראהרעל פארע, וועלכע דריקט פון אינווענדיג אויף דעם קוועקזילבער אונ שטופט עס צוריק אין שיסעל, דארום איז דאס קוועקזילבער אראבגעפאלען פון ראהרעל. די פארע האט עס פון דארטען ארויסגעשטופט אונ איצטער שטופט זי עס ביסלעכוויים ארוים פון די גלאזער. דאס קוועקזילבער גיסט זיך ארוים אין שיססעל אונ די פארע פארנעהמט זיין ארט אין די קליינע ראהרליך אונ אין די גלאזער. דאס קוועקזילבער איז אראבגעפאלען אין ביידע גלאזער, הייסט עס, אז ביידע גלאזער זיינען איצט פול מיט פארע. אונ אנדערש האט עס גאר ניט געקאנט זיין. דאס שמאלערע ראהרעל, דורך וועלכע מען לאזט אריין די פארע, איז דאך ניט קיין געגלאזטע, איז די פארע דורכגעגאנגען דורך די שפאלטעליך אונ האט פערנומען ביידע ראהרליך, אי דאס ליימענע, אי דאס פארצעלייענע אונ פון דארטען דורך די קליינע ראהרליך ג אונ ד אריין אין ביידע גלאזער. ווי איהר זעהט האבען מיר שטארקע ראיות, אז די גלאזער זיינען איצט פול מיט וואססער־פארע, אין דער אמת'ן איז עס אבער ניט אזוי. מיר קאנען זיך לייכט ערקונדיגען, אז דער שטאף, מיט וועלכען די גלאזער זיינען איצט פול, איז ניט קיין וואססער־פארע. ווען מיר האלטען א קאלטע שיסעלע איבער א זידיגען טאפ, בעווייזען זיך אויף איהר טראפען וואססער; ווען מען קיהלט אב וואססער־פארע, געהט זי ווידער איבער אין פליססיגע וואססער. ווען מיר וועלען אבער אונזערע גלאזער אבקיהלען יעדע גלאז בעזונדער, וועט פון דעם שטאף וואס אינווענדיג איז, קיין וואססער בשום אופן ניט ווערען; די מאלעקולען דערפון קענען זיך צוריק אין וואססער־טראפען ניט פעראייניגען. הייסט עס, אז די מאלעקולען פון וואססער זיינען ניט געבליבען גאנץ, ווי געווען! זיי זיינען צופאלען, אונ זייערע אטאמען האבען זיך דערנאך פערבונדען אין נייע מאלעקולען, וועלכע זיינען שוין צו די פריהערדיגע גאר ניט אהנליך. די מאלעקולען, וואס מען

האט בעקוממען, זיינען ניט קיין וואססער-מאלעקולען; דאס זיינען מאלעקולען גאר פון איין אנדער מין שטאף. איצטער דארפען מיר זעהען, צו מיר האבען איןביידע גלאזער איין סארט שטאף צו ניט. די געלעהרטע האבען זיך ערקונדיגט, אז מיר האבען דא צוויי שטאפען: אין יעדער גלאז איין אנדער מין שטאף. ביידע שטאפען זיינען אונזיכטבאר, נימ דורכזיכטיג, האבען ניט קיין שום ריח; ביידע שטאפען האבען ארויסגעשטופט דאס קוועקזילבער אונ פערנומען זיין ארט, הייסט עס, אז זיי ביידע האבען איין אייגענשאפט צו פערשפרייטען זיך אין אללע זייטען אזוי ווי אונזער לופט, ביידע שטאפען זיינען לופטפארמיגע קארפער, גאזען. דעם גאז, וואס אין גלאז ו האבען די געלעהרטע א נאמען געגעבען זויערשטאף אונ דעם גאז וואס אין גלאז ז וואססערשטאף. ווען מען וועט אונטער דער גלאז ו ארונטערוקען א קינעלע, וועלכע האלט ביי'ם פערלאשען ווערען, וועט ער זיך מיט אמאל פאנאנדערברענען מיט א גרויסען העלען פלאם. ווען מיר וועלען אונטער די זעלבע גלאז ארונטערלאזען אפליג, וועט זי פליהען אונ שפרינגען לעבעדיג אונ מונטער; יעדער ריהר, יעדער קעהר איהרער וועט ווערען געשווינדער. ווען מיר וועלען אזא קינעלע ווי פריהער ארונטערלאזען אונטער דער גלאז ז, וועט עס זיך באלד פערלעשען; אפליג וועט זיך דארט בעוועגען לאנגזאם אונ אונמוטהיג אונ אין א מינוט ארום וועט זי גאר פגר'ן. ווען מען זאל אנפיללען א פלאש מיט וואססערשטאף, דאס איז דער גאז, וואס אונטער דער גלאז ז אונ פערשטאפען זי מיט א קארעק, אין וועלכען עס זאל זיין ארייגעשטעלט א קליין דין גלאזערנע ראהרעל, איז, אז מיר וועלען צו דער אייבערשטער אפענער זייט פון ראהרעל צוטראגען איין אנגעצונדענע שוועבעלע, וועט דער גאז, וועלכער וועט דורך דאס ראהרעל ארויס, זיך אנצינדען אונ וועט ברענען מיט א בלאס בלאהליך פייער'ל. וועלכען מען קאן קוים בעמערקען. אז מיר זאלען נעהמען צוויי פלאשער: איינע פול מיט זויערשטאף, די אנדערע מיט וואססערשטאף אונ זיי אבוועגען, וועלען מיר זעהן, אז א פלאש זויערשטאף וועגט 16 מאל מעהר ווי א פלאש וואססערשטאף. וואססערשטאף

ברענט אליין יא, נור אין איהם קאן קיין קארפער ניט ברענען, קיין לעבעדיג זאך קאן זיין לעבען ניט דערהאלטען; וואססערשטאף איז זעהר גרינג; ער איז דער גרינגסטער פון אללע שטאפען, וועלכע מיר ווייסען איצטער. ער איז אין 16 מאל גרינגער ווי זויערשטאף אונ אין 14½ מאל גרינגער פאר אונזער לופט. דאס הייסט, ווען מיר וועלען נעהמען דריי גלייכע פלאשער, איינע פול מיט זויערשטאף, די אנדערע מיט וואססערשטאף, די דריטע מיט לופט אונ מיר וועלען זיי אבוועגען, וועט די פלאש וואססערשטאף וועגען 16 מאהל וועניגער ווי די פלאש זויערשטאף אונ 14½ מאל וועניגער, ווי די פלאש לופט. זויערשטאף, דאס איז דער גאז וואס אונטער די גלאז ו, ברענט אליין ניט, נור אנדערע קארפער ברענען אין איהם שטארק אונ גיך; יעדע לעבעדיגע זאך אטהעמט אונ בעוועגט זיך געשווינד. איך וועל אייך נאך מעהרער זאגען: וואו עס איז קיין זויערשטאף ניט דא, קאן קיין קארפער ניט ברענען אונ קיין לעבעדיג זאך ניט אטהעמען; עס ווערט דערשטיקט אונ פגר'ט. איך האב אייך דאך שוין געזאגט, דאס ווען מיר לאזען ארונטער א גליהענדע קינעלע אונטער די גלאז מיט וואססערשטאף, איז ניט נור, וואס דער וואססערשטאף צינדעט זיך ניט אן, דאס קינעלע פערלאשט זיך נאך אויך, ווייל אין גלאז איז קיין זויערשטאף ניט דא, אונ אהן זויערשטאף קאן קיין זאך ניט ברענען.

מען האט אריינגעלאזען אין שמאלע ראהרעל וואססערפארע אונ מען האט בעקומען אין די גלאזער צוויי נייע שטאפען, וואססערשטאף מיט זויערשטאף, וועלכע זיינען גאר ניט אהנליך ניט צו וואססערפארע, ניט איינער צו דעם אנדערען. איז דאס ניט אחדוש? וואו איז אהין געקומען די וואססערפארע? פון וואנען האבען זיך גענומען די צוויי נייע גאזען, וואס אונטער די גלאזער: וואססערשטאף אונ זויערשטאף? איין קשיא פערענטפערט זיך מיט די אנדערע. די צוויי גאזען וואססערשטאף אונ זויערשטאף האבען זיך גענומען פון די וואססערפארע. די מאלעקולען פון וואססער זיינען צופאלען, זייערע אטאמען האבען זיך אבגעטהיילט איינע פון די אנדערע: די אטאמען וואססערשטאף בעזונדער אונ די

אַטָאמֶען זויערשְׁטָאף בֶּעזונְדֶער. אַרְאָיָה אַז דָאס אִיז טַאקִי אַזוֹי, אַז דִי וַואססֶערפַּארֶע הָאט זִיךְ טַאקִי צוּלֵייגְט אוֹיף צְוֵויי גַאזֶען: זויערְשְׁטָאף אוּנ וַואססֶערשְׁטָאף, אִיז דָאס, וָואס דִי גֶעלֶעהְרְטֶע קָאנֶען פוּן דִי בֵּיידֶע גַאזֶען צוּרִיק בֶּעקוּמֶען וַואססֶער. אִיךְ הָאבּ אֵייךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט, אַז וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דֶעם וַואססֶערשְׁטָאף, וֶועלְכֶער גֶעהט אַרוֹיס דוּרְךְ אַדִין גְלֶאזֶערְנֶע רֶאהְרֶעל, בְּרֶענְט עֶר שְׁוַואךְ, עֶס אִיז קוֹים דֶעם פְלַאם צוּ בֶּעמֶערְקֶען. וֶוען מִיר וָאלֶען אָבֶּער אִיצְטֶער דֶען קַאנְט פוּן רֶאהְרֶעל, בַּיי וֶועלְכֶען דֶער וַואססֶערשְׁטָאף בְּרֶענְט, אַרֵיינְלָאזֶען אִין אַפְלַאשׁ זויערְשְׁטָאף, וֶועט זִיךְ דֶער וַואססֶערשְׁטָאף פַאנַאנְדֶערבְּרֶענֶען שְׁטַארְקֶער, אוּנ דֶער פְלַאם וֶועט וֶוערֶען גְרֶעסֶער אוּנ הֶעכֶער. דִי פְרָאבֶּע מוּז מֶען מַאכֶען זֶעהר פָארְזִיכְטִיג, וֶוען נִיט דֶערלַאנְגְט עֶס אַקְלַאפּ וִוי פוּן אַהַארְמַאט, דִי פְלַאשׁ וֶוערְט צוּזֶעמְצְט אוּנ קָאן קַאלֶעטְצֶען אָדֶער טוֹידְטֶען אוֹיפ'ן אָרְט. נָאךְ דֶעם וִוי דֶער וַואססֶערשְׁטָאף הָאט אוֹיסגֶעבְּרֶענְט קָאן מֶען בֶּעמֶערְקֶען, אַז דִי וֶואנְדְלִיךְ פוּן פְלַאשׁ, וואוּ עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְט, הוֹיבֶּען אָן צוּ שְׁוִויצֶען, ד"ה, אוֹיף זֵיי בֶּעוַוייזֶען זִיךְ פִּיצִינְקֶע טְרָאפֶּען וַואססֶער. נוּר אִין פְלַאשׁ אִיז דָאךְ פְרִיהֶער קֵיין וַואססֶער נִיט גֶעוֶוען, פוּן וַואנֶען הָאט זִיךְ עֶס אִיצְטֶער גֶענוּמֶען? נִיט אַנְדֶערְשׁ נוּר, אַז דָאס וַואססֶער הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע צְוֵויי גַאזֶען וַואססֶערשְׁטָאף מִיט זויערְשְׁטָאף, אוֹיף וֶועלְכִע מֶען הָאט עֶס פְרִיהֶער צוּלֵייגְט. אִיצְטֶער הָאבֶּען זִיךְ דִי אַטָאמֶען פוּן דִי בֵּיידֶע גַאזֶען ווִידֶער פֶערְאֵיינִיגְט; אִין יֶעדֶער מָאלֶעקוּל זַיינֶען ווִידֶער פַארַאנֶען אִי אַטָאמֶען פוּן וַואססֶערשְׁטָאף אוּנ אַטָאמֶען פוּן זויערְשְׁטָאף, פוּן זֵיי זַיינֶען ווִידֶער גֶעוָוארֶען וַואססֶער-מָאלֶעקוּלֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ בְּעֵת'ן אָבְּקִיהלֶען פֶערְאֵיינִיגְט אִין קְלֵיינֶע טְרָאפֶּען, אוּנ דָאס וַואססֶער, וָואס מֶען הָאט אִיצְטֶער בֶּעקוּמֶען אִיז אִין קֵיין זַאךְ נִיט אַנְדֶערְשׁ פוּן דָאס וַואססֶער, וָואס מֶען הָאט פְרִיהֶער אִין רֶאהְרֶעל צוּלֶעגְט; מֶען קָאן עֶס ווִידֶער צוּלֶעגֶען אוֹיף זויערְשְׁטָאף אוּנ וַואססֶערשְׁטָאף אוּנ דִי שְׁטָאפֶען וֶועלְכֶע מֶען בֶּעקוּמְט, קָאן מֶען ווִידֶער אָנְצִינְדֶען אוּנ מַאכֶען פוּן זֵיי ווִידֶער וַואססֶער. וֶוען מֶען זָאל אָבְּוֶועגֶען פְרִיהֶער דֶען וַואססֶערשְׁטָאף אוּנ זויערְשְׁטָאף אוּנ נַאכְהֶער דָאס וַואססֶער, וָואס מֶען הָאט בֶּעקוּמֶען פוּן בֵּיידֶע שְׁטָאפֶען, וֶועלֶען

זיי ווענען ביידע גלייך; דאס הייסט, וויפיל זאלאטניק וואססערשטאף מיט זויערשטאף עס פעהלט אונז נאכ'ן פערברענען, אקוראט אזוי פיל זאלאטניק וואססער וועלען מיר בעקומען. הייסט עס, אז וואססער בעשטעהט פון צוויי שטאפען: פון וואססערשטאף אונ פון זויערשטאף. יעדער וואססערמאלעקול האט אין זיך צוויי סארטען אטאמען: אטאמען פון וואססערשטאף אונ אטאמען פון זויערשטאף. וואססער איז דארום א צוזאמענגעזעצטער קארפער. צוזאמענגעזעצטע רופען זיך יענע קארפער, אין וועלכע יעדער מאלעקול האט אין זיך אטאמען פון צוויי, דריי אדער בכלל פון איינינע שטאפען. פארהאנען קארפער, אין וועלכע יעדער מאלעקול בעשטעהט פון אטאמען קוילשטאף אונ שוועבעל, אדער פון אטאמען שוועבעל אונ אייזען, אדער פון אטאמען שוועבעל, קוילשטאף אונ אייזען צוזאמען.

ווען אין די מאלעקולען פון וועלכע עס איז א קארפער זיינען אללע אטאמען פון איין שטאף, אין גאנצען אהנליך איינער צו דעם אנדערען, רופען די געלעהרטע דעם קארפער אן: איינפאכע קארפער. וואססערשטאף, ווען איהר וועט נעמען, וועט איהר אין יעדער מאלעקול געפינען נאר וואססער שטאף; קיין אטאמען פון איין אנדער שטאף איז דארטען ניט דא; דאס זעלבע איז זויערשטאף, אייזען אונ דערגלייכען. וואססערשטאף, אייזען, זויערשטאף אונ דערגלייכען רופען זיך דארום איינפאכע קארפער. אזאלכע איינפאכע קארפער איז אויף דער וועלט פאראנען זעהר ניט פיעל: די געלעהרטע צאהלען איצטער אויס איין ערך פון 70; אי דאס טרעפען זיך אסך פון זיי אזוי זעלטען אונ יעדער מאל אזוי ווייניג, אז עס לוינט גאר ווענען זיי ניט צו רעדען. אפטער אונ אין גראססערע מאססען בעגעגענען מיר אויף דער ערד ניט מעהר ווי 14 איינפאכע קארפער, דהיינו: אייזען, שוועבעל, קוילשטאף שטיקשטאף (אזאט) אונ דערגלייכען. דאס רוב קארפער פון דער' וועלט זיינען צוזאממענגעזעצט פון צוויי, דריי אונ מעהר איינפאכע קארפער. די איינפאכע קארפער, פון וועלכע א צוזאמענגעזעצטער בעשטעהט, רופען זיך אן זיינע בעשטאנד טהיילען. הייסט עס, אז וואססערשטאף

און זויערשטאף זיינען די בעשטאנדטהיילען פון וואססער. פון א צוזאממענגעזעצטען קארפער קען מען ארויסבעקומען גרינגער אדער שווערער זיינע בעשטאנדטהיילען; מען קאן איהם צולעגען אויף צוויי אדער מעהרערע איינפאכע קארפער, וועלכע זיינען אין קיין זאך ניט אהנליך ניט איינער צו דעם אנדערען, ניט צו דעם צוזאממענגעזעצטען קארפער, פון וועלכען מען האט זיי ארויסבעקומען. וואססער קאן מען צולעגען אויף צוויי איינפאכע קארפער: זויערשטאף און וואססערשטאף, וועלכע זיינען אין קיין זאך ניט אהנליך, ניט איינער צו דעם אנדערען, ניט צו וואססער, פון וועלכע מיר האבען זיי ארויסבעקומען. איין איינפאכען קארפער אבער קאן מען מיט קיין שום מיטעל ניט צולעגען אויף צוויי נייע קארפער. ווען איהר וועט נעהמען זויערשטאף, מאגט איהר מיט איהם טהון, וואס איהר ווילט, וועט איהר איהם דאך אויף קיין נייע שטאפען בשום אופן ניט צוטהיילען. דאס זעלבע איז מיט וואססערשטאף און מיט אללע אנדערע איינפאכע קארפער.

אין יעטוועדער וואססער-מאלעקול געפינען זיך דריי אטאמען: צוויי אטאמען וואססערשטאף און איין אטאם זויערשטאף. בעת מיר ווארעמען אן וואססער געהט עס פון אנהייב איבער אין פארע, ד"ה, די מאלעקולען הייבען זיך אן צו בעוועגען אלץ גיכער און גיכער, ביז לסוף טהיילען זיי זיך אב איינער פון דעם אנדערען. די מאלעקולען זעלבסט אבער בייטען זיך דאבײ אויף דאס מינדעסטע ניט אום, יעדער מאלעקול פארע בעשטייט ווי פריהער פון צוויי אטאמען וואססערשטאף און איין אטאם זויערשטאף. אז מען ווארעמט די וואססערפארע נאך ווייטער אן, דאמאלס ווירקט שוין דאס ווארעמען שטארקער. פריהער האבען זיך פון ווארעמען בעוועגט נור די מאלעקולען; איצטער הייבען די אטאמען זויערשטאף און וואססערשטאף אינוועגדיג אין יעדער מאלעקול זיך אויך אן צו בעוועגען וואס ווייטער אלץ גיכער. ביז אהער האבען זיך די אטאמען ניט אבגעטהיילט איינער פון דעם אנדערען, און די מאלעקולען זיינען געבליבען גאנץ, ווייל די אטאמען האט צונויפגעבונדען אין איין מאלעקול אזא קורא אזא קיטונגסקראפט, וועלכע בינדט צונויף די מאלעקולען אין איין גאנצען קארפער. נור איצטער

וועט אט די קראפט ווערען וואס ווייטער אלץ שלאפער און שלאפער, און אם ענדע וועט קומען אזא מינוט, ווען זי וועט שוין זיין אזוי שלאף, אז זי וועט שוין מעהר ניט קענען איינהאלטען די אטאמען זויערשטאף און וואסערשטאף אין איין גאנצען מאלעקול. דאמאלס וועט זיך יעדער וואסער-מאלעקול עפעס אזוי ווי פאנאנדערנעהמען אויף צוויי טהייל: די אטאמען וואסערשטאף וועלען זיך אבטהיילען פון די אטאמען זויערשטאף, און פון איין צוזאמענגעזעצטען קארפער וואסער וועלען מיר איצט בעקומען צוויי איינפאכע קארפער: וואסערשטאף און זויערשטאף. יעדער פון אט די צוויי איינפאכע קארפער, וועט בעשטעהן פון איינצעלטע פאנאנדערגעטהיילטע מאלעקולען, אקוראט אזוי ווי וואסערפארע, ד"ה אי וואסערשטאף, אי זויערשטאף זיינען ביידע לופטפארמיגע קארפער — גאזען. אין יעדער וואסערמאלעקול זיינען געווען צוזאממען אטאמען פון צוויי שטאפען: צוויי אטאמען וואסערשטאף און איין אטאם זויערשטאף: וואסער איז דארום א צוזאמענגעזעצטער קארפער. איצטער איז אין יעדער מאלעקול זויערשטאף פאראנען נור צוויי אטאמען זויערשטאף און אין יעדער מאלעקול וואסערשטאף — נור צוויי אטאמען וואסערשטאף. אזוי ווי אין די מאלעקולען וואסערשטאף איז קיין זויערשטאף גאר ניט דא, אזוי איז אין דעם מאלעקול פון זויערשטאף גאר קיין וואסערשטאף ניט דא. צוויי קארפער זיינען דארום איינפאכע; יעדער פון זיי האט אין זיך דורכאוים אטאמען פון איין שטאף.

— איך פערשטעה ניט, האט חוקע זיך ארייננעמישט — איהר זאגט, אז בעת מיר האבען די וואסערפארע שטארק אנגעברענט, האבען זיך די אטאמען אינווענדיג אין יעדער מאלעקול אנגעהויבען צו בעוועגען וואס ווייטער אלץ גיכער; די קייטונגס-קראפט האט זיי שוין ניט געקאנט איינהאלטען צוזאמען; די אטאמען זויערשטאף האבען זיך אבגעטהיילט בעזונדער. גוט... אבער, אז די ביידע שטאפען, וועלכע מיר האבען פון דעם וואסער בעקומען, וועלען זיך אביסעל אבקיהלען, וועלען דאך זייערע אטאמען אנהייבען זיך צו בעוועגען לאנגזאמער, די קייטונגס-קראפט צווישען זיי וועט זיך ווידער פערגרעסערען: קאנען זיי-

זִיךְ דָאךְ אִיבֶּער אַנֵייעֶם פֶּערֵאיינִיגֶען, אוּנ פוּן זֵיי וֶועט ווִידֶער וֶוערֶען אַ צוּזַאמֶענגֶעזֶעטצְטֶער קֶארְפֶּער — וַאססֶערפַּארֶע, ווִי פְרִיהֶער?

— פֶּערשְׁטֶעהסט אִיהר מִיךְ, הָאט דֶער לֶעהרֶער גֶעעֶנְטפֶערְט — וֶוען דִי בֵּיידֶע שְׁטָאפֶען וָואלְטֶען, בֶּעת זֵיי הֵייבֶּען אָן זִיךְ אָב צוּ קִיהלֶען, גֶעוֶוען צוּזַאמֶען, ד״ה, וֶוען דִי מָאלֶעקוּלֶען זוֹיעֶרשְׁטָאף וָואלְטֶען דַאמָאלְסְט גֶעוֶוען צוּמִישְׁט מִיט דִי מָאלֶעקוּלֶען וַאססֶער־שְׁטָאף, וָואלְטֶען זֵיי זִיךְ טַאקִי אִיבֶּער אַנֵייעֶם פֶּערֵאיינִיגְט. דִי וַאססֶערפַּארֶע בְּרֶענְט מֶען דָאךְ אָבֶּער אָן אוּנ מֶען צוּלֶעגְט אִין אַלֵיימֶענֶעם נִיט קֵיין גֶעגְלֶאזְטֶען רֶאהרֶעל, וֶועלְכֶע הָאט אִין זִיךְ אַסַךְ שְׁפֶּעלְטֶעלֶעךְ, דַארִיבֶּער טְהֵיילֶען זִיךְ דִי מָאלֶעקוּלֶען זוֹיעֶר־שְׁטָאף אוּנ וַאססֶערשְׁטָאף אָב אֵיינֶע פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אָט פַאר וָואס דָאס טְרֶעפְט. אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט, אַז וַאססֶערשְׁטָאף אִיז 16 מָאל גְרִינְגֶער פַאר זוֹיעֶרשְׁטָאף. הֵייסְט עֶס אַז דִי מָאלֶע־קוּלֶען וַאססֶערשְׁטָאף זַיינֶען גְרִינְגֶער אוּנ בֶּעוֶועגֶען זִיךְ גִיכֶער ווִי דִי מָאלֶעקוּלֶען זוֹיעֶרשְׁטָאף, דַארִיבֶּער שְׁפַּארֶען זֵיי זִיךְ דוּרְךְ גְרִינְגֶער דוּרְךְ דִי קְלֵיינֶע שְׁפַּאלְטֶעלֶעךְ, וָואס אִין דִי וֶואנְדְלִיךְ פוּן דֶעם לֵיימֶענֶעם רֶאהרֶעל ב אוּנ פַאלֶען אַרַיין אִין חָלָל, וָואס צְווִישֶׁען בֵּיידֶע רֶאהרְלֶעךְ; נָאכְהֶער קְלֵייבְּט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער וַאססֶערשְׁטָאף צוּנוֹיף אִין גְלָאז ז. דִי מָאלֶעקוּלֶען זוֹיעֶרשְׁטָאף אָבֶּער טְרָאגֶען זִיךְ אַוֶועק וַוייטֶער מִיט דִי וַאססֶערפַּארֶע אוּנ קְלֵייבֶּען זִיךְ צוּנוֹיף אוּנְטֶער דִי גְלָאז ן. אוֹיף אַזַא־נ־אוֹפֶן זַיינֶען שׁוֹין דִי זוֹיעֶרשְׁטָאף מִיט דִי וַאססֶערשְׁטָאף, בְּעֵת מִיר הֶערֶען זֵיי אוֹיף צוּ וַוארֶעמֶען, פַאנַאנְ־דֶערגֶעשֵׁיידְט, זֵיי קָאנֶען זִיךְ שׁוֹין דַארוּם נִיט פֶּערֵאיינִיגֶען אִיבֶּער אַנֵייעֶם אוּנ ווִידֶער וֶוערֶען וַאססֶער.

נוּ, אוֹיף הַיינְט אִיז גֶענוּג. אִיצְטֶער דַארְף מֶען אַבִּיסֶעל שְׁפִּילֶען אִין קָארְטֶען, אוֹיף דֶערוֹיף אִיז דָאךְ הַיינְט חֲנוּכָּה. פְרַייטִיג צוּ נַאכְט וֶועלֶען מִיר וַוייטֶער רֵיידֶען, דֶערוַוייל בִּיז פְרַייטִיג צוּנַאכְט קְלֶעהרְט פַאר זִיךְ אִיבֶּער אַלֶץ, וָואס אִיךְ הָאבּ דָא מִיט אַייךְ הַיינְט גֶערֶעדְט, טָאמֶער וֶועט אִיהר וָואס עֶס אִיז פֶערְגֶעסֶען, אָדֶער אִיהר וֶועט עֶפֶּעס נִיט קְלָאהר פֶּערשְׁטֶעהן, זָאלְט אִיהר מִיךְ פְרַייטִיג צוּ נַאכְט אִיבֶּערפְרֶעגֶען.

— אוּנ אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגֶען, לֶעהרֶער, אַז אִיךְ פֶּערשְׁטֶעה

אִיצְטֶער אויךְ נִיט... הָאט זִיךְ אַבְרָהָם אָפֶּען מוֹדֶה גֶעוֶוען. ווי אַזוי קוּמְט עֶס אַרוֹיס? אִיהר זָאגְט, אַז יֶעדֶער קָארְפֶּער בֶּעשְׁטֶעהט פוּן מָאלֶעקוּלֶען, אוּנ דִי מָאלֶעקוּלֶען פוּן אַטָאמֶען. דִי מָאלֶעקוּלֶען, זָאגְט אִיהר, רִיהרֶען זִיךְ אוּם, אוּנ דִי אַטָאמֶען אִין זֵיי אִינְוֶוענְדִיג רִיהרֶען זִיךְ אויךְ אוּם... בְּעֵת וַואסֶער וַוארֶעמְט זִיךְ, זָאגְט אִיהר, רִיהרֶען זֵיי זִיךְ אוּם אַלֶץ גִיכֶער אוּנ גִיכֶער...., דֶערְנָאךְ הוֹיבֶּען דִי אַטָאמֶען אִין דִי מָאלֶעקוּלֶען אִינְוֶוענְדִיג אויךְ אָן זִיךְ צוּ רִיהרֶען גִיכֶער... אוּנ דָאס וַואסֶער צוּטְהֵיילְט זִיךְ אויף וַואסֶערשְׁטָאף אוּנ זויעֶרשְׁטָאף... דָא הָאט זִיךְ אַבְרָהָם אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט.

— נוּ, אוּנ וָואס אִיז וַוייטֶער, אַבְרָהָם? הָאט דֶער לֶעהרֶער גֶעפְרֶעגְט. אִיהר דֶערצֶעהלְט דָאךְ דָאס אַלֶץ אִיבֶּער גָאר נִישְׁט קָשֶׁה, אִיךְ וֵוייס נִיט וָואס פֶערשְׁטֶעהט אִיהר דָא נִיט?

— דָאס אִיז אֲפִילוּ טַאקִי אַזוי, אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז דָאס מִיר עֶפֶּעס אַלֶץ נִיט קְלָאהר... אֶפְשַׁר וֶועט אִיהר דָאס מִיר עֶפֶּעס פְּרָאסְטֶער אַרַיינְדְרוּמְלֶען אִין מֹחַ, לֶעהרֶער? אִיהר גֶעדֵיינְקְט, פְּרַייטִיג צוּ נַאכְט הָאט אִיהר מִיר גֶעגֶעבֶּען דֶעם מָשָׁל מִיט דִי פְלִיגֶעלֶעךְ, הָאבּ אִיךְ דַאמָאלְס אויסגֶעצֵייכֶענְט פֶערשְׁטַאנֶען. אֶפְשַׁר הָאט אִיהר אִיצְט עֶפֶּעס אַ מָשָׁל?

— נוּ, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן מִיט אַייךְ? מֶען וֶועט שׁוֹין מוּזֶען אויפְזוּכֶען אַ מָשָׁל. דֶער לֶעהרֶער הָאט זִיךְ אויף אַ וַוייל פֶערְקְלֶעהרְט, נַאכְהֶער הָאט עֶר ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ רֶעדֶען.

נוּ, גוּט! שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, אַז אויף אַ חֲתוּנָה טַאנְצְט מֶען אַ רָאנְדָא, אַזֶעלְכֶער ווִי מֶען רוּפְט דָאס אִין דִי קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְטְלִיךְ. אַ שֶׁעמֶעלֶע. אִין דָארְף בַּיי דִי בּוֹיעֶרִין אִיז אויךְ פַאראַנֶען כְּמְעַט אַזַא טַאנְץ, זֵיי רוּפֶען דָאס אַ חָארָאוָואד. בַּחוּרִים מִיט מֶעדְלֶעךְ נֶעמֶען זִיךְ פַאר דִי הֶאנְד; מַאכֶען אַיין עִגוּל, אַ רָאד; כֵּלִי זֶמֶר שְׁפִּילֶען אוּנ מֶען דְרֶעהט זִיךְ. שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, אַז בַּחוּרִים אִיז דָא אויף דֶער חֲתוּנָה מֶעהר ווִי מֶעדְלֶעךְ; אויף יֶעדֶער מֶעדֶעל קוּמְט אוֹיס צוּ צְוֵוייא בַּחוּרִים, אָט אַקוּרַאט אַזוֹי ווִי אִין וַואסֶער קוּמְט אויס אויף יֶעדֶער אַטָאם זויעֶרשְׁטָאף צוּ צְוֵויי אַטָאמֶען וואסֶערשְׁטָאף...

— אָט צוּ וָואס אִיהר פִיהרְט דָאס! נוּ, גוּט! הָאט אַבְרָהָם

אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעטָאהן , צוּפְרִיעדֶען מִיט דֶעם, וָואס עֶר הָאט
גֶעטְרָאפֶען, וָואס דֶער לֶעהְרֶער ווִיל דָא אוֹיסבְּרֵיינְגֶען .
— אִיצְטֶער. לְמָשָׁל, הָאבֶּען דִי כְּלֵי זֶמֶר אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ
שְׁפִּילֶען אַ הָאפְּקֶע, אַ פְרֶעהלִיכְס. אַלֶעבֶּעדִיגְס, דִי שֶׁעמֶעלֶע אִיז
אַוֶועק פְרֶעהלִיכֶער , אוּנ וָואס פְרֶעהלִיכֶער, וָואס לֶעבֶּעדִיגֶער דִי
כְּלֵי זֶמֶר שְׁפִּילֶען דְרֶעהט זִיךְ דִי שֶׁעמֶעלֶע אַלְץ גִיכֶער...
— דָאס אִיז אַקוּרַאט אַזוֹי וִוי בַּיי אוּנְז אוֹיף אַ חֲתוּנָה, בְּעֵת
עוֹזֵר דֶער פִידְלֶער הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּילֶען אַ חֲסִידִישׁ הָאפְּקֶע, דַאמָאלְס
הֵייבֶּען זִיךְ גָאר דִי פִּיס אַלֵיין... הָאט הֶעשֶׁעל גֶעזָאגְט לַאכֶענְדִיג.
דַאמָאלְס טַאנְצְט מֶען נִיט, מֶען פְלִיהט...
— נוּ, אָט הָאבּ אִיךְ אַייךְ צוּגֶעטְרָאפֶען! הָאט דֶער לֶעהְרֶער
גֶעזָאגְט. אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעקְלֶעהְרְט, אַז אִיךְ וֶועל אַזוֹי רִיכְטִיג
צוּגְלַייבֶען. נוּ, שְׁטֶעלְט זִיךְ אִיצְטֶער פָאר, אַז אוּנְטֶער עוֹזֵר'ס
הָאפְּקֶע אִיז דִי שֶׁעמֶעלֶע אַוֶועק וִוי גֶעהֶערִיג; מֶען טַאנְצְט אוֹיף
וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֶעהט... מִיט אַמָאל הָאט זִיךְ אֵיינֶעם פוּן דִי
בַּחוּרִים פֶערגֶעלוּסְט זִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען אִין מִיטֶען רָאד אַ בֵּייגֶעלֶע,
נוּ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען פַאר'ן הַאנְד אַ מֶאדֶעל; נוּר אַזוֹי וִוי אוֹיף
יֶעדֶער מֶאדֶעל אִיז אוֹיסגֶעקוּמֶען צְוֵויי בַּחוּרִים אִיז דֶער אַנְדֶער
בָּחוּר אוֹיךְ אַוֶועק מִיט זֵיי; זַיינֶען זֵיי אִיצְטֶער אִין מִיטֶען רָאד
גֶעוֶועזֶען זַאלְבֶּע־דְרִיט: צְוֵויי בַּחוּרִים מִיט אַ מֶאדֶעל; זֵיי הָאבֶּען
אָנְגֶעהוֹיבֶּען טַאנְצֶען אוּנ אוֹיף זֵיי קוּקֶענְדִיג הָאט אַנְדֶערֶע אוֹיךְ
אָנְגֶענוּמֶען אַ חֵשֶׁק. אִין רָאד זַיינֶען אַרַיין נָאךְ 2 בַּחוּרִים מִיט אַ מֶאדֶעל
אוּנ נָאךְ זֵיי נָאךְ... בִּיז וַואנֶען דִי גַאנְצֶע רָאד הָאט זִיךְ צוּרִיסֶען
אוֹיף בֶּעזוּנְדֶערֶע בֵּייגֶעלֶעךְ, אוּנ אִין יֶעדֶער בֵּייגֶעלֶע אִיז גֶעוֶועזֶען
צוּ 2 בַּחוּרִים מִיט אַ מֶאדֶעל, וַוייל בַּחוּרִים אִיז דָאךְ גֶעוֶועזֶען צְוֵויי
מָאל מֶעהר וִוי מֶאדְלֶעךְ.
— דָאס וִוילְט אִיהר דָאךְ אַלְץ אוֹיסבְּרֵיינְגֶען אַנְטֶקֶעגֶען
וַואסֶער, יָא, לֶעהְרֶער? הָאט זִיךְ חַוֶּ'קֶע צוּלַאכְט. זִי הָאט בַּאלְד
פֶערשְׁטַאנֶען, וָואס דֶער לֶעהְרֶער מֵיינְט מִיט זַיין מָשָׁל, אָט דָאס
זֶעלְבֶּע קוּמְט דָאךְ פָאר, בְּעֵת וַואסֶער הֵייבְּט אָן זִידֶען...
— רִיכְטִיג, חַוֶּ'קֶע, אִיהר הָאט גֶעטְרָאפֶען! אָט וָואס פַאר
אַ גוּטֶען קָאפּ אִיהר הָאט! הָאט זִי דֶער לֶעהְרֶער גֶעלוֹיבְּט — דָאס

איז דאך טאקי אזוי; דאס זעלבע קומט פאר מיט וואסער, בעת מיר הייבען עס אן צו ווארעמען אפריהער. הייבען זיך אן די וואסער-מאלעקולען צו בעוועגען אלץ גיכער און גיכער... דערנאך רייסט זיך אב און פליהט אוועק אין דער לופט איין מאלעקול, נאכהער דער אנדערער, דער דריטער, דער פינפטער, דער צעהנטער... די קייטונגס-קראפט ווערט וואס ווייטער אלץ שוואכער און שוואכער, און נאכהער געהט די גאנצע וואסער איבער אין פארע, דאס הייסט, עס צוטהיילט זיך אויף איינצעלטע מאלעקולען, וועלכע זיינען שוין מיט קיין זאך מעהר ניט פערבונדען, אט אזוי ווי אין אונזער משל איז די שעמעלע צופאלען אויף בעזונדערע בייגעלעך; אויף דער חתונה איז אין יעדער בייגעלע געווען צוויי בחורים מיט איין מעדעל, אקוראט, אזוי ווי אין יעדער מאלעקול וואסער איז פאראנען צוויי אטאמען וואסער-שטאף און איין אטאם זויערשטאף.

— נו, און וואס איז ווייטער געווען אויף דער חתונה מיט די שעמעלע? דערצעהלט! האט אברהם געטריבען דעם לעהרער. איהם האט דאס משל פאראינטערעסירט.

— אויף דער חתונה ווערט דער טאנץ אלץ לעבעדיגער, וואס ווייטער שפילט אלץ עוזר לוסטיגער, לעבעדיגער און די בחורים מיט די מאדליך אין יעדער בייגעלע דרעהען זיך אלץ גיכער, נור אט האט מיט אמאל עוזר גענומען אויף'ן פידעל אזא בעהארצט פרעהליך שטיקעלע, אז ביי די בחורים האט זיך צושפילט דאס הארץ און זיי האבען זיך אוועק געלאזען צו 2, איינער אנטקעגען דעם אנדערען א קאזאצקע, צוזעצענדיג זיך. נו, און די מאדלעך זיינען שוין געווען פארמאטערט, זיי האבען זיך שוין גענוג אנגע-טאנצט; זיי זיינען אבגעגאנגען אן א זייט; יעדע האט זיך אויסגעזוכט איהר חברה'ע, זיי האבען זיך אנגענומען פאר די האנד און אנגעהייבען פאר-ווייס ארומשפאצירען איבערן זאל, בעת די בחורים האבען נאך געטאנצט זייער קאזאצקע איינער אנטקעגען דעם אנדערען. נו, גוטער קאפ, אדרבא טרעפט איצטער, וואס

פאר א גלייבענעס איז דאס צו וואסער? האט דער לעהרער זיך געווענדט צו חו'קען.

חו'קע האט א ווײלע געקלערט און האט אנגעהויבען:

— אזוי, דוכט זיך, וועט ארויסקומען ריכטיג. אט דאס, וואס איהר זאגט, אז עוזר האט געשפילט א לעבעדיגע האפקע, פון וועלכע די בחורים האבען זיך אוועקגילאזען א קאזאצקע און די מאדלעך האבען זיך אנגעהויבען פון זיי אבטהיילען — אט דאס, קומט ביי מיר אוים, איז אקוראט ווי עם צוטהיילען זיך די אטאמען פון וואסער־פארע, בעת מען טרייבט זיי דורך דאס אנגעברענטע ראהרעל. אין יעטווידער ביינגעלע, זאגט איהר, זיינען דאך גיוועזען 2 בחורים מיט איין מאדעל, אט אזוי ווי אין יעטווידער מאלעקול וואסערפארע זיינען פאראנען 2 אטאמען וואסערשטאף און איין אטאם זויערשטאף. נו, און אז די מאדלעך זוועלען אוועקגעהן פון די בחורים, וועט דאך אין יעדער ביינגעלע בלייבען נור צוויי בחורים, אט אקוראט אזוי ווי אין יעדער מאלעקול וואסערשטאף איז דא נור 2 אטאמען, בעת אז דער זויערשטאף טהיילט זיך פון איהם אב. און דאס, וואס איהר זאגט, אז די מאדלעך האבען זיך פאר־וויים גענומען פאר די הענד און אנגעהויבען ארומשפאצירען איבער'ן שטוב, מיינט איהר דאס, מסתמא, אז די אטאמען זויערשטאף האבען נאכדעם, ווי זיי האבען זיך אבגעטהיילט פון די אטאמען וואסערשטאף, זיך אויך צוזאמענגענומען אין מאלעקולען, און אין יעטווידער מאלעקול זייערען איז אויך געוועזען צו צוויי אטאמען.

— גוט, חו'קע, גוט! איך האב זיך ניט געריכט, אז איהר זאלט דאס אליין אזוי גוט פערשטעהן און איהר זאלט נאך קאנען אנדערע ערקלעהרען. בראווא! אז איהר וואלט לערנען, וואלט איהר אפילו דערגעהן — האט דער לעהרער געזאגט מיט היטץ.

— גוט, חו'קע! האט אברהם זיך אויך אבגערופען, איך האב אליין דעם משל ניט גיקאנט טרעפען. נו, לעהרער! אבער ניט איהר א בריה משלים צו זאגען! א כפרה א מגיד!

– נו, זָאל זַיין גֶענוּג! אִיצְטֶער לָאמִיר מַאכֶען אַיין אָקָא אָדֶער אַ זֶעכְּם־אוּנ־זֶעכְצִיג, הָאט דֶער לֶעהרֶער גֶעזָאגְט.

– נַיין, מִיר הָאבֶּען שוֹין קַיין צַייט נִיט, הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען הֶעשֶׁעל. דֶער זֵייגֶער אִיז שוֹין הַאלְבּ 11 אוּנ מָארְגֶען 5 פַאר טָאג וֶועט מֶען אַוֶועקְלָאזֶען דִי מִיהל. מִיר מוּזֶען שוֹין גֶעהן שְׁלָאפֶען.

עֶנדע דאס צווייטע אבענד.

דער דריטער אבענד.

וואס הייסט ברענען?

שבת צו נאכט א זייגער 7. די קריסטליכע ארבייטער שטעהען נאך אין מיהל. די יודישע זיצען אין קיך. זיי זיינען נאך אנגעטאהן שבת'דיג.

זיי זיצען אללע איצטער אין קיך און ווארטען אויפ'ן לעהרער. ער האט זיי צוגעזאגט היינט צו ערקלעהרען וואס הייסט ברענען. חוה'קע איז אויך דא; זי העלפט חנה'ן קאכען וועטשערע. דער לעהרער איז אריין.

— גוט וואס איהר זייט געקומען! האט מלך געזאגט. מיר זיינען איצטער אויסגעשלאפען, דער קאפ איז קלאהר, וועט אייך זיין לייכטער צו ריידען מיט אונז. מיר וועלען בעססער פערשטעהן.

— גוט, האט דער לעהרער געענטפערט. האט איהר אבער אלץ פערשטאנען, וואס איך האב מיט אייך יענעם מאל גערעדט? געדענקט איהר עס נאך?

— יא, מיר האבען פערשטאנען, מיר געדענקען, האבען אללע געענטפערט.

— איהר ווייסט דאך שוין, האט דער לעהרער אנגעהויבען — אז ווען מען פערברענט וואססערשטאף און זויערשטאף, פעראייניגען זיך די ביידע שטאפען און עס ווערט פון זיי איין צונויפגעזעטצטער קארפער — וואססער. אויף אזא־נ־אופן קאנען מיר געוויס זאגען, אז פערברענען וואססערשטאף הייסט — פעראייניגען איהם מיט זויערשטאף. לאמיר אקארשט אקוק טאהן, צו קומט ניט פאר די זעלבע זאך אויך, בשעת מען פערברענט וועלכען עס איז איין אנדער קארפער אין זויערשטאף.

אַז מִיר וֶועלֶען נֶעמֶען, לְמָשָׁל, אַ קְלֵיין שְׁטִיקֶעל גְלִיהֶענְדֶען קָאהל אוּנ מִיר וֶועלֶען עֶס אַרֵיינְוַוארְפֶען אִין אַ פְלַאשׁ מִיט זוִיעֶר־שְׁטָאף, וֶועט זִיךְ עֶס פַאנַאנְדֶער בְּרֶענֶען מִיט אַ הֶעל שְׁטַארְקֶען פְלַאם; עֶס וֶועט פֶערְבְּרֶענְט וֶוערֶען אוּנ פוּן אִיהם וֶועט זִיךְ גָאר נִישְׁט אָבְּשְׁטֶעלֶען. אַז מִיר וֶועלֶען אַרֵיינְוַוארְפֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעל קָאהל, וֶועט עֶס אוֹיךְ פֶערְבְּרֶענְט וֶוערֶען. אֶפְשַׁר מֵיינְט אִיהר, אַז מֶען קָאן אִין דִי פְלַאשׁ זוֹיעֶרשְׁטָאף אַרֵיינְוַוארְפֶען וִויפִיעל גְלִיהֶענְדֶע קָאהלֶען מֶען וִויל, אוּנ זֵיי וֶועלֶען אַללֶע פֶערבְּרֶענְט וֶוערֶען? נֵיין, אֵיין קָאהל אָדֶער צְוֵויי, אוֹיב דִי פְלַאשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶע אִיז דְרַיי, וֶועלֶען פֶערבְּרֶענְט וֶוערֶען; נַאכְהֶער אָבֶּער, מֶאגְט אִיהר וַוארְפֶען וִויפִיעל גְלִיהֶענְדֶע קָאהלֶען אִיהר ווִילְט, וֶועלֶען זֵיי אַללֶע פֶערלָאשֶׁען וֶוערֶען. אַז אִיהר וֶועט אִיצְטֶער אַרָאבְּלָאזֶען אַיין אָנְגֶעצוּנְדֶענֶע שְׁוֶועבֶּעלֶע אִין פְלַאשׁ, וֶועט זִי אוֹיךְ פֶערלָאשֶׁען וֶוערֶען. פְרִיהֶער־שְׁטֶע, אֵיידֶער מִיר הָאבֶּען אִין דֶעם זוֹיעֶרשְׁטָאף פַארבְּרֶענְט דִי שְׁטִיקֶעלֶעךְ קָאהל, אִיז נִיט נוּר וָואס אֵיין אָנְגֶעצוּנְדֶענֶע שְׁוֶועבֶּעלֶע, אֲפִילוּ אַ גְלִיהֶענְדֶע קִינֶעלֶע הָאט זִיךְ אוֹיךְ אִין אִיהם שְׁטַארְק פַארנַאנְדֶער גֶעבְּרֶענְט. אַפָּנִים אַז אִין פְלַאשׁ אִיז שׁוֹין אִיצְטֶער קֵיין זוֹיעֶרשְׁטָאף מֶעהר נִיט דָא; דֶער זוֹיעֶרשְׁטָאף אִיז אִירְגֶענְדְווָאוּ פַארשְׁווָאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען, בְּעֵת דִי קָאהלֶען זַיינֶען פֶערבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען. נָאר דִי קָאהלֶען אַלֵיין זַיינֶען דָאךְ אוֹיךְ פֶערשְׁווָאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען? אִין פְלַאשׁ אִיז אִיצְט נִיט דָא נִיט קֵיין זוֹיעֶרשְׁטָאף נִיט קֵיין קָאהלֶען; עֶס אִיז דָא אַ גַאז, וֶועלְכֶער אִיז נִיט אֶהנְלִיךְ נִיט צוּ דֶעם הַארְטֶען קֶערְפֶּער קָאהלֶען, נִיט צוּ דֶעם גַאז זוֹיעֶרשְׁטָאף; אִין זוֹיעֶרשְׁטָאף קָאן דָאךְ אַיין אַנְדֶער קֶערְפֶּער בְּרֶענֶען אוּנ אִין דֶעם גַאז, וָואס מִיר הָאבֶּען אִיצְט אִין פְלַאשׁ, וֶוערְט יֶעדֶער בְּרֶענֶענְדֶער קֶערְפֶּער פֶערלָאשֶׁען, וָואס אִיז דָאס פַאר אַ מַעֲשֶׂה? וואוּ זַיינֶען אַהִין גֶעקוּמֶען דִי קוֹילֶען מִיט דֶעם זוֹיעֶרשְׁטָאף אוּנ פוּן וַואנֶען הָאט זִיךְ דֶער נַייעֶר גַאז גֶענוּמֶען? דִי מַעֲשֶׂה דֶערפוּן אִיז פְּרָאסְט: דֶער זוֹיעֶרשְׁטָאף מִיט דִי קָאהלֶען הָאבֶּען זִיךְ פֶעראֵיינִיגְט אוּנ פוּן זֵיי בֵּיידֶע אִיז גֶעוָוארֶען אַ נַייעֶר צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶער קֶערְפֶּער. קָאהלֶענשְׁטָאף (קָאהל), דַארְפְט אִיהר ווִיסֶען, אִיז אַיין אֵיינְפַאכֶער קֶערְפֶּער; אַללֶע זַיינֶע מָאלֶעקוּלֶען בֶּעשְׁטֶעהֶען דוּרכְאוֹיס פוּן אַיינֶע אוּנ דִיזֶעלְבֶּע אַטָאמֶען.

בעת דאס שטיקעל קאהל האט זיך אין דעם זויערשטאף שטארק פאנאנדער געברענט, זיינען זיינע מאלעקולען דורך די וואַרעמקייט צופאלען אויף איינציגע אטאמען. די מאלעקולען פון דעם זויער-שטאף זיינען דורך די וואַרעמקייט אויך צופאלען; נאכהער האבען זיך די אטאמען קאהלענשטאף פעראייניגט מיט די אטאמען זויער-שטאף אין נייע מאלעקולען, וועלכע האבען שוין אין זיך אטאמען פון ביידע שטאפען. פריהער איז יעדער מאלעקול זויערשטאף בעשטאנען נאר פון אטאמען זויערשטאף, און יעדער מאלעקול קאהלענשטאף נאר פון אטאמען קאהלענשטאף: זויערשטאף און קאהלענשטאף, זיינען ביידע איינפאכע קערפער. אין דעם נייען גאז, וואס מיר האבען בעקומען, געפינען זיך אין יעדער מאלעקול צוויי אטאמען זויערשטאף און איין אטאם קאהלענשטאף. פון 2 איינפאכע קערפער: פון הארטען קאהלענשטאף און פון לופט-פארמיגען זויערשטאף האבען מיר בעקומען איין צוזאמענגעזעצטען קערפער, א נייעם גאז קאהלענזייערע, וועלכע איז ניט אהנליך ניט צו זויערשטאף, ניט צו קאהלענשטאף. דעם גאז רופט מען קאהלענזייערע, ווייל זיינע בעשטאנדטהיילען זיינען קאהלען-שטאף און זויערשטאף. אין קאהלענזייערע קאן קיין קערפער ניט ברענען, און קיין לעבעדיג זאך ניט אטהעמען; יעדער ברענענדער קערפער מוז אין איהר פערלאשען ווערען און יעדער לעבעדיג זאך שטארבען. קאהלענ-זייערע איז שווערער פאר אונזער לופט, דאריבער קלייבט זי זיך צונויף אויפ'ן גרונד פון טיעפע ברינעמער, אין די שאכטען, קאהלענגריבער און דער גלייכען.

— איהר זאגט, האט זיך מלך אבגערופען, אז אין דעם זויערשטאף ווארפט מען אריין א גליהענדען קאהל. דעם פאריגען מאל, געדיינק איך, האט איהר געזאגט, אז אין פלאש זויערשטאף לאזט מען אריין א ראהרעל אנגעצונדענעם וואססערשטאף. ווי וועט זיין אז מען וועט אראבלאזען אין פלאש א קאלטע שטיקעל קאהל אדער ניט קיין אנגעצנדענעם וואססערשטאף, וועלען זיי זיך אויך פעראייניגען מיט דעם זויערשטאף אדער ניט?

— ניין! אין א קאלטען שטיקל קאהל, אין קאלטען וואססער-

שטאף זיינען דאך נאך די אטאמען פערבונדען אין מאלעקולען. בעוועגענדיג זיך געהט קיין אטאם ניט אריבער די גרענעץ פון זיין מאלעקול, אונ די אטאמען פון איין מאלעקול צומישען זיך ניט מיט די אטאמען פון די איבעריגע מאלעקולען, וואס געבען זיי. טא ווי אזוי שוין וועלען זיך די אטאמען פון דעם וואסערשטאף אדער פון דעם קאהלענשטאף פעראייניגען מיט די אטאמען פון דעם זויערשטאף, אז זיי געהען קיינער ניט אריבער די גרענעץ פון זייער מאלעקול? בעת מען צינדט אבער אן דעם וואסערשטאף אדער מען צוגליהט דעם קאהלענשטאף, ווערט דורך די ווארעמקייט זייער קיטונגסקראפט שלאף, אונ די אטאמען צופליהען זיך. די מאלעקולען פון דעם זויערשטאף צופאלען אויך אויף איינצעלטע אטאמען, דאמאלס קאנען שוין די אטאמען פון דעם וואסערשטאף אדער פון דעם קאהלענשטאף זיך פעראייניגען מיט די אטאמען זויערשטאף אין נייע, צוזאמענגעזעצטע מאלעקולען. ווען מען וויל צוויי קארפער פעראייניגען, מוז מען פריהער פאנאנדער נעהמען זייערע מאלעקולען, די אטאמען זאלען ווערען פריי.

— איך פערשטעה ניט, האט העשעל געפרעגט. איך האר אלץ, ווי איהר זאגט דא קאהלענשטאף. צו וואס דארפט איהר אזא מאדנעם נאמען? רופט עם פראסט קאהלען אונ גענוג.

— איהר מוסט וויסען, אז ניט נור קאהלען אליין זיינען קאהלענשטאף. עס זיינען דא נאך צוויי קארפער, וועלכע זיינען ניט אין זייער געשטאלט, ניט אין זייערע אייגענשאפטען ניט אהנליך צו די קאהלען וואס מיר וויסען אונ דאך בעשטעהען זיי אויך פון ריינעם קאהלענשטאף. עס איז פאראנען א קארפער גראפיט, דאס איז א טונקעל-גרויער, הארטער קארפער; ער איז ניט דורכלויכטיג אונ מען קאן מיט איהם שרייבען אויף פאפיר; פון גראפיט מאכט מען בלייפעדער.

פאראנען נאך א קארפער, אסך א טהייערער ווי גראפיט — א דימאנט. דאס איז א דורכלויכטיגער הארטער שטיין; ער איז דער הארטסטער פון אללע קארפער, וועלכע מיר וויסען. ער שנייט גלאז. איהם אליין קאן מען מיט קיין אנדער קארפער

נִיט שניידען. א געשליפענער דימאנט רופט זיך בריללִיאנט אונ ער קאסט זעהר טהייער. די זונן-שטראהלען שפיגלען זיך אב אין א בריללִיאנט פראכטפאל אין אלערליי קאליערען; ער האט דארום זעהר א שטארקען אונ הערליכען גלאנץ. עס זיינען דא בריללִיאנטען, וואס קאסטען צו עטליכע הונדערט טויזענד רובעל. איהר האט זיי געוויס ניט געזעהן; זעהר גרויסע גבירים בענוצען זיי אלס ציהרונג. קליינע שטיקעליך דימאנט האט איהר געוויס געזעהן ביי די גלאזער; זיי שניידען דערמיט גלאז. נו' איז אט דער טונקעל-גרויער גראפיט אונ דער גלאנצענדער דימאנט בעשטעהען ביידע דורכאויס פון דעם זעלבען שטאף, וואס פראסטע קאהלען. אט דער שטאף, פון וועלכען די אללע דריי פערשיעדענע קארפער בעשטעהען, רופען די געלעהרטע קאהלענשטאף.

- פון וואנען וויים מען דאס? האט חנה געפרעגט. אפשר בעשטעהט גאר יעדערער פון זיי גאר פון איין אנדער מין שטאף?

—די געלעהרטע האבען זיך דאס לייכט דערוואוסט. אללע דריי קארפער: קאהלען, דימאנט אונ גראפיט קאנען ברענען אין זויערשטאף אונ נאכ'ן פערברענען בעקומען מיר פון זיי אללעמען איינעם אונ דעם זעלבען גאז: קאהלענזייערע. ווען מיר וועלען בעהמען די אללע דריי קארפער אין גלייכער וואג, למשל, א זאלאטניק קאהלען, א זאלאטניק גראפיט אונ א זאלאטניק דימאנט אונ מיר וועלען זיי פערברענען, יעדערן אין א בעזונדער פלאש זויערשטאף, וועלען מיר אין אללע דריי פלאשער בעקומען א גלייכע וואג קאהלענזייערע. איהר ווייסט דאך שוין, אז קאהלענזייערע איז צוזאמענגעזעצט פון קאהלענשטאף אונ פון זויערשטאף. נו, בילא זויערשטאף איז אין די פלאשער פריהער געוועז; פון וואנען אבער האט זיך גענומען אין אללע דריי פלאשער דער קאהלען-שטאף? פערשטעהט זיך, אז ניט אנדערש, ווי פון דעם דימאנט, דעם גראפיט אונ פון די קאהלען. הייסט עס, אז דימאנט, גראפיט אונ קאהלען בעשטעהען אללע דריי פון ריינעם קאהלען-שטאף.

— איך פערשטעה ניט, האט ווידער חנה געפרעגט, איהר

זאגט, אז קאהלען, דימאנט און גראפיט בעשטעהען אללע דורכאויס פון איין שטאף, וועלכען די געלעהרטע רופען אן קאהלען־שטאף. פאר וואס־שזע האט דער שטאף אייערער אמאל די געשטאלט פון שווארצע קאהלען, אמאל פון טונקעל־גרויען גראפיט און אמאל גאר פון א טהייערען דימאנט? קאן דען מגולגל ווערען דער שטאף, וואס?

— די געלעהרטע מיינען, אז די מעשה דערפון איז אזוי: איהר ווייסט דאך שוין, אז יעדער קארפער בעשטעהט פון מאלעקולען, און די מאלעקולען ווידער פון אטאמען. אין איין איינפאכען קארפער בעשטעהען אללע מאלעקולען פון איינע און די זעלבע אטאמען. אויף אזא.נ.אופן קומט אויס, אז ווען צוויי קארפער בעשטעהען ביידע דורכאויס פון אהנליכע אטאמען, דארף צווישען זיי קיין שום אונטערשייד ניט זיין. פאר וואס טרעפט זיך אז צוויי איינפאכע קארפער, וועלכע בעשטעהען ביידע פון איינע און דיזעלבע אטאמען, זיינען דאך גאר ניט אהנליך איינער צו דעם אנדערען? ניט אנדערש, נור אז זיי שיידען זיך אונטער אין זייערע מאלעקולען. דער שטאף פון די מאלעקולען איז טאקי איינער און דערזעלבער, זייערע אטאמען זיינען אין גאנצען אהנליכע; נור די צאהל אטאמען אין די מאלעקולען קאן דאך זיין ניט קיין גלייכער; עס קאן זיין אין יעדער מאלעקול נור 2 אדער 3 אטאמען, נור עס קאן דאך אויך זיין צו 100 אדער 200 און נאך מעהר אטאמען אין יעדער מאלעקול. היינט אז אין איין קארפער וועלען די מאלעקולען האבען צו 2 אדער 3 אטאמען און אין די מאלעקולען פון דעם אנדער קארפער וועט זיין צו 100 אדער 200 אטאמען, פארשטעהט זיך, אז אזעלכע 2 קארפער וועלען ניט זיין אהנליך איינער צו דעם אנדערען, ניט אין זייער געשטאלט, ניט אין זייערע איינענשאפטען, חאטש זיי וועלען ביידע בעשטעהן פון איינע און די זעלבע אטאמען. אט דערמיט ערקלעהרען די געלעהרטע דעם אונטערשייד צווישען קאהלען, דימאנט און גראפיט. זיי בעשטעהען אללע דריי פון דעם זעלבען איינפאכען קארפער: קאהלענשטאף; זייערע אטאמען זיינען אין גאנצען אהנליך איינער צו דעם אנדערען, זייערע מאלעקולען אבער שיידען זיך אונטער איינער

פוּן דֶעם צווייטען אִין דִי צָאהל אַטָאמֶען. אָט דַארִיבֶּער זַיינֶען דִי קֶערְפֶּער גָאר נִיט אֶהנְלִיךְ אֵיינֶער צוּ דֶעם אַנְדֶערֶען נִיט אִין זַייעֶר אויסווֶענִיגְסְטֶע גֶעשְׁטַאלְט, נִיט אִין הַארְטַקַייט אוּנ דוּרְכְ־לויכטִיגְקַייט, נִיט אִין אַללֶע אִיבֶּערִיגֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען. אִין אַ מָאלֶעקוּל קָאהל אִיז פַארַאנֶען אֵיין צָאהל אַטָאמֶען, לְמָשָׁל 10; אִין אַמָאלֶעקוּל גְרַאפִּיט אַיין אַנְדֶערֶע, לְמָשָׁל 20, אוּנ אִין אַ מָאלֶעקוּל דִימַאנְט אַ דְרִיטֶע, לְמָשָׁל 30. אָט דַאֲרִיבֶּער אִיז דֶער זֶעלְבֶּער קָאהלֶענְשְׁטָאף אִין עֶרְשְׁטֶען פַאל אַ פְּרָאסְטֶער קָאהל; אִין צְווייטֶען פַאל אַ גְרַאפִּיט אוּנ אִין דְרִיטֶען אַ הַארְטֶער גְלֶענְצֶענְדֶער דִימַאנְט. ווִי אִיהר הָאט שׁוין פְּרִיהֶער גֶעהֶערְט, גֶעשֶׁעהט דָא מִיט קָאהלֶענְשְׁטָאף, בְּעֵת עֶר ווֶערְט פֶּערְבְּרֶענְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווָאס מִיט וַואססֶערשְׁטָאף. דֶער קָאהלֶענְשְׁטָאף ווֶערְט פֶּערְזוֹיעֶרְט, דָאס הֵייסְט, זַיינֶע אַטָאמֶען פֶּעראֵיינִיגֶען זִיךְ מִיט דִי אַטָאמֶען זויעֶרשְׁטָאף אִין מָאלֶעקוּלֶען פוּן גָאר אַ נַייעֶם צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶען קֶערְפֶּער: קָאהלֶענְזַייעֶרֶע. אויף אַזַא־נְ־אוֹפֶן קָאנֶען מִיר דָא אויךְ זָאגֶען, אַז פֶּערבְּרֶענֶען קָאהלֶענְ־שְׁטָאף הֵייסְט־פֶּעראֵיינִיגֶען אִיהם מִיט זויעֶרשְׁטָאף.

שְׁוֶועבֶּעל הָאט אִיהר אַלֶּע גֶעווִיס גֶעזֶעהֶען: דָאס אִיז אַיין אֵיינְפַאכֶער קֶערְפֶּער: זַיינֶע מָאלֶעקוּלֶען בֶּעשְׁטֶעהֶען דוּרכְאוֹיס פוּן אֵיינֶע אוּנ דִיזֶעלְבֶּע אַטָאמֶען; אִין לוּפְט בְּרֶענְט עֶר מִיט זֶעהר אַ שְׁלַאפֶּען פְלַאם. אַז מִיר ווֶעלֶען אָנְצִינְדֶען אַשְׁטִיקֶעל שְׁוֶועבֶּעל אוּנ אַרַיינְוַוארְפֶען עֶס אִין אַפְלַאשׁ מִיט זויעֶרשְׁטָאף, ווֶעט עֶס זִיךְ פַאנַאנְדֶערבְּרֶענֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶען הֶעלְבְּלוֹיעֶן פְלַאם אוּנ ווֶעט אִין גַאנְצֶען פֶּערְבְּרֶענְט ווֶערֶען. אִין פְלַאשׁ ווֶעט שׁוין אָבֶּער אִיצְט מֶעהר קֵיין זויעֶרשְׁטָאף נִיט זַיין; דָארְטֶען ווֶעט זַיין אַ גִיפְטִיגֶער גַאז מִיט אַ שַׁארְפֶען עֶרשְׁטִיקֶענְדֶען גֶערוּךְ; אַזַא גֶערוּךְ פִיהלֶען מִיר בְּעֵת מֶען צִינְדְט־אָן אַ שְׁוֶועבֶּעלֶע, ווַייל דַאמָאלְס בִּילְדֶעט זִיךְ אויךְ דֶער זֶעלְבֶּער גַאז. דִי מָאלֶעקוּלֶען זויעֶרשְׁטָאף מִיט דִיא מָאלֶעקוּלֶען שְׁוֶועבֶּעל זַיינֶען דוּרְךְ דִי וַוארֶעמְקַייט צוּפַאלֶען אויף אֵיינְצֶעלְנֶע אַטָאמֶען, אוּנ דִי אַטָאמֶען פוּן דִי בֵּיידֶע שְׁטָאפֶען הָאבֶּען זִיךְ פֶּעראֵיינִיגְט אִין מָאלֶעקוּלֶען פוּן אַ נַייעֶם צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶען קֶערְפֶּער שְׁוֶועבֶּעלזַייעֶרֶע אָדֶער שְׁוֶועבֶּעלְגַאז. יֶעדֶער מָאלֶעקוּל שְׁוֶועבֶּעל־זַייעֶרֶע בֶּעשְׁטֶעהט פוּן 2 אַטָאמֶען זויעֶר.

שטאף און איין אטאם שוועבעל: ער איז געבויט אקוראט אזוי ווי א מאלעקול קאהלענזייערע. נור אנשטאט איין אטאם קאהלענשטאף איז דא פאראנען איין אטאם שוועבעל. ווי איהר זעהט, איז פערברענען שוועבעל הייסט אויך פעראייניגען עס מיט זויערשטאף. און וועלכען ברענענדען קארפער מיר זאלען ניט אנכאפען, וועלען מיר אומעטום זעהן דאס זעלבע, בעת ברענען פעראייניגען זיך די אטאמען פון דעם ברענענדען קארפער מיט די אטאמען זויערשטאף און זיי בילדען א נייעם צוזאמענגעזעצטען קארפער; אין יעטוועדער מאלעקול פון דעם צוזאמענגעזעצטען קארפער זיינען שוין פאראנען צוזאמען אי אטאמען זויערשטאף אי אטאמען פון דעם איינפאכען קארפער, וועלכען מיר האבען פערברענט. מיר קאנען שוין דארום איצטער בכלל זאגען, אז ברענען איז ניט קיין אנדער זאך ווי דאס, וואס דער ברענענדער קארפער פעראייניגט זיך מיט זויערשטאף, אדער, ווי די געלעהרטע דריקען זיך אויס, ער ווערט פערזויערט.

— דאס איז דאך אלץ גוט אין זויערשטאף. ווי ברענט אבער א קארפער אין לופט? — האט מלך געפרעגט — דארטען איז דאך שוין קיין זויערשטאף ניט דא? ווי אזוי אטהעמען מיר אין לופט? איהר האט דאך אונז געזאגט, אז אהן זויערשטאף קאן קיין קארפער ניט ברענען און קיין לעבעדיגע זאך ניט אטהעמען?

— אין אונזער לופט, פארשטעהט איהר מיך — האט דער לעדרער געענטפערט — איז אויך דא זויערשטאף, נור ער איז דארטען צומישט מיט איינינע אנדערע גאזען, אט דארום קאנען מיר אין לופט אטהעמען און אנצינדען פייער. אין לופט וואו דער זויערשטאף איז צומישט מיט אנדערע גאזען, איז ווי דאס אטהעמען אזוי דאס ברענען א סאך שוואכער און לאנגזאמער ווי אין ריינעם זויערשטאף. איהר האט דאך שאן געזעהן, אז יעדער אנגעצונדענער קארפער ברענט זיך שטארקער פאנאנדער און ווערט גיכער פערברענט, ווען מיר לאזען איהם אריין אין א פלאש מיט ריינעם זויערשטאף. א פליג בעוועגט זיך און אטהעמט אויך אין ריינעם זויערשטאף גיכער ווי אין לופט.

— מיט וועלכע גאזען איז דער זויערשטאף אין אונזער לופט

צומישט ? האט חוק'ע געפרעגט .

דיא הויפט מאססע פון אונזער לופט – האט דער לעהרער געענטפערט – , בעשטעהט פון זויערשטאף און פון שטיקשטאף, אדער ווי מען רופט איהם אנדערס אזאט . וואס זויערשטאף איז, ווייסט איהר דאך שוין . שטיקשטאף אדער אזאט איז א גאז, וועלכער האט ניט קיין טעם ניט קיין ריח, אזוי ווי די גאזען זויערשטאף און וואססערשטאף . ער ברענט אליין ניט, און קיין אנדער קארפער קאן אין איהם אויך ניט ברענען : קיין לעבעדיגע זאך קאן אין איהם ניט אטהעמען . אזאט פעראייניגט זיך זעהר שווער מיט אנדערע קארפער, און בעת דער זויערשטאף פון לופט פעראייניגט זיך, למשל, מיט א ברענענדען קארפער, בלייבט דער אזאט, וואס נעבען איהם, אהן א שום פעראנדערונג, ווי געוועזן . אין אונזער לופט איז פאראנען אזאט מעהר ווי זויערשטאף: אויף 100 פונט לופט קומט אויס לערך 77 פונט אזאט און נור 23 פונט זויערשטאף . אין אומפאנג *) קומט אויס אין אונזער לופט אויף 4 חלקים אזאט איין חלק זויערשטאף . דאס הייסט : דער זויערשטאף פארנעהמט אין אונזער לופט פיער מאל וועניגער ארט ווי דער אזאט . חוץ די ביידע גאזען געפינט זיך נאך אין לופט שטענדיג וואססערפארע און אביסעל קאהלענזייערע . עס זיינען דא אין לופט נאך אנדערע קארפער . נור אין אזא קליינער אונבעדייטענדער מאססע, אז עס לוינט גאר וועגען זיי ניט צו ריידען די גאזען זיינען אין אונזער לופט ניט פעראייניגט אזוי ווי וואססערשטאף מיט זויערשטאף זיינען פעראייניגט אין וואססער ; זיי זיינען נור צומישט .

---

1) אומפאנג רופט זיך דאס גאנצע ארט , וואס א קארפער פערנעהמט אין דער לענג , אין דער ברייט און אין דער הויך . לאמיר אנחאפען למשל א קעסטעל, וועלבע האלט איין ארשין די לענג, איין ארשין די ברייט , און איין ארשין דיא הויך . אז מיר שטעלען אזא קעסטעל אוועק אין צימער פארנעהמט עס איין ארשין אין דער לענג פון צימער , איין ארשין אין זיין ברייט און איין ארשין אין זיין הויך , אדער ווי די געלעהרטע דריקען זיך אויס : עס פארנעהמט א קוביק ארשין . אט דער קוביק ארשין וואס דאס קעסטעל פארנעהמט אין צימער , רופט זיך : דער אומפאנג פון קעסטעל .

— איך פערשטעה ניט — האט זיך אפגערופען מלך, — וואס איז דיא נפקא מינה צווישען צומישען און פעראייניגען. עס איז דוכט זיך אלץ איינס?

— צווישען צומישען און פעראייניגען איז זעהר א גרויסע נפקא מינה. אז מיר וועלען נעהמען א שטיקעל קרייד מיט א שטיקעל קאהל, מיר וועלען זיי צושטויסען אין א פראשעק און צוזאמענמישען, דאמאלס וועט יעדערער קאנען לייכט ערקענען, וועלכע ברעקעלע איז קאהל, און וועלכע איז קרייד, ווייל קרייד איז ווייס און קאהל איז שווארץ. אז מיר נעהמען צומישען צוויי ווייסע פראשקעס, דהיינו צושטויסענעם צוקער מיט צושטויסענע קרייד, וועלען מיר שוין אויפ'ן קוק ניט קאנען אונטערשיידען וועלכע ברעקעלע איז צוקער, און וועלכע איז קרייד, דאך קאן מען זיך אין דעם פאל אויך לייכט ערקונדיגען, אז דא זיינען צומישט צוקער מיט קרייד: ווען מען זאל אריינשיטען אזא צומישטען פראשעק אין וואסער און גוט צוטרייסלען וועט דער צוקער צוגעהן, דאס הייסט, ער וועט זיך צולאזען אין וואסער, און דער קרייד וועט זיך אפשטעלען אויפ'ן דעק פון גלאז: ווייל קרייד צולאזט זיך ניט אין וואסער. וואס פאר א צומישונג מיר זאללען ניט נעהמען, קאן מען זי אלץ גרינגער אדער שווערער צוטהיילען אויף די שטאפען, פון וועלכע זי איז אויפגעשטעלט. אז מיר וועלען צומישען וואסער מיט שפירט, וועלען מיר בעקומען בראנפען. אין בראנפען קאן מען אויפ'ן קוק ניט אבטהיילען דאס וואסער פון דעם שפירט: וועלכע ביסעל בראנפען מיר זאלען ניט אננעהמען, וועט עס אלץ זיין צומישט פון שפירט מיט וואסער; דאך קאן מען דערקענען, אז בראנפען איז א צומישונג פון שפירט מיט וואסער, ווייל אין אללע זיינע אייגענשאפטען איז ער אהנליך צו די ביידע פליסיגע קארפער. אז דא איז פאראנען שפירט, פיהלט מען שאן אן ריח: אויפ'ן זאג איז בראנפען שווערער פאר שפירט און גרינגער פאר וואסער. מיט אייןווארט, נאך אללע זיינע אייגענשאפטען פארנעהמט בראנפען עפעס אזוי ווי איין ארט אין מיטטען צווישען שפירט און צווישען וואסער. אזוי איז עס אויך מיט יעדער

צומישונג: נאָך אידרע איינגענשאַפּטען איז זי שטענדיג כּמעט אֶהנליך צו די שטאָפּען, פון וועלכע זי איז אויפגעשטעלט. אַזאַ צומישונג רופען די געלעהרטע אָן אַ מעכאַנישע. גאָר אַנדערש איז עס אָבער בעת 2 שטאָפען פעראייניגען זיך חעמיש, אָט אַזוי ווי זויערשטאָף פעראייניגט זיך מיט וואססערשטאָף, קאָהלענשטאָף, שוועבעל מיט אַנדערע קערפּער, בעת׳ן ברענען. דאָ ווערט פון צוויי פערשיעדענע איינפאַכע קערפּער איין נייער צוזאַמענגעזעצטער, וועלכער איז גאָר ניט אֶהנליך צו די קערפּער, פון וועלכע ער איז אַרויסגעקומען. זויערשטאָף און וואססערשטאָף זיינען ביידע גאַזען: איינער ברענט אַליין און אין דעם צווייטען קאָנען אַללע אַנדערע ברענען; און אַז זיי פעראייניגען זיך ביידע חעמיש, ווערט פון זיי אַ פליסיגער קערפּער, וואַסער, וועלכער ברענט אַליין ניט, און מיט איהם קאָן מען נאָך איין אַנדער ברענענדען קערפּער פערלעשען. שוועבעל און קאָהלען זיינען האַרטע קערפּער און אַז זיי פעראייניגען זיך מיט זויערשטאָף חעמיש בעת׳ן ברענען, בעקוממען מיר די גאַזען: קאָהלען-זייערע און שוועבעל-גאַז, וועלכע זיינען גאָר ניט אֶהנליך צו שוועבעל און צו קאָהלען. אָט פון אַזאַ חעמישער פעראייניגונג קאָן מען נור מיט גרויס מאַטערניס אַרויסבעקוממען די איינפאַכע שטאָפּען, פון וועלכע זי איז אויפגעשטעלט. ווען מען וויל וואססער צולאָזען אויף וואססערשטאָף און זויערשטאָף, מוז מען עס זעהר שטאַרק אָנוואַרעמען.

פאַר וואָסזשע אָבער איז אַ חעמישע פעראייניגונג אַסך שטאַרקער ווי איין איינפאַכע מעכאַנישע צומישונג? די מעשה דערפון איז גאַנץ איינפאַך. אַז מיר צומישען צוויי האַרטע קערפּער, למשל, שוועבעל מיט קאָהלען, אָדער קרייד מיט צוקער, מישען מיר צוזאַמען ניט די מאָלעקולען פון די קערפּער אפילו, נור גאַנצע שטיקליך, יעדע שטיקעלע בעזונדער האָט אין זיך אפשר אַ פּאָר הונדערט מאָלעקולען, דאַרום איז זיי לייכט אָבצוטהיילען איינע פון די אַנדערע, דאָס רוב קאָן מען זיי אָפּזייפען, אָדער אָפּזונדערען דורך וואַססער. ווען מען זאָל נעהמען, למשל, אַ צומישונג פון ליים מיט זאַמד און זי גוט דורכמרייסלען אין אַ גלאָז

וואסְער, דֶערנָאךְ זָאל מֶען לָאזֶען דָאס וַואסֶער זִיךְ אָבְּשְׁטֶעהֶן, וֶועט דֶער זַאמְד זִיךְ אָבְּזֶעטְצֶען פוּן אוּנטֶען אוֹיפ'ן דֶעק גְלָאז, אוּנ דָאס רוב לֵיים וֶועט זִיךְ אָבְּזֶעטְצֶען פוּן אוֹיבֶּען אוֹיף דֶעם זַאמְד, דָאס אִיז דַאֲרִיבֶּער, וַוייל דִי קֶערֶענְדְלִיךְ זַאמְד זַיינֶען אַסַךְ גְרֶעססֶער אוּנ שְׁוֶוערֶער פַאר דִי קֶערֶענְדְלִיךְ לֵיים, דַארוּם וֶועט זִיךְ דֶער זַאמְד פְרִיהֶער אָבְּזֶעטְצֶען אוֹיפ'ן דֶעק. אָט אַזוֹי טְהֵיילְט מֶען אָב לֵיים פוּן זַאמְד, וֶוען מֶען וִויל דֶערגֶעהְן, פוּן וֶועלְכֶע עֶרְד אַ פֶעלְד בֶּעשְׁטֶעהט: פוּן לֵיימִינֶע צוּ פוּן זַאמְדִיגֶע. נוּר אַזוֹי אָבְּטְהֵיילֶען אֵיינֶע פוּן דִי אַנְדֶערֶע קֶאן מֶען נוּר בְּרֶעקֶעלִיךְ פוּן 2 הַארְטֶע קֶארְפֶּער, אִי דָאס נוּר בָּעת זֵיי זַיינֶען נִיט פוּן אֵיין גְרוֹיס, אָדֶער זֵיי הָאבֶּען נִיט אֵיין וָואג. וֶוען מִיר וֶועלֶען אָבֶּער צוּמִישֶׁען 2 גַאזֶען, דְהַיינוּ זוֹיערְשְׁטָאף מִיט וַואססֶערשְׁטָאף, וֶועלֶען מִיר זֵיי שׁוֹין אַזוֹי גְרִינְג אֵיינֶעם פוּן דֶעם אַנְדֶערְן אָבְּטְהֵיילֶען נִיט קֶאנֶען. דָאס אִיז דַאֲרִיבֶּער, וַוייל אִין אַ צוּמִישׁוּנְג פוּן הַארְטֶע קֶארְפֶּער זַיינֶען אוֹיפגֶעמִישְׁט גַאנְצֶע בְּרֶעקֶעלִיךְ; יֶעדֶער בְּרֶעקֶעלֶע הָאט אִין זִיךְ אַסַךְ מָאלֶעקוּלֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען מִיט דִי מָאלֶעקוּלֶען פוּן דֶער אַנְדֶער בְּרֶעקֶעלֶע נִיט צוּמִישְׁט. אִין אַ צוּמִישׁוּנְג פוּן גַאזֶען אָבֶּער זַיינֶען זֵייעֶרֶע מָאלֶעקוּלֶען צוּמִישְׁט אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע; דִי צוּמִישׁוּנְג אִיז דַארוּם אַ נָאהֶנְטֶערֶע אַשְׁטַייפֶּערֶע אוּנ עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוערֶער פַאנַאנְדֶער צוּנֶעהְמֶען, דָאךְ קָאן מֶען אַזַא צוּמִישׁוּנְג אוֹיךְ אָהְן אִיבֶּערִיגֶע שְׁוֶוערִיגְקֵייט צוּטְהֵיילֶען, אוּנ אַרוֹיסבֶּעקוּמֶען יֶעדֶער גַאז בֶּעזוּנְדֶער.

אִיהר וֵוייסְט דָאךְ שׁוֹין, אַז דוּרְךְ דִי שְׁפֶּאלְטֶעלֶעךְ פוּן נִיט קֵיין גֶעגְלֵייזְטֶען רֶאהרֶעל גֶעהֶען מָאלֶעקוּלֶען וַואססֶערשְׁטָאף דוּרְךְ לַייכְטֶער וִוי מָאלֶעקוּלֶען זוֹיעֶרְשְׁטָאף. אוֹיף אַזַא־נְ־אוֹפֶן קָאן מֶען אָבְּטְהֵיילֶען דִי מָאלֶעקוּלֶען וַואססֶערשְׁטָאף פוּן דִי מָאלֶעקוּלֶען זוֹיעֶרְשְׁטָאף אוּנ בֶּעקוּמֶען יֶעדֶען גַאז בֶּעזוּנְדֶער. גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ אִיז עֶס מִיט וַואסֶער: דָא זַיינֶען שׁוֹין בֵּיידֶע גַאזֶען אַ סַךְ נָאהֶנְטֶער אוּנ שְׁטַייפֶער פֶעראֵיינִיגְט אוּנ מֶען קָאן זֵיי שׁוֹין אִיצְט נִיט אָבְּטְהֵיילֶען אַזוֹי אֵיינְפַאךְ, וִוי מֶען טְהֵיילְט אָב אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען 2 שְׁטָאפֶען אִין אַ גֶעוֶואהְנְלִיכֶער צוּמִישׁוּנְג. אַז מִיר וֶועלֶען דִי וַואססֶערפַארֶע זֶעהר שְׁטַארְק אָנְוַוארֶעמֶען אוּנ זִי וֶועט

זיך צוטהיילען אויף וואססערשטאף און זויערשטאף, דאמאלס וועט מען ערשט קאנען אבטהיילען די ביידע גאזען איינעם פון דעם אנדערען, אבער כל זמן זיי זיינען נאך פעראייניגט אין וואססערפארע, קאן מען זיי בשום אופן איינעם פון דעם אנדערען ניט אבטהיילען. פאר וואס איז דאס אזוי? דאס איז דאריבער, ווייל אין וואססער זיינען די ביידע גאזען ניט פראסט צומישט, נור חעמיש פעראייניגט, אין יעדער מאלעקול וואססער געפינען זיך צוזאמען ביידע שטאפען: 2 אטאמען וואססערשטאף און איין אטאם זויערשטאף. ווען די גאזען זיינען אבער נור צומישט, ניט חעמיש פעראייניגט, דאמאלס זיינען נור די מאלעקולען זויערשטאף צומישט מיט די מאלעקולען וואססערשטאף, אבער יעדער מאלעקול פאר זיך האט אין זיך אטאמען נור פון איין שטאף: יעדער מאלעקול זויערשטאף בעשטעהט דורכאוים נור פון אטאמען זויערשטאף, און יעדער מאלעקול וואססערשטאף — דורכאוים נור פון אטאמען וואססערשטאף, דאריבער איז אזא צומישונג גרינג פאנאנדער צו לייגען אויף איהרע בעשטאנדטהיילען. דא דארף מען ניט פאנאנדערנעהמען די מאלעקולען; מען דארף זיי נור אבטהיילען איינע פון די אנדערע. אין וואססער אבער מוז מען פריהער יעדער מאלעקול פאנאנדערנעהמען, דאס הייסט: אבטהיילען די אטאמען וואססערשטאף פון די אטאמען זויערשטאף, אזוי אז די אטאמען וואססערשטאף זאלען זיך אויפציהען אין מאלעקולען וואססערשטאף, און די אטאמען זויערשטאף — אין מאלעקולען זויערשטאף: דערנאך ערשט קאן מען אבטהיילען די גאזען איינעם פון דעם אנדערען. איצטער פערשטעהט איהר שוין די נפקא מינה צווישען איין איינפאכע מעכאנישע צומישונג און צווישען א חעמישע פעראייניגונג?

— יא! — האט מלך געענטפערט — אין א מעכאנישער צומישונג זיינען צומישט קליינע שטיקעליך פון 2 קערפער, אדער מען אפילו זייערע מאלעקולען. די אטאמען אבער אין די מאלעקולען זיינען ניט צומישט; יעדער מאלעקול האט אין זיך די זעלבע אטאמען, וועלבע ער האט פריהער געהאט; די אטאמען פון איין שטאף זיינען ניט אריין אין די מאלעקולען פון דעם אנדער שטאף.

אַמֶעכַאנִישֶׁע צוּמִישׁוּנְג אִיז אֶהנְלִיךְ צוּ דִי שְׁטָאפֶען, פוּן וֶועלְכֶע זִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנ מֶען קָאן פוּן אִיהר אָהן אִיבֶּערִיגֶע שְׁוִוירִיגְקַייט אַרוֹיסבֶּעקוּמֶען יֶעדֶען שְׁטָאף בֶּעזוּנְדֶער. אִין אַ חֶעמִישֶׁע פֶערַאֵיינִיגוּנְג אָבֶּער זַיינֶען פֶערַאֵיינִיגְט אַטָאמֶען פוּן דִי בֵּיידֶע שְׁטָאפֶען אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע, אִין יֶעדֶער מָאלֶעקוּל פוּן אַ חֶעמִישֶׁער פֶערַאֵיינִיגוּנְג גֶעפִינֶען זִיךְ אַטָאמֶען פוּן בֵּיידֶע שְׁטָאפֶען אוּנ עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער פַאנַאנְדֶער צוּלֵייגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע בֶּעשְׁטַאנְדטְהֵיילֶען. אַ חֶעמִישֶׁע פֶערַאֵיינִיגוּנְג אִיז גָאר נִיט אֶהנְלִיךְ צוּ דִי שְׁטָאפֶען, פוּן וֶועלְכֶע זִי בֶּעשְׁטֶעהט; פוּן צְוֵויי אֵיינְפַאכֶע קָארְפֶּער וֶוערְט אַ צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶער מִיט גָאר אַנְדֶערֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען. אָט בְּרֶענֶען, לְמָשָׁל, וֶועט זַיין אַ חֶעמִישֶׁע פֶערַאֵיינִיגוּנְג, וַוייל דָא פֶערַאֵיינִיגֶען זִיךְ דִי אַטָאמֶען פוּן דֶעם בְּרֶענֶענְדֶען קָארְפֶּער מִיט דִי אַטָאמֶען זוֹיעֶרְשְׁטָאף אוּנ מִיר בֶּעקוּמֶען אֵיין נַייעֶם צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְטֶען קָארְפֶּער וֶועלְכֶער אִיז גָאר נִיט אֶהנְלִיךְ, נִיט צוּ זוֹיעֶרְשְׁטָאף, נִיט צוּ דֶעם בְּרֶענֶענְדֶען קָארְפֶּער — אַזוֹי לֶעהְרֶער?

— אַזוֹי, אַזוֹי! אִיהר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט פֶערְשְׁטַאנֶען — הָאט אִיהם דֶער לֶעהְרֶער גֶעלוֹיבְּט. — אִין אוּנְזֶער לוּפְט זַיינֶען דִי גַאזֶען נוּר מֶעכַאנִישׁ צוּמִישְׁט, נִיט חֶעמִישׁ פֶערַאֵיינִיגְט. דֶער אַזָאט מִיט דֶעם זוֹיעֶרְשְׁטָאף גֶעפִינֶען זִיךְ אֵיינֶער נֶעבֶּען דֶעם אַנְדֶערֶען: זֵייעֶרֶע מָאלֶעקוּלֶען זַיינֶען צוּמִישְׁט, אָבֶּער אִין יֶעדֶער מָאלֶעקוּל גֶעפִינְט זִיךְ נוּר אַטָאמֶען פוּן אֵיין שְׁטָאף: אָדֶער פוּן זוֹיעֶרְשְׁטָאף אַלֵיין, אָדֶער פוּן אַזָאט אַלֵיין. אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט, אַז אִין אוּנְזֶער לוּפְט אִיז פַארַאנֶען 4 חֲלָקִים אַזָאט אוּנ אֵיין חֵלֶק זוֹיעֶרְשְׁטָאף, אוּנ אָט דֶער זוֹיעֶרְשְׁטָאף פֶערַאֵיינִיגְט זִיךְ מִיט יֶעדֶער בְּרֶענֶענְדֶען קָארְפֶּער. בְּעֵת אַ קָארְפֶּער בְּרֶענְט אִין לוּפְט בִּילְדֶען זִיךְ דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאפֶען, ווִי בְּעֵת עֶר בְּרֶענְט אִין רֵיינֶעם זוֹיעֶרְשְׁטָאף. בְּעֵת קָאהל, לְמָשָׁל, בְּרֶענְט אִין לוּפְט, בִּילְדֶעט זִיךְ דִי זֶעלְבֶּע קָאהלֶען־זֵייעֶרֶע, אַקוּרַאט אַזוֹי ווִי וֶוען עֶר בְּרֶענְט אִין רֵיינֶעם זוֹיעֶרְשְׁטָאף. שְׁוֶועבֶּעל פֶערַאֵיינִיגְט זִיךְ בְּעֵת'ן בְּרֶענֶען מִיט דֶעם זוֹיעֶרְשְׁטָאף פוּן דֶער לוּפְט, אוּנ פוּן זֵיי בִּילְדֶעט זִיךְ דֶער גַאז: שְׁוֶועבֶּעל־גַאז. מִיט אֵיין וָוארְט, אִין לוּפְט וֶוערְט דֶער בְּרֶענֶענְדֶער קָארְפֶּער אוֹיךְ פֶערְזוֹיעֶרְט, אַקוּרַאט אַזוֹי ווִי אִין

דיינעם זויערשטאף; נור דא נעהמט זיך דער זויערשטאף פון דער לופט, וואו ער איז צומישט מיט אזאט, דארום ברענט יעדער קארפער אין לופט ניט אזוי גיך ווי אין ריינעם זויערשטאף. נור דער עיקר איז דער זעלבער; וואו וועלכער עס איז איין איינפאכער קארפער זאל ניט ברענען, אין לופט אדער אין ריינעם זויערשטאף, קומט אללע מאל פאר דאס זעלבע: זיינע אטאמען פעראייניגען זיך מיט די אטאמען זויערשטאף און זיי בילדען א נייעם צוזאמענגעזעצטען קארפער, הייסט דאס אז ברענען איז אין דעם פאל אויך ניט קיין אנדער זאך ווי א פערזויערונג, אדער א חעמישע פעראייניגונג פון דעם ברענענדען קארפער מיט זויערשטאף. כל זמן דער גאנצער זויערשטאף פון דער לופט האט זיך נאך ניט פערניצט, דאס הייסט: כל זמן אללע אטאמען זויערשטאף, וועלכע געפינען זיך אין דער לופט, האבען זיך נאך ניכט פעראייניגט מיט די אטאמען פון דעם ברענענדען קארפער, הערט נאך אלץ דאס ברענען ניט אויף; ווי נור דער גאנצער זויערשטאף וועט זיך אויסניטצען, דאס הייסט, ער וועט זיך פעראייניגען מיט דעם ברענענדען קארפער, וועט שוין דאס ווייטערדיגע ברענען זיין אונמאגליך. איך וועל אייך דאס בעווייזען מיט א פראבע.

דער לעהרער האט גענומען א קליין שטיקעל סטעארינליכט און האט עס צוגעקלעפט צום דעק פון א טעלער. אין טעלער האט ער אנגעגאסען וואססער, נאכהער האט ער אנגעצונדען דאס שטיקעל ליכט און האט עס איבערגעדעקט מיט א גלאז, אזוי, אז די ברעגעס פון גלאז זיינען געשטאנען אין וואסער.

— זעהט ברידער — האט דער לעהרער ווידער אנגעהויבען, אנווייזענדיג זיי אויף דאס ליכט, וואס האט געברענט אונטער׳ן גלאז — דער פלאם ווערט אלץ טונקעלער און טונקעלער, און אט האט זיך דאס ליכט אין גאנצען פערלאשען. איהר זעהט? אט האט זיך דאס וואססער מיט איין מאל אויפגעהייבען פון טעלער אין גלאז און האט זיך אבגעשטעלט לערך א פינפט־חלק פון די הויך פון גלאז. פאר וואס איז דאס וואססער אין גלאז ניט אריין פריהער, איידער דאס ליכט האט געברענט?

— די לופט פון גלאז — האט חוקע געענטפערט -- דאס

ניט געהאט דורך וואנען ארויס צו געהן, דארום האט זי ניט געלאזען דאס וואסער פארנעהמען איהר ארט.

— גוט, האט דער לעהרער געזאגט — הייסט עס, אז ווען איצטער איז א ביסעל וואסער אין גלאז יא אריין, איז מסתמא דארטען פון דעם ברענען געווארען ווייניגער לופט ווי פריהער, אונ דאס וואסער האט פארנומען דעם לעדיגען ארט. נור די גאנצע גלאז האט דאך דאס וואסער ניט פערנומען, מסתמא איז דאך נאך אונטערן גלאז פאראנען גענוג לופט, טו פאר וואס־זשע האט זיך דאס ליכט פערלאשען? די מעשה דערפון איז גאנץ איינפאך. ווען א קארפער וואלט קאנען אין אזאט ברענען אזוי ווי אין זויערשטאף, וואלט דאס ליכט נאך ברענען, ביז די גאנצע לופט וואלט זיך ניט פערניטצען אונ דאס וואסער וואלט זיך אויפהויבען אין גלאז ביז אויבען. אז דאס ליכט האט זיך אבער פערלאשען גלייך ווי דאס וואסער האט זיך אויפגעהויבען נור ביז א פינפט־חלק פון די הויך פון גלאז, דאס הייסט, בעת 4 חלקים פון דער לופט, וואס אונטערן גלאז, זיינען נאך געבליעבען ניט פערניצט, מסתמא קאן דאך א קארפער ברענען נור אין איין פינפט־חלק פון דער גאנצער לופט, אין זויערשטאף; ווי דער זויערשטאף האט זיך פערניצט, האט זיך דאס ליכט געמוזט פערלעשען, ווייל אין די איבעריגע פיער חלקים פון דער לופט, אין אזאט קאן קיין קארפער ניט ברענען. —

— איך פערשטעה נאך אלץ ניט, — האט מלך געזאגט. — פאר וואס דאס וואסער האט זיך אפגעשטעלט אונ איז ניט ארויף העכער. ווי באלד אז אונטערן גלאז אין שוין מעהר קיין זויערשטאף ניט דא, צושפרייט זיך דאך דער אזאט אונ פארנעהמט דעם ארט וואס פריהער האבען ביידע גאזען, דער זויערשטאף מיט דעם אזאט, פערנומען; די לופט ווערט אינווענדיג שיטערער ווי פון דרויסען; די אויסווייניגסטע לופט דריקט אויפ'ן וואסער וואס אין טעלער מיט מעהר קראפט ווי די אינווייניגסטע, דארף זי דאך אריינשטויסען דאס וואסער אין גלאז ביז אויבען?

— וואס פארשטעהט איהר דא ניט? ווי דאס וואסער פארנעהמט דעם ארט פון דעם זויערשטאף, מוז זיך דאך דער

אזאט צונויפדריקען און פערגעמען גריק דעם זעלביגען ארט וואס פריהער, איידער דאס ליכט האט געברענט; איצטער ווערט שוין די לופט אינוועניג אין גלאז ווידער די זעלביגע געדיכקייט ווי פריהער און מעהר קיין וואסער קאן שוין די אויסוועניגסטע לופט אין גלאז ניט אריינשטויסען.

— איך פערשטעה דאס עפעס ניט... האט אברהם געזאגט — די לופט איז געווארען שיטערער און נאכהער ווידער געדיכטער... פריהער דריקט די אויסוועניגסטע לופט שטארקער פאר די אינוועניגסטע און דערנאך דריקען זיי גלייך... פאר מיר איז דאס עפעס תרגום. אפשר וועט איהר עס מיר ערקלערען מיט א משל?

— גוט, איך וועל מיך פרובען. אין אונזער לופט איז א פינפט-חלק פון אללע מאלעקולען — זויערשטאף מאלעקולען. בעת דאס ליכט ברענט, געהען די מאלעקולען זויערשטאף אוועק פון אונטערן גלאז; דארטען שטעלען זיך אב נור די מאלעקולען אזאט; אונטערן גלאז איז שוין איצטער דא מיט א פינפט-חלק ווייניגער מאלעקולען ווי עס [illegible]וועזען פריהער. לאמיר זיך פארשטעלען, למשל, אז אונטע[illegible] גלאז איז געווען אין גאנצען 100 מאלעקולען און זיי האבען אלע פערנומען איין ארט פון 5 קוביק צאלל. פון די 100 מאלעקולען וועט זיין א פינפט-חלק, דאס הייסט 20 מאלעקולען, זויערשטאף און פיער חלקים, דאס הייסט 80 מאלעקולען, אזאט. פריהער, איידער דאס ליכט האט געברענט, איז אויסגעקומען אויף יעדער קוביק צאלל צו 20 מאלעקולען: 4 מאלעקולען זויערשטאף און 16 אזאט; נאכדעם ווי דאס ליכט האט געברענט, האבען זיך אונטער'ן גלאז אבגעשטעלט ניר די 80 מאלעקולען אזאט, אויף יעדער קוביק צאלל קומט שוין איצטער מעהר ניט אוים ווי צו 16 מאלעקולען. איהר ווייסט דאך, אז די מאלעקולען לופט ציהען זיך צו פאנאנדערפליהען אין אללע זייטען. דארום קלאפען זיי זיך אללע ווייל אב אן די ווענדליך פון גלאז און אן די אויבערפלאכע פון וואסער און שפרינגען אב צוריק. פריהער האבען זיך אן יעדער קוביק צאלל פון וואסער וואס אונטער'ן גלאז אבגעקלאפט 20 מאלעקולען; איצטער קלאפען

זיך מעהר ניט אב וויא 16. פון דרויסען אבער האט זיך די לופט ניט געביטען ; דארט איז ווי פריהער אין יעדער קוביק צאל פאראנען 20 מאלעקולען , איז פון איין זייט שטויסען דאס וואססער 20 מאלעקולען אין גלאז אריין ; פון דער אנדער זייט שטויסען עם צוריק אין טעלער נור 16 מאלעקולען , פארשטעהט זיך , אז דאס וואססער געהט אהין , פון וועלכע זייט מען שטויסט עס וועניגער ; עס הויבט זיך אויף אונ פארנעמט א פינפט חלק פון דעם גאנצען פלאטץ וואס אונטער'ן גלאז , דאס הייסט : איין קוביק צאלל , ווייל מיר שטעללען זיך דאך פאר אין אונזער משל , אז אין גאנצען איז געוועזען אונטער'ן גלאז 5 קוביק צאלל לופט . אונטערן גלאז שטעלט זיך איצטער אב פיער קוביק צאלל לעדיג ארט , וועלכען דאס וואססער האט ניט פערנומען אין דעם ארט געפינען זיך , וויא איהר ווייסט , 80 מאלעקולען אזאט , דאס הייסט , אויף יעדער קוביק צאלל קומט איצט אויס אינטערן גלאז צו 20 מאלעקולען ; נור אין א קוביק צאלל לופט איז דאך אויך פאראנען , ווי מיר האבען זיך פארגעשטעלט , אקוראט 20 מאלעקולען , הייסט עס , אז איצטער וועט זיך שוין פון דרויסען אונ פון אינוועגדייג אבקלאפען אן דיא אבערפלעכע פון וואססער א גלייכע צאהל מאלעקולען : די לופט וועט דריקען פון ביידע זייטען מיט גלייכע קראפט אונ דאס וואססער וועט זיך שוין דארום מעהר אין גלאז ניט אויפהייבען . איצטער פארשטעהט איהר ?

— יא , איך פערשטעה גוט — האט אברהם געענטפערט מיט א צופריעדענעם שמייכעל .

— איהר זאגט — האט העשעל געפרעגט — אז דער זויערשטאף האט זיך בעת'ן ברענען אויסגעניצט , וואו איז ער אהין געקוממען ?

— ער האט זיך פעראייניגט מיט די שטאפען פון ליכט . אין דעם סטעארין , פון וועלכען דאס ליכט איז געמאכט , איז פאראנען אי קאהלענשטאף , אי וואססערשטאף . בעת אז דאס ליכט ברענט , ווערען די ביידע שטאפען פערזויערט , דער קאהלענשטאף פעראייניגט זיך מיט דעם זויערשטאף פון לופט אונ בילדעט

קאהלענ-זייערע. דער וואססערשטאף ווערט אויך פערזויערט און בילדעט וואססער.

— פון וואנען ווייסט מען דאס, אז אין סטעארין געפינט זיך קאהלענשטאף? — האט חנ'קה געפרעגט.

— דאס קען מען זיך אליין לייכט ערקונדיגען. נעמט א מעססער און האלט עס הארט איבער דאס ברענענדע ליכט, אזוי אז איהר זאלט אביסעל בעדעקען דעם פלאם, וועט איהר באלד זעהען, אז דאס מעססער האט זיך בעדעקט מיט א געדיכטע שווארצע סאזשע. פון קאלטען מעססער האבען זיך אסך פיצינקע ברעקעליך קאהל אבגעקיהלט און האבען שוין ניט געקאנט זיך פעראייניגען מיט דעם זויערשטאף און בילדען קאהלענ-זייערע. דארום האבען זיי זיך אבגעזעצט אויפן מעססער. אט דאס איז די סאזשע וועלכע איהר זעהט אויפ'ן מעססער.

— און פון וואנען ווייסט מען אז בעת דאס ליכט ברענט, בילדעט זיך קאהלען-זייערע? האט ווידער חנ'קה געפרעגט.

— דאס קאן מען זיך אויך ערקונדיגען. ריינע קאלך צולאזט זיך אין וואססער. אז מען צופיהרט אביסעל ריינעם קאלך אין א פולע וואססער, בעקומט מען א קלארע, דורכזיכטיגע פליססיגקייט, וועלכע רופט זיך קאלך-וואססער. ווען קאלך איז אבער חעמיש פעראייניגט מיט דעם גאז קאהלענ-זייערע צולאזט ער זיך שוין ניט אין וואססער. ווען מיר זאלען באלד ווי דאס ליכט האט זיך פערלאשען, אריינגיסען אין אונזער גלאז א ביסעל ריינעם קאלך-וואססער און גוט צוטרעסלען, וועט דאס וואססער ווערען מילך-ווייס און ניט דורכזיכטיג; עס וועלען זיך אנהויבען אבזעצען פיצינקע ברעקעליך קרייד. דאס א סימן, אז דער קאלך האט זיך חעמיש פעראייניגט מיט דעם גאז קאהלענ-זייערע און אזוי ווי איצטער צולאזט ער זיך שוין ניט אין וואססער, איז ער דארום אבגעשטאנען בעזונדער אין געשטאלט פון פיצינקע ווייסע ברעקעליך. פון וואנען נעמט זיך אין גלאז דיא קאהלענ-זייערע? ניט אנדערש אז פון דעם פערברענטען ליכט. אט זעהט איהר, אז בעת דאס ליכט ברענט, בילדעט זיך דער גאז קאהלענ-זייערע.

— איהר האט נאך געזאגט, אז בעת דאס ליכט ברענט

בילדעט זיך וואססער-פארע. פון וואנען ווייס מען דאס? — האט זיידער חוקה געפרעגט.

— דאס קאנט איהר די מינוט זעהען. איהר זעהט, אז אונזער גלאז האט אינוועגדיג אנגעהויבען שוויטצען, דאס הייסט, זיינע ווענדליך האבען זיך בעדעקט מיט פיצינקע טראפען וואססער? אט דאס איז דאס וואססער, וואס האט זיך געבילדעט בעת'ן ברענען. פריהער איז עס געווען אין געשטאלט פון פארע, נור אז דער אזאט וואס אונטער'ן גלאז האט זיך אבגעקיהלט, האט ער דאך שוין ניט געקאנט איינהאלטען אין זיך אזוי פיעל וואססער-פארע וויא פריהער, ווייל אין ווארעמער לופט קאן זיך דאך ווי איהר ווייסט, איינהאלטען א סך מעהר וואססער-פארע ווי אין קאלטער, דארום האט זיך דער גראסטער טהייל פארע אבגעזעצט אויף די ווענדליך פון גלאז אין געשטאלט פון קליינע טראפען פליסיגע וואססער.

— איהר האט געזאגט — האט זיך אפגערופען מלך — אז נאך דעם ווי דאס ליכט האט זיך פערלאשען, איז אונטער'ן גלאז געבליעבען נור דער אזאט. מילא די וואססער-פארע האט זיך אפגעזעצט אויף די ווענדליך פון גלאז; אבער וואו איז אהין געקוממען דער גאז קאהלענ-זייערע?

— איהר דארפט וויססען — האט דער לעהרער געענטפערט, — אז קאהלענ-זייערע צולאזט זיך אין וואססער אזוי גוט ווי צוקער, זאלץ אונ אסך אנדערע הארטע קארפער. אזוי ווי מיר האבען אונטער'ן גלאז אסך וואססער, האט זיך די גאנצע קאהלענ-זייערע אין דעם וואססער צולאזען, דאס הייסט: די מאלעקולען קאהלענ-זייערע זיינען אריין אין די פארען, וואס צווישען די וואססער-מאלעקולען, הייסט עס, אז איצטער איז כמעט דאס גאנצע לעדיג ארט אונטער'ן גלאז פערנומען מיט אזאט, ווייל ער בלייבט ניט פעראייניגט בעת'ן ברענען, אונ אין וואססער צולאזט ער זיך אויך וועניג. אקוראט אזוי ווי עס ברענט סטעארין, ברענט אויך האלץ, שטרוי אונ אנדערע קארפער. האלץ אונ שטרוי זיינען ביידע צוזאמענגעזעצטע קארפער, זיי האבען אין זיך אויך קאהלענשטאף מיט וואססערשטאף. נור די שטאפפען זיינען

דארטען פעראייניגט מיט איינינגע אנדערע איינפאכע קיי רפע. בעת'ן ברענען ווערט דער קאהלענשטאף מיט דעם וואזס רשטאף פערזויערט; זיי בילדען קאהלען־זייערע און וואססער־פארע; דער רויך וואס געהט בעתן ברענען, בעשטעהט פון קאהלע־זייערע. וואססער־פארע און פון פיצינקע ברעקעליך קאהל, וועלכע האבען ניט בעוויזען אין גאנצען זיך צו פעראייניגען מיט דעם זויערשטאף אין קאהלען־זייערע, און די אנגעוואַרעמטע לופט טראגט זיי אוועק מיט זיך. די ברעקעליך קאהל, וועלכע געפינען זיך אין רויך, זיינען פעראייניגט מיט אלערליי פעטקייטען, וועלכע געפינען זיך אין האלץ, ווי סמאלע און דערגלייכען.

— און פאר וואס שטעלט זיך אב אש בעת האלץ ברענט? — האט מלך געפרעגט.

— איך האב דאך אייך שאן געזאגט, אז אויסער וואססער־שטאף און קאהלענשטאף געפינען זיך אין האלץ נאך אנדערע שטאפען. אין האלץ געפינען זיך פערשיעדענע שטאפען, וועלכע בייטען זיך ביי זעהר א גרויסע היטץ אויך ניט אום, ווי א למשל, קאלך, זאמד, אייזען און אנדערע דערגלייכען שטאפען. אט פון די שטאפען בעשטעהט די אש, וועלכע בלייבט נאכ'ן ברענען.

איהר ווייסט דאך שוין, אז בעת א קארפער ברענט, פער־ניצט זיך דער זויערשטאף פון לופט; דאריבער איז נעטהיג אז בעת'ן ברענען, זאל זיך די לופט שטענדיג בייטען; די איבער־געפיהרטע לופט וועלכע האט שוין אין זיך מעהר קיין פרייען זויערשטאף ניט, זאל ארויס, און אויף איהר ארט זאל צוקומען פרישע לופט מיט פרייען ניט קיין פערניצטען זויערשטאף. דער אויווען הייצט זיך דארום גוט נור דאמאלס, ווען דער קוימען איז אפען; אז דער קוימען איז פערמאכט, ברענט האלץ שלעכט און עס רויכערט שטארק. בעת אז דער קוימען איז אפען, געהט די אנגעווארעמטע איבערגעפיהרטע לופט ארויס דורכ'ן קוימען אויף דרויסען, און אויף איהר ארט קומט אנייער שטראם קאלטע פרישע לופט, אין וועלכע דער זויערשטאף איז נאך אין קאהלען־זייערע ניט איבערגעגאנגען. וואס פרייער צום אויווען קומט צו פרישע לופט און די איבערגעפיהרטע געהט אוועק אין קוימען,

ווּעט אַרְץ אַרוּם דִי בְּרֶענֶענְדֶע הָאלְץ זַיין מֶעהרֶער זויֶערְשְׁטָאף , וֶועט אַלְץ גִיבֶער אוּנ שְׁטַארְקֶער בְּרֶענֶען . וֶוען מֶען הָאט אָבֶּער דֶעם קוֹימֶען פַארְגֶעסֶען צוּ אֶפֶענֶען , קוּמְט צוּם אוֹיוֶוען שְׁוֶוער צוּ פְרִישֶׁע לוּפְט אוּנ דִי אִיבֶּערְגֶעפִיהרְטֶע לוּפְט הָאט נִיט דוּרְךְ וַואנֶען אַרוֹיס צוּ גֶעהְן ; דִי קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע מִיט דִי וַואססֶער-פַּארֶע פֶערְשְׁפְּרֵייטֶען זִיךְ אִיבֶּער'ן שְׁטוּבּ , אַרוּם דִי הָאלְץ אִיז פַארַאנֶען וֶוענִיג זוֹיֶער-שְׁטָאף ; דֶער קָאהלֶענשְׁטָאף , וָואס אִין דִי הָאלְץ , וֶוערְט אִין גַאנְצֶען נִיט פֶערבְּרֶענְט ; אַסַךְ פִּיצִינְקֶע בְּרֶעקֶעלִיךְ קָאהל צוּטְרָאגֶען זִיךְ אִיבֶּער'ן שְׁטוּבּ צוּזַאמֶען מִיט דִי קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע אוּנ דִי וַואססֶער-פַּארֶע ; אִין שְׁטוּבּ וֶוערְט רוֹיכִיג . אִיהר וֵוייסְט דָאךְ שׁוֹין , אַז אִין קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע קָאן קֵיין לֶעבֶּעדִיג זַאךְ נִיט אָטְהֶעמֶען . וֶוען אִין 100 טְהֵיילֶען לוּפְט גֶעפִינְט זִיךְ 4 אָדֶער 5 טְהֵיילֶען קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע , מוּזֶען שׁוֹין מֶענְשֶׁען אוּנ אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכֶען אִין אַזַא לוּפְט דֶערשְׁטִיקְט וֶוערֶען . נוּר וֶוען אֲפִילוּ אִין לוּפְט אִיז פַארַאנֶען וֶוענִיגֶער קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע , אִיז שׁוֹין אוֹיךְ שְׁוֶוער אִין אִיהר צוּ אָטְהֶעמֶען ; דַארוּם אִיז שֶׁעדְלִיךְ פַאר דִי גֶעזוּנְד זִיךְ אָבְצוּשְׁטֶעלֶען לַאנְג אִין אַרוֹיכִיגֶער שְׁטוּבּ ; אִין רוֹיךְ אִיז דָאךְ חוּץ דִי קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע נָאךְ פַארַאנֶען בְּרֶעקֶעלִיךְ קָאהל , וֶועלְכֶע פַאלֶען אוֹיף דִי לוּנְגֶען אוּנ פַארטְרֶעסְלֶען דִיא אוֹיגֶען . אַז דֶער קוֹימֶען אִיז אָפֶען , שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבּ וֶוענִיגֶער בְּרֶעקֶעלִיךְ נִיט פַארבְּרֶענְטֶען קָאהל ; עֶס רוֹיכֶערְט וֶוענִיגֶער , אוּנ דֶער רוֹיךְ גֶעהְט אַרוֹיס דוּרְכ'ן קוֹימֶען אוֹיף דְרוֹיסֶען . דֶער רוֹיךְ , וָואס גֶעהְט פוּן קוֹימֶען , בְּעֵת צוּם אֵייוֶוען קוּמְט צוּ גֶענוּג פְּרִישֶׁע לוּפְט , אִיז נִיט אַזוֹי גֶעדִיכְט אוּנ שְׁוַוארְץ וִוי דֶער רוֹיךְ וָואס גֶעהְט בְּעֵת אַז צוּ דִי הָאלְץ קָאן נִיט צוּקוּמֶען גֶענוּג פְּרִישֶׁע לוּפְט . אִיהר וֵוייסְט דָאךְ , אַז דֶער רוֹיךְ בֶּעשְׁטֶעהְט פוּן קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע , וַואססֶער-פַּארֶע אוּנ בְּרֶעקֶעלִיךְ קָאהל . דִי קָאהלֶענ-זַייעֶרֶע אוּנ דִי וַואססֶער-פַּארֶע זֶעהֶען מִיר נִיט , וַוייל זֵיי זַיינֶען דָאךְ גַאזֶען , אוּנ גַאזֶען זַיינֶען אַם מֵייסְטֶען טְהֵייל אוּנזִיכְטְבַּאר . דָאס וָואס מִיר קָאנֶען דֶעם רוֹיךְ זֶעהֶען , אִיז נוּר צוּלִיעבּ דִי בְּרֶעקֶעלִיךְ שְׁוַוארְצֶען קָאהל , וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אִיהם . בְּעֵת אַז צוּ דִי הָאלְץ קוּמְט שְׁוֶוער צוּ פְרִישֶׁע לוּפְט , אִיז אוֹיךְ אִין רוֹיךְ פַארַאנֶען מֶעהר בְּרֶעקֶעלִיךְ קָאהל אוּנ עֶר אִיז

דארום געדיכטער און שווארצער, ווי בעת עס קומט צו גענוג פרישע לופט. אפילו בעת דער קוימען איז אפען, זעצט זיך דאך אפ אויף זיינע וואנדליך ביי יעדען מאל הייצען אביסעל סאזשע, דאס הייסט ברעקעליך ניט פעראייניגטען קאהל. דארום מוז מען דעם קוימען אפט אויסקעהרען, ווען ניט, קאן אמאל די סאזשע זיך אנכאפען, בעת מען הייצט דעם אויווען שטארק, און עס קאן ווערען א שרפה.

אז מען פערמאכט צו פריה דעם קוימען, ווערט אין שטוב א משאד. אט פון וואס דער משאד קומט: איהר ווייסט דאך שוין, אז בעת'ן ברענען פעראייניגט זיך דער קאהלענשטאף מיט דעם זויערשטאף. נור דער קאהלענשטאף קאן זיך פעראייניגען מיט מעהר זויערשטאף און קאן זיך אויך פעראייניגען מיט וועניגער זויערשטאף; פערשטעהט זיך אז ווען דער קאהלענשטאף וועט זיך פעראייניגען מיט מעהר זויערשטאף, וועלען מיר בעקומען גאר איין אנדער קערפער, ווי בעת ער וועט זיך פעראייניגען מיט וועניגער זויערשטאף. בעת צו די האלץ קומט צו גענוג זויערשטאף בילדעט זיך דער גאז קאהלען-זייערע, אין וועלכען יעדער מאלעקול בעשטעהט פון איין אטאם קאהלענשטאף און 2 אטאמען זויערשטאף. בעת אז צו די האלץ קומט אבער צו וועניג זויערשטאף, קאן זיך שוין יעדער אטאם קאהלענשטאף ניט פעראייניגען מיט 2 אטאמען זויערשטאף; אסך אטאמען פעראייניגען זיך יעדערער נור מיט איין אטאם זייערשטאף, עס בילדעט זיך דער גאז קאהלענזויער-שטאף, אין וועלכען יעדער מאלעקיל בעשטעהט נור פון 2 אטאמען; איין אטאם זויערשטאף און איין אטאם קאהלענשטאף. דער גאז קאהלען-זויערשטאף איז זעהר א גיפטיגער. ווען אין לופט זאל זיך נור געפינען איין הונדערט חלק קאהלען-זויערשטאף קאן שוין קיין לעבעדיג זאך אין אזא לופט ניט אטהעמען. ווען עס איז אין לופט פאראנען וועניגער ווי א הונדערט-חלק קאהלען-זויערשטאף, קאן מען יא אטהעמען אין אזא לופט, נור עס הויבט אן וועה צו טאן דער קאפ, עס ווערט ניט-גוט און, ווען מען האט אין זיך אסך קאהלען-זויערשטאף אריינגעאטהעמט, קאן מען חלש'ן און אפילו שטארבען אייך; מיט איין ווארט: פון דעם קאהלען-זויערשטאף

ווערט מען, ווי מיר דריקען זיך אוים, פערטשאדט. אז מען פערמאכט דעם קוימען בעת אין אויוען איז נאך דא ניט קיין אויסגעברענטע קאהלען, קאן שוין צו די קאהלען ניט צוקומען גענוג זויערשטאף, אונ אנשטאט קאהלען-זויערע בילדעט זיך דער גאז קאהלען-זויער-שטאף; דער גיפטיגער גאז געהט ארוים פון אויוען אונ צומישט זיך מיט די לופט פון שטוב; צוזאמען מיט די לופט פאלט דער קאהלען-זויערשטאף אריין אין אונזער לונגען אונ פון דארטען אין די בלוט; דער גיפטיגער גאז מאכט אזוי פיעל פעראנדערונגען אין אונזער בלוט, אז אונז ווערט ניט גוט; מיר ווערען פערטשאדעט. ווי איהר זעהט, האט זיך דער גאז קאהלען-זויערשטאף געבילדעט, ווייל דער קאהלען-שטאף האט זיך פעראייניגט מיט צו וועניג זויערשטאף. ווען צום אויוען וועט אבער צוקומען נאך זויערשטאף, וועט זיך דער קאהלען-זויערשטאף מיט איהם פעראייניגען, אין יעדער מאלעקול וועט צוקומען נאך איין אטאם זויערשטאף; צוזאמען וועט שוין איצטער אין יעדער מאלעקול זיין 2 אטאמען זויערשטאף אונ איין אטאם קאהלענשטאף; פון דעם קאהלען-זויערשטאף וועט זיך בילדען קאהלען-זויערע. דער קאהלען-זויערשטאף וועט דאמאלס ברענען מיט א בלאס בלוליך פייער'ל. איהר האט געוויס געזעהן, ווי ביי'ם אויפהייצען בעווייזט זיך אפט איבער די גליהענדע קאהלען א בלויליך פייערל; דאס ברענט דער קאהלען-זויערשטאף. ביים סוף הייצען צוהיצט שוין די לופט ניט אזוי שטארק אין אויוען; צו די גליהענדע קאהלען קומט שוין איצט ניט צו אזוי פיעל זויערשטאף ווי פריהער, דארום קאנען זיי גלייך אין קאהלען-זויערע ניט איבערגעהן, עס בילדעט זיך פריהער דער גאז קאהלען-זויערשטאף; נאכהער פער-אייניגט זיך דער קאהלען-זויערשטאף מיט נאך זויערשטאף, וועלכער קומט מיט די פרישע לופט; ער ברענט אונ בילדעט קאהלען-זייערע. איצט ווייסט איהר שוין, אז ווען וועלכער עס איז א קארפער ברענט, ווערט ער ניט כלה אין גאנצען, נור ער פעראייניגט זיך מיט דעם זויער-שטאף פון לופט אונ בילדעט מיט איהם נייע חעמישע פעראייניגונגען.